STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09566

ALE VERK

David Frischmann

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק
פון דוד פרישמאַן

דוד פרישמאַן

ערשטער באַנד

ערשטע אויפלאגע

מיט דער אויטאָביאָגראפיע פון מחבר און בילדער

(נאָך בילדער אין צווייטן באַנד)

Published by

LILI FRISHMAN IN MEXICO CITY

אַרויסגעגעבן דורך לילי פרישמאַן

דוד פרישמאַן
געבוירען ה׳ טבת תרכ״ה — געשטאָרבען י׳ אב תרפ״ב

פרוי לילי פרישמאַן

געשטאַלטען

אַלע רעכט רעזערווירט

Copyright by Lili Frishman
1 9 4 8

Este libro fué impreso en los talleres linotipográficos "SABER"
Bajío 319 — México, D. F.

פרישמאַנ'ס אויטאָביאָגראַפיע

(פון אַ בריעף צו ש. ל. ציטראָן)

לאָדז, 14 נאָוועמבער, 1898.

געעהרטער הערר:

איך גיב אייך גערן איבער די נאָטיצען און ידיעות, וואָס איהר פערלאַנגט פון מיר, אָבער איך בין שטאַרק מסופק, צי זיי וועלען זיין אַזוי „וויכטיג", ווי איהר שטעלט זיך פאָר,

איך בין געבוירען געוואָר'ען ה' טבת תרכ"ה — אַזוי איז פערשריבען אויף דער צווייטער זייט פונים שער־בלאַט פון עפעס אַניאַלטען „מגן־אברהם", וואָס איז געווען ביי אונז אין שטוב. די דאָזיגע דאַטע שטימט נישט מיט יענער, וואָס איז פערשריבען אין די געבורטס־ביכער פון דער מאַכט. מיין געבורטס־אָרט איז זגיערזש ביי לאָדז, אָבער נאָך ווען איך בין אַ קליין קינד געווען, האָבען מיינע עלטערן זיך אַריבערגעצויגן קיין לאָדז, איך שטאַם פון אַ זעהר אָנגעזעהענער און מיוחסידיגער משפחה, וואָס האָט אַרויסגעגעבען רבנים אָהן אַ צאָהל, אָבער מיין טאַטע און מיין זיידע, ווי אויך דער רוב פון אונזער פאַמיליע זענען געווען סוחרישע מענשען, פון די גרויסע פאַבריקאַנטען אין אונזער שטאָדט, אַלע גבירים אַדירים. איך דערמאָהן דעם דאָזיגען פרט, ווייל דאָס האָט אויף מיר אין מיין קינדהייט באמת געהאַט אַ גרויסע השפעה, און פיליכט וועט איהר זיך דערמיט קענען ערקלערען מאַנכע זאַכען, וואָס זעהען־אויס אין פלוג, ווי אויסטערליש. די לאָדזער לופט מאַכט יעדענפאַלס קלוג און דערלאָזט נישט אפילו דעם גרעסטען שוטה צו ווערן קיין בטלן, און אַ פשיטאָ שוין אַז איינער וואַקסט צווישן סוחרים און אין אַ סביבה, וואָס קומט כסדר אין בעריהרונג מיט פערשידענע מענשען. דאָס גיט איהם אַ געוויסע פעסטקייט אָדער זיכערקייט וואו ער שטעהט און געהט נאָר און אין אַלץ וואָס ער טהוט, אָדער זאָגאַר, אויב איהר ווילט, אַ געוויסע חוצפה. — מיין פאָטער האָט געהאַט אַ דרייסטען, שאַרפען און געשליפענעם שכל, וואָס האָט נישט קיין גלייכען. ווען איך זאָג „וואָס האָט נישט קיין גלייכען", האָב איך מורא, אַז איהר וועט פערשטעהן דעם אויסדרוק ווי אַ פראַזע, איך מיין עס אָבער גענוי, מיין כוונה איז דערמיט צו זאָגען, אַז איך האָב נאָך קיין עהנליכען צו איהם נישט געזעהן, און עס טהוט מיר נאָר לייד, וואָס איהר וועט די דאָזיגע ווערטער אָנגעהמען בלויז ווי אַ מיינונג פון אַ זוהן איבער זיין טאַטע, וועהרענד איך ווייס, אַז איך בין מסוגל, קריטיש צו אורטיילען אויך איבער זאַכען און מעשים פון אַ מענשען,

וואָס איז צופעליג מיין פאָטער און אַז נאָר דורך אַ גאַנץ מיושבידיגע און קלאָרע בעטראַכטונג, פריי פון יעדער טענדענץ, פלעג איך תמיד קומען צום בעשלוס, אַז דער דאָזיגער מענש איז געווען דער קלוגסטער פון אַלע מענשען, וואָס איך האָב ביז אויפן היינטיגען טאָג געזעהן. — דער דאָזיגער פאָטער מיינער איז געשטאָרבען מיט פיר יאָהר צוריק. אויב סיוועט עמיץ אין מיר געפינען עפעס אַ קריטישע און זוכערשיע נאַטור, האָב איך עס בירושה פון מיין טאַטענס זייט. פון דער מוטערס זייט און פון איהר פאַמיליע, אין וועלכער סידענען פאַרהאַן אויך מאַנכע בּריהמטע מאָלעו'ס, האָב איך איבערגענומען די נייגונג צו טרוימען און פאַנטאַזירען. אַ פאָרשענדער גייסט און אַ פּאָעטיש געמיט — אָט דאָס זענען ווירקליך געווען די צוויי עלעמענטען, וואָס האָבען מיך גלייכצייטיג בעהערשט און ביז אויפין היינטיגען טאָג האָבען זיי נישט אויפגעהערט צו שטרייטען אין מיר. איך געדענק, אַז ווען עס זענען אָבגעדרוקט געוואָרען מיינע ערשטע קריטישע אַרטיקלען מיט דער גאַנצער איבערגעטריבענער האָפּערדיגקייט און ביטול, וואָס איז אין זיי געווען, האָט מען געזאָגט אויף מיר, אַז דאָס איז דער שניט פון אַ מענש, וואָס האָט נישט קיין האַרץ און פערמאָגט בלויז אַ געהירן, און ווען עס זענען ווידער אַבגעדרוקט געוואָרען מיינע ערשטע לידער אָדער מיינע ערשטע קליינע ערצעהלונגען, וועלכע זענען געשריבען מיט אַ געוויסער לירישער שטימונג און כמעט מיט צו פיעל סענטימענטאַליטעט, האָבען מיר די זעלבע מענשען נישט געגלויבט זייערע אייגענע אויגען. קיינמאָל איז מיר נאָך נישט געשעהן קיין גרעסטער אונרעכט, ווי ווען עמיץ זאָגט אויף מיר אָב, אַזוי פערבייגעהענדיג, אַז איך בין בלויז אַ „לץ". דאָס דאָזיגע וואָרט פלעגט מיר תמיד געבען אַ טיעפען ראַץ אין האַרצען. פון דער נאַטור בין איך נידערגעשלאָגען, פעריחלומ'ט און מעלאַנכאָליש.

אין מיין קינדהייט האָב איך בעקומען אַניאַזויגערופענע גוטע ערציהונג, ערציהער און ערציהערינס, לעהרער און לעהרערינס האָבען מיר קיינמאָל נישט געפעהלט. פילייכט נישט פיעל קינדער פון מיינסגלייכען זענען געווען אין אַזאַ גליקליכער לאַגע, אַז זיי זאָלען געהן, למשל, צום רב הערען שיעור און דאָרט זיך אַמפּערען. איבער אַ האַרבען רמב"ם און גלייכצייטיג רעדען פּו'אַנצויזיש מיט דער גוב'ערנאַנטין אָדער נעהמען אַ לעקציע פון מוזיק, צי לערנען טאַנצען. דאָס לער'נען האָב איך בכלל ליעב געהאַט, גאַנץ גלייך וואָס פאַר אַ געגענשטאַנד דאָס איז געווען. איך האָב מיך געלערנט מיט גרויס פלייס און פיעל פערשטענדניש און האָב שטאַרק הנאה געהאַט פונים לערנען, און וואָס צאָהלרייכער עס זענען געוואָרען די לעהר־פאַכען און די פערשידענע לעקציעס פון פאַרשיעדענע געביטען, אַלץ גרעסער איז געווען דער פערגעניגען, וואָס איך האָב אין זיי געפונען. וואָס אָנבעלאַנגט לעזען, בין איך תמיד געווען דאָס, וואָס מירופט אַ „ביכער־וואָרם",

און ס'איז נישט געווען קיין בוך, וואָס איז מיר אונטער דער האַנט געקומען, אַז איך זאָל עס נישט לעזן. פון דער דאָזיגער איבערטריבענער לוסט צום לעזן האָב איך זיך נאָך ביז איצט נישט באַפרייט, און איך בין שוין כמעט בלינד געוואָרן דערפון. — ווען איך בין געווען אַ קליין יונגל, האָבן מיר געהאַט אַ מלמד, וואָס פלעגט יעדן דאָנערשטאָג פאָרלייענען פאַר זיינע תלמידים די וואונדערליכע געשיכטען פון „ספר הישר". און די דאָזיגע געשיכטען, ווי די ערצעהלונגען פון מיין מאַמע און פון מיין באָבע האָבן עס אויפגעוועקט און צעשפּילט מיין פאַנטאַזיע. דערצו איז נאָך צוגעקומען דער דיין, ביי וועלכן איך האָב דערנאָך געלערנט, זייענדיג קוים אַכט יאָהר אַלט, און ער האָט נישט געפונען פאַר מיר עפּעס מעהר פּאַסיגעס, ווי לערנען מיט מיר דעם „יסוד ושורש העבודה" אָדער „קל"ח פתחי חכמה" און עהנליכעס, און צום סוף האָט ער מיך אויך אַריינגעפיהרט אין די קבלה. שטעלט זיך פאָר : אַניאַכט יעהריג יונגל און חכמת־הקבלה !

העברעאיש האָב איך אָנגעהויבן שרייבן, ווען איך בין נאָך גאָר יונג געווען. מיין ערשטע קליינע ערצעהלונג איז געדרוקט געווען אין „השחר" 9־טער יאָהרגאַנג, זי האָט געהייסען „המורה צדק". איך בין דאַן געווען דרייצעהן יאָהר אַלט. איך האָב אויך דאַן אָנגעשריבן דעם שיר „לטובת הכלל", וועלכער איז אויך דאָרט געדרוקט געווען. אין „הבקר אור", 2־טער יאָהרגאַנג, איז געדרוקט געוואָרן מיין סאָנעט „ביום מלאת לי חמש־עשרה שנים". איך האָב דענסמאָל געשריבן אויך דייטש פאַר די דייטשע צייטשריפטען, וואָס זענען ערשינען אין לאָדז, און שפּעטער אויך אין אויס־לענדישע צייטשריפטען. ווען איך בין נאָך גאָר יונג געווען, בין איך אַרויס־געפאָהרען קיין דייטשלאַנד, וואו איך האָב פערקעהרט אין דער געזעלשאַפט פון די בעוואוסטע דייטשע שריפטשטעלער. אויערבאַך, בערנשטיין, א. ד. גל. האָבן אויף מיר געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק, ווען כ'האָב אָנגעהויבן איבערזעצן בערנשטיינס „נאַטור־וויסענשאַפט", בין איך אַלט געווען 17 יאָהר, און איך האָב צו יענער צייט טאַקע אַליין אויך פיעל שטודירט נאַטור־וויסענשאַפט.

אַ העברעאישער מחבר בין איך געוואָרען כמעט אָהן מיין וויסען, און, אויב איך קען זיך אַזוי אויסדריקען, כמעט געגען מיין ווילען. פאַראַיאָהרען האָב איך געלעזן, וואָס איהר האָט געשריבן אין „לוח אחיאסף" און לע־וואַנדאַ'ס נאָמען און איך האָב דאָרט געפונען אויך די מיינונג פון דעם דאָזיגען בעריהמטען מאַן וועגן מיין פאָלעמיק מיט ליליענבלומ'ען. דער דאָזיגער מאַן איז זעהר און זעהר גערעכט געווען, אָבער נאָר פון זיין שטאַנד־פונקט האָט ער געמעגט אַזוי אורטיילען. אין עצם האָט ער נישט גענומען אין אַכט די לאַגע פון אונזער ליטעראַטור, ער האָט אויך פערגעסען, אַז דער כאַראַקטער פון מענשען איז זעהר פערשידען און אַז פיעל איז געווענדט

פון דעם טעמפעראַמענט און פון דער סביבה און פון דער אָרט ערציהונג פון יעדען מענשען בעזונדער. איך, למשל, שעהם זיך אַליין, ווען עמיץ דערמאָנהט מיר מיין בראָשור „תהו ובהו", פונדעסטוועגען וועל איך אויך איצט נישט צוריקציהען קיין וואָרט פון דעם, וואָס איך האָב דאָרט געזאָגט, בלויז די פאָרם, ווי אַזוי איך האָב די דאָזיגע בראָשור געשריבען, בעדויער איך איצט. — — — — — — — ווען איך האָב עפּעס גענומען שרייבען, איז תמיד מיין ערשטער אימפּולס געווען אַ ווילען צו געפינען דעם אמת. ס'איז נאָך אין מיר געווען קינדהייט, ווען איך האָב געשריבען דעם „תהו ובהו", אָבער בעוואויגען דערצו האָט מיך דער שטאַרקער עקעל, וואָס איך האָב געפיהלט, צוזעהענדיג די גאַנצע בטלנות אין אונזער דעמאָלסדיגער ליטעראַטור, און דער שטאַרקער ענטוזיאַזם, וואָס האָט מיך בעהערשט פאַר אַ ביסעלע אמת. איך בין דעמאָלט קיין קריטיקער נישט געווען, און נישט קיין שריפטשטעלער, נאָר בלויז אַ יונגער בחור, אַ סוחרישער זוהן, וועלכען ס'האָט געעקעלט יעדער מין מלמדות און בטלנות און השבלה פון בעוואוסטען סאָרט, און אַלע פיבערען פון דער נשמה האָבען מיך געדרענגט אָנצושרייבען אַ פּראָטעסט. איך האָב געשריבען — און שרייבענדיג האָב איך געפיהלט, אַז איך קען נישט פערטראָגען די מחברים, ווער זיי זאָלען נישט זיין. איך האָב דעמאָלס בכלל פיינד געהאַט העברעאישע מחברים. און ווען איך האָב דאָס אָנגעשריבען, האָב איך נישט געוואוסט, אַז דאַדורך בין איך אַליין געוואָרען אַ מחבר. איך האָב בלויז געוואָלט ווייזען, אַז איך בין אַ געגנער פון מחברים און איך בין נאַכהער געווען ווי ערשטוינט, ווען איך האָב געהערט, אַז איך אַליין בין דאַדורך אַ מחבר געוואָרען. אָט דאָס האָב איך געמיינט זאָגענדיג, אַז איך בין כמעט אָהן מיין וויסען און געגען מיין ווילען געוואָרען אַ מחבר.

צו יענער צייט האָב איך געשריבען אין פערשידענע צייטשריפטען פערשידענע אַרטיקלען, ליעדער און ערצעהלונגען. אין דעם ערשטען און צווייטען „האסיף" זענען געדרוקט געוואָרען מיינע ערשטע קליינע ערצעהלונגען אונטערין נאָמען „אותיות פורחות" און דער דאָזיגער זשאַנר איז פאָרגעקומען ווי ניי. צום סוף יאָהר' תרמיה בין איך איינגעלאַדען געוואָרען קיין לייפּציג מיטצואַרבייטען אין דער רעדאַקציע פונים „סאַלאָן" וואו ס'איז געדרוקט געוואָרען מיין ערצעהלונג „יוליאַנוס אַפּאָסטאַטאַ", אָבער גלייכצייטיג בין איך אויך גערופען געוואָרען קיין פעטערבורג איבערצונעהמען די רעדאַקציע פונים פעליעטאָן פאַר דער ערשטער טעגליכער צייטונג, וואָס מיר האָבען געהאַט, פאַרין „היום". קאַנטאָר, דער שעפער פונים „היום", האָט אָנגעהויבען האַלטען פון מיר, ווי ער האָט מיר געשריבען, אַ דאַנק מיין ערצעהלונג „צו כל נדרי". וועלכע איז איהם זעהר שטאַרק געפעלען געוואָרען, און אויך אַ דאַנק איינגע פון מיינע קריטישע אַרטיקלען און פעליע־

טאָנען. אין „היום" האָב איך אַ צייט לאַנג געשריבען כמעט יעדען טאָג, אַמאָל אַ פעליעטאָן, אַמאָל וועגען פּאָליטיק אָדער וועגען וואָס עס האָט זיך נאָר געמאַכט. ווען דער „היום" האָט אויפגעהערט צו ערשיינען, האָב איך מיך אומגעקעהרט קיין וואַרשאַ, וואו איך האָב געשריבען יודיש. פיליכט האָט איהר געלעזען מיין גרויסע יודישע פּאָעמאַ „אופיר", וואָס איז געדרוקט געוואָרען אין דעם זאַמעלבוך „פּאָלקס־ביבליאָטעק" פון שלום־עליכם. די דאָזיגע פּאָעמאַ איז פיעלפאַך איבערזעצט געוואָרען און מיהאָט וועגען איהר פיעל גערעדט. אינצווישען זענען אויך איבערזעצט געוואָרען פיעל פון מיינע קליינע ערצעהלונגען.

דאַן בי איך אַרויסגעפאָהרען קיין ברעסלוי און בין אַריינגעטרעטען אין די אוניווערסיטעט, נישט מיט׳ן צוועק צו קומען דאַדורך צו עפּעס אַ „תכלית". נאָר פאַר מיין אייגענעם גענוס און צו לערנען תורה לשמה. איך האָב אַלזאָ דאָרט געהערט און געלערנט יעדען געגענשטאַנד, וואָס האָט זיך געלאָזט, דען איך האָב מיר געטראַכט: ס׳איז גוט פאַר אַ שרייבער צו האָבען אַ געוויסע ידיעה אין אַזאַ געביעט און אין אַזאַ געביעט, און דערהויפּט, אַז עס זאָל איהם נישט אַ וואָסער עס איז געגענשטאַנד אינגאַנצען פרעמד זיין. פונדעסטוועגען האָב איך מיר אויך אויסגעקליבען עפּעס אַ בעשטימט גע־ביעט; מיין הויפּט־פאַך איז געווען דאָס געביעט פון דער ראָמאַנישער פי־לאָלאָגיע, און שפּעטער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע, ווי אויך געשיכטע און פי־לאָזאָפיע. נאָך פיער יאָהר האָב איך געענדיגט מיין שטודיום.

אין דער צווישענצייט האָב איך פיעל געאַרבייט פאַר „אחיאסף", אָבער די דאָזיגע אַרבייט איז דאָך אייך גוט בעקאַנט.

אין עטליכע וואָכען אַרום ערשיינט אין „תושיה" אַ זאַמלונג פון מיי־נע אַרטיקלען, געדיכטען און ערצעהלונגען אונטערין אַלגעמיינעם נאָמען „כתבים נבחרים",

אָט האָט איהר מיינע נאָטיצען און ידיעות, אַזוי ווי זיי זענען מיר געקומען אויפ׳ן זכרון, און איהר וועט מיר ענטשולדיגען, אויב ס׳איז מיר נישט געלונגען זיי איבערצוגעבען אין אַ געהעריגער אָרדנונג און אין קלאָרע ווערטער, דען עס איז מיר שווער אָנגעקומען. איך וויל אייך אויך בעטען, אַז איהר זאָלט נישט לאַכען פון מיר, וואָס איך מאַך זיך נאַריש מיט דעם אָדער יענעם אויסדרוק, גלייך ווי איך וואָלט באמת געווען, כביכול, עפּעס אַ שרייבער פון די גדולים. דען סוף־כל־סוף זענט איהר דאָך דערין שולדיג און איהר האָט דאָס אַלץ אַליין פעראורזאַכט.

אויב איהר וועט נאָך האָבען וואָס צו פרעגען ביי מיר, ווענדעט זיך צו מיר און איך וועל אייך גערן ענטפערען. — יעדענפאַלס, איידער איהר וועט אָבדרוקען, וואָס איהר שרייבט און אין וואָס פאַר אַ פּאָו׳ם.

אייער דינער, וואָס שעצט אייך און אַכטעט אייך: דוד פּרישמאַן.

טעאָדאָר הערצל

(צו כ׳ תמוז)

I

„... ווי אַ לעגענדע איז דאָס לעבען פון׳ם דאָזיגען מענשען געווען. און ערצעהלען וועט אין דער טונקעל־שעה די דאָזיגע לעגענדע די מאַמע דעם קינד, און אַ געשלעכט וועט זי ערצעהלען דעם געשלעכט.

און אַזוי פּלוצלינג ווי ער האָט זיך בעוויזען, אַזוי פּלוצלינג איז ער פערשוואונדען, אויך דאָס איז דאָך פּונקט ווי אין דער לעגענדע...

אַ גוטער מלאך איז ביי זיין וויעג געשטאַנען, און אַלע קערפּערליכע און גייסטיגע זאַכען, וועלכע ווערען געוועהנליך געגעבען טויזענדער מענשען צוזאַמען, זיי האָט ער אַוועקגעגעבען דעם דאָזיגען א י י נ ע ם: די צויבער־אויגען און די פּראַכט־געשטאַלט, די זיסע ליפּען און דאָס איידעלע און ווייכע, די קראַפט פון פערשטאַנד און דאָס קינדער הארץ, דאָס גראָבע דענקען און די ריעזען־קראַפט, די פעהיגקייט צו חלום׳ען און דעם גרויסען בעגעהר צו בעשאַפען דאָס גרויסע, וואָס אַ מענש קען נישט בעשאַפען, און דאָס זיסע געלעכטערל האָט ער איהם געגעבען צו געוועלטיגען און צו זיעגען, און שטאַרקען ווילען האָט ער איהם געגעבען און די קונסט פון חן־געפינען ביי די גרויסע געטער און ביי מענשען — אַלע גאַבען פון׳ם קערפּער און פון׳ם גייסט.

און אויך דעם מוט האָט ער איהם געגעבען — אַז קומען זאָל ער פּלוצלינג און זאָל אויסגיסען אויף איהם דעם צויבער פון דער לעגענדע, אום צו מאַכען דאָס געשטאַלט פון׳ם העלד אַ פאָלקאָמענע.

דען געזאָגט האָט ער זיך: „דאָס, וואָס איז איהם נישט מעגליך געווען דורך זיין לעבען צו מאַכען, דאָס וועט אפשר מאַכען זיין טויט...״

אַזוי בערך זענען געווען די ווערטער, וועלכע איך האָב געשריבען אין יענעם ביטערען, עלענדען טאָג: דעם צוואַנציגסטען תמוז תרס״ד. דער

טאָג איז געווען אַ ווארעמער, אַ קלאָרער, אַ מחיה׳דיגער. מיטאָג־צייט איז דער הימעל פערוואָלקענט געוואָרען, און געגען אָוועגד איז אָנגעקומען די מורא׳דיגע טעלעגראַמע. פּלוצלינג איז זי געקומען. קיינער האָט זיך נישט געריכט אויף איהר און קיינעם איז עס נישט אויפ׳ן געדאַנק געקומען. זינט דענסמאָל זענען אַריבער זיבען יאָהר.

און דאָס, וואָס איז איהם נישט מעגליך געווען דורך זיין לעבען צו מאַכען, דאָס האָט זיין טויט נ י ש ט געמאַכט.

און זינט דענסמאָל — פונ׳ם גרויסען בוים זענען געוואָרען קליינע שפּענדעלעך, פון דער איינער סטאַדע זענען געוואָרען איינצעלנע שעפּעלעך, פונ׳ם איינעם היילגטום זענען געוואָרען אונצעהליגע מזבח׳לעך. אַנשטאָט דער איינער זון, דער גרויסער, האָבען מיר איצט צעהנדליגער חלב׳נע ליכט־לעך, וועלכע דו קאָנסט זיי קויפען פאַר אַ גראָשען, און אַנשטאָט דעם איי־נעם גרויסען מענשען, האָבען מיר איצט דרייהונדערט קליינע פּיקסעלעך, און אַנשטאָט דעם איינעם גרויסען חלום, האָבען מיר איצט טויזענדער נעכטיגע פאַנטאַזיעס. ווער ווייסט: אויך דער חסידיזם, פונ׳ם גרויסען בעש״ט, איז דאָך ביים אָנפאַנג געווען גרויס און מעכטיג און שטאָלץ און טראַגעדיג מיט וואונדערליכע צוקונפטען, און איצט האָט זיך פונ׳ם גאַנצען אויסגעלאָזט ניש מעהר ווי איינצעלנע אונצעהליגע קלויזען און קליינע רבי־לעך אין די הונדערטער. ווער ווייס. אויב דער ציוניזם געפינט זיך נישט אויף דעמזעלביגען וועג. ווער ווייס, וואָס וועט זיין מיט איהם אין עטליכע יאָהר אַרום, אין עטליכע יאָהרצענדליג אַרום. דאָס, וואָס איז נישט מעגליך געווען צו מאַכען דורכ׳ן לעבען פונ׳ם גרויסען מאַן, דאָס האָט זיין טויט נישט געמאַכט.

פאַרוואָס ?...

און דאַן באַלד די צווייטע פראַגע: ו ו ע ר איז דער דאָזיגער וואונ־דערליכער מענש געווען ? ו ו אָ ס איז דער דאָזיגער וואונדערליכער מענש געווען ?

און איך געדענק: — אינ׳ם יאָהר 1887 איז עס געווען, מיט גאַנצע 24 יאָהר צוריק. דער ציוניזם איז נאָך גאָר אויף דער וועלט נישט געווען, פון באַזעל האָט קיינער נישט גערעדט, און אפילו די חבת־ציון איז נאָר געווען אַ סחורה פאַר אַנגראָסיסטען. די יחידים האָבען זיך בענוגענט דער־

מיט, וואָס זיי האָבען זיך געקויפט דעם פּאָרטרעט פון משה מאָנטעפיאָרע און האָבען איהם אויפגעהאָנגען אויף דער וואַנד און זענען אויך באופן זה געווען גוטע „חובבים". אַרום יענער צייט איז עס געווען, אז אין א נומער „נייע פרייע פּרעסע" האָט זיך אַנגעדרוקט עפּעס א פעליעטאָן מיט'ן נאָמען „דאָס באָמבוסרהאָר". און אונטערגעשריבען איז געווען עפּעס א נאָמען: ט. הערצל. דער פעליעטאָן איז געווען געגען דעם שריפטשטעלער שפּיעלהאַגען, וועלכער האָט געהאַט גענומען זיינע א ערצעהלונג און געמאַכט פון איהר א דראַמאַ, און דער פעליטאָניסט איז געווען א נייער שרייבער. צום ערשטען מאָל האָט ער זיך געהאַט בעוויזען. דער סטיל איז געווען גלענצענד. יעדער זאַץ — א„פּאָענטע", יעדע ווענדונג — אַנ'אוצר פון גייסטרייכטום, יעדער אַבזאַץ — א גאַנץ געבוי פון קונסט. און וויפיעל איך האָב דענסמאָל ביים לעזען געלאַכט! ניין אזוי האָט נאָך קיינער נישט געשריבען. איז ער א וויענער? ער האָט צופיעל „עספּריט" פאַר א מענשען פון דעם דאָנוישטראַנד. איז ער פּאַריזער? ער האָט צופיעל „געמיט" פאַר א מענשען פון דעם בולוואַר-פּלאַסטער. און הויפּטזעכליך, יענער ליריזם. דער וואונדערליכער ליריזם, וועלכער שמעקט אַרוים פון יעדען וואָרט! דאָס איז דאָך א דיכטער, א וואָהרער, גרויסער דיכטער, וועלכער רעדט דאָ צו אונז! ניין, אַזוי האָט נאָך קיינער נישט געשריבען קיין פעליעטאָנען! —און באַלד דערויף איז געקומען די תשובה פון פרידריך שפּיעלהאַגען: א פעליעטאָן אין דער „פּאָסישער צייטונג". אָבער יענער ט. הערצל האָט נישט מעהר געענטפערט. יענער ט. הערצל איז געקומען אין דער „נייער פרייער פּרעסע" מיט נייע פעליעטאָנען וועגען נייע ענינים און יעדער פעליעטאָן איז געווען גלענצענדער ווי דער פריהערדיגער. און דאָן האָבען זיך דאָרט געדרוקט יענע וואונדערליכע פעליעטאָנען, וועלכע זענען שפּעטער געזאַמעלט און אַרויסגעגעבען געוואָרען מיט'ן נאָמען „פאַליי בורבאָן". עס איז קלאָר: דער דאָזיגער דיכטער וויל בעשאַפען אין דער פּאָעזיע א נייעם „זשאַנר". דעם פעליעטאָן וויל ער אויפהויבען ביז צו דער מדרגה פון א געדיכט, א מין נייע פאָרם פונ'ם לירישען געדיכט, אפשר איז שוין ווירקליך צייט, אז די דיכטער זאָלען אויפהערען צו שרייבען יענע פיערפיסיגע יאַמבען א לאַ היינע און זאָלען פון היינט אָן שרייבען זייערע געדיכטען אין דער פאָרם פון — פעליעטאָנען. הערצל, וועניגסטענס, האָט געשריבען

אַזעלכע געדיכטע, זיינע פעליעטאָנען זענען געווען געדיכטע. דער דאָזי־גער פעליעטאָניסט איז געווען אַ גרויסער דיכטער.

און פּלוצלינג איז געקומען יענע געוואַלדיגע איבערראַשונג: דער דאָ־זיגער דיכטער האָט זיך אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען אונז בעוויזען, אונז יודען, און אָט איז ער גאָר אַ יוד, אַנ׳אונזעריגער, און דעם שמערץ פון זיין פאָלק האָט ער געליטען נישט נאָר ווי איינער פון אונז, נאָר ווי עס ליידט אַ גרויסער דיכטער. און דאַן די צווייטע איבערראַשונג: דער דאָזיגער הערצל ווערט דער גרינדער פון דעם ציוניזם, דער אויבענאָן־שטעהער פון דער גרויסער בעוועגונג, דער געהער אָן דער שפּיץ פון דער גרויסער מאַסע...

אַ דיכטער — און די מאַסע? הערצל — און אַ מאַסען־פּובליקום? און ער וועט „מאַכען" דיפּלאָמאַטיע? און ער וועט זיך 24 שעה אין מעת־לעת אַרומרייסען מיט פּאַרטיי־לייט? דאָס דאָזיגע ריינע, טרייע און שמער־צענדע הארץ — און פּאַרטיי־לייט? און וועט נישט קומען אַמאָל אַ טאָג, אַז דאָס דאָזיגע הארץ וועט צעבראָכען ווערען ביי די דאָזיגע שטיינער?

און איך מוז געדענקען יעצט יענע שטעל אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, וואו ער דערצעהלט אונז פון די חלומות פון זיינע קינדעריאָהרען און ווי ער האָט געגליהט צו ווערען אַמאָל אַנ׳אויפבויער פון נייע וועלטען, אַ מין פערדינאַנד דע לעסעפּס, אַ מין קאָלומבוס. אַ מין הויפּטלינג פון ווילדע אינ־דיאַנער אין אַ ווילדען מדבר אין די פּרעריען פון אַמעריקאַ. חלומות פון אַ דיכטער־קינד!

און נאָך אַ פעליעטאָן מוז איך איצט געדענקען. אינ׳ם יאָהר 1896 האָט ער איהם געשריבען און הייסען הייסט ער „ברעסלויער שפּאַצירגאַנג". ער שילדערט ווי ער געהט פאַרביי פאַר ביסמאַרקס אַ דענקמאָל און ווי ער בעוואונדערט די קראַפט פון דעם דאָזיגען געוואַלד־זשעני, אַז גענומען האָט ער צעבראָכענע מענשען און האָט זיי געצוואונגען צו ווערען אַ פאָלק. „עס האָט זיי קיין שום זאַך נישט געהאָלפען; זיי האָבען געמוזט ווערען אַ גרויס פאָלק". האָט ער נישט דענסמאָל גע׳חלומ׳ט דערפון, ווי אויך ער וועט צעבראָכענע, צעוועהטאָגטע מענשען נעהמען און וועט זיי אויפ׳ם געוואַלד מאַכען פאַר אַ פאָלק?... און ער שפּאַצירט טרויעריג און פערלאָזען דורך די גאַסען פון דער פרעמדער שטאָדט. אונטער די לעצטע הייזער ציהען זיך די גראָז־פעלדער. אָרימע, אָבגעריסענע און שמוציגע

יונגלעך שפּיעלען זיך אויף דער גאַס. אַזוי קומט ער ביז צום „גוטען אָרט", צום יודישען בית־עלמין. די מצבות זענען בעשריבען העברעאיש. ביי דער וואַנד זענען די פאַמיליען־גרעבער. די גרעבער פון דער פאַמיליע לאַסאַל דערקענט ער נאָך פון וויטען — און צום קבר פון פערדינאַנד לאַסאַל וואַנדערט ער דאָס היינט. דאָ אויפ'ן יודישען בית־עלמין שלאָפט דער מאַן, „וועלכער איז אויך געווען אַ גרויסער מייסטער אומצוגעהן מיט דער מאַסע"...

יאָ, אַ פערדינאַנד לאַסאַל! — אָבער דער דאָזיגער מענש איז דאָך פון אַ גאַנץ אַנדערען שטיק האָלץ געשניצט געווען ווי אַ הערצל. אַזעלכע מענשען ווען זיי האָבען נאָר דעם עהרגייץ צו עפּעס אַ זאַך, אַודאי און אודאי זענען זיי מייסטער אומצוגעהן מיט די מאַסען. זיין נשמה האָט איהם קיינמאָל נישט וועה געטהון, דען די וועלט אין דרויסען האָט זיין נשמה גאָרנישט בעריהרט. זיין האַרץ האָט נישט געקאָנט צעבראָכען ווערען, דען ער האָט גאָר קיין האַרץ נישט געהאַט. דער דאָזיגער מענש איז קיין דיכטער נישט געוועזען, דער דאָזיגער מענש איז נישט געווען טעאָדאָר הערצל. אַ גאון איז ער געווען, אַ חריף אַ זשעני, אַזעלכער ווי ער ווערט אַמאָל געבוירען נאָר איינער אין יאָהרהונדערטען. און אַ עהרגייץ האָט געברענט אינ'ם דאָזיגען מענשען, אַז כאָטש נעהם גאַנצע וועלטען און מאַך זיי חרוב און בוי אַנדערע, און אַ ענערגיע האָט ער געהאַט, וועלכע ווייס פון קיין שום גרעניץ נישט. איבער מענשליכע פּגרים וועט ער טרעטען, און דאָס זייניגע וועט ער אויספיהרען; איבער טייכען בלוט וועט ער שפּרייזען, און זיין ציגאַר וועט ער זיך רוהיג רויכערן און די נעגעל פון זיין ווייסער, איידעלער האַנד וועט ער זיך רוהיג פּוצען. האָט איהם זיין אונבעגרענצטער עהרגייץ אָנגערעדט: געה און ווער דער גרעסטער צווישען די פילאָזאָפען — איז ער געגאַנגען און האָט אָנגעשריבען זיין בוך „הערַאקליט דער טונקעלער", און אַלע פילאָזאָפען אַרום האָבען געשטוינט; און האָט איהם זיין ליעבע צו כבוד אָנגערעדט: געה און וויז, אַז די קענסט זיין דער גרעסטער יוריסט — איז ער געגאַנגען און האָט פערפאַסט זיין בעריהמט בוך „דאָס סיסטעם פון די ערוואָרבענע רעכט"; און האָט זיין ענדלאָזע ליידענשאַפט צו כבוד אין איהם געדרענגט: געה און בעוויז, אַז דו ביסט דער בעסטער רעדנער פון דיין צייט — איז ער געגאַנגען און האָט געהאַלטען זיין וועלט־

בעריהמטע „אַסיזען־רעדע”. איינמאָל אָבער ביינאַכט האָט ער נישט געקענט שלאָפען און זיין גייסט האָט געזוכט עפּעס אַ נייעם געגעשטאַנד, אָן וועלכען ער זאָל קענען בעפרידיגען זיין עהרגייץ — און אינדערפריה איז ער אויפגעשטאַנען און האָט בעשאַפען זיין ראַדיקאַלע אַרבייטער־פּאַרטיי און איז געוואָרען דער פאָטער פון דער אַרבייטער־בעוועגונג, אַ מין קעניג פון די אַרבייטער. ער — און אַרבייטער! דער מאַן, וועלכער האָט זיך געפלעגט וואַשען זיינע הענד מיט קעלניש וואַסער, נאָך יעדען מאָל, וואָס ער האָט בעדאַרפט געבען די האַנד אַנ'אַרבייטער. און אָט ער איז עס, פון וועלכען אַ ביסמאַרק האָט געזאָגט, ווי ער האָט איהם געזעהן צום ערשטען מאָל: *„דאָס איז דער מאַן, וועלכען עס חלומ'ט זיך פון אַ דינאַסטיע לאַסאַל”* — און ביסמאַרק איז געווען אַ מענשענקענער ווי קיין צווייטער. דער דאָזיגער לאַסאַל איז געווען געשניצט פון'ם זעלביגען האָלץ, פון וועלכען עס ווערען געשניצט די ביסמאַרק'ס אַליין, און געווים אויף די לעסעפּס. פאַר אַזעלכע מענשען עקזיסטירט נישט קיין הינדערניש. האָבען זיי פאַר זיך עפּעס אַ ציעל, ווע־לען זיי עס דערגרייכען: איבער מענשליכע פּגרים, איבער טייכען בלוט — דאָס געהט זיי שוין נישט אָן. ווען, למשל, אין יענער נאַכט, ווען לאַסאַל האָט נישט געקענט שלאָפען, וואָלט איהם זיין עהרגייץ געגעבען אין זין אַריין, נישט ער זאָל ווערען דער קעניג פון די אַרבייטער, נאָר דער קעניג פון די יודען — בין איך זיכער, אַז ער וואָלט זיין דער ריכטיגער מענש צו בעשאַפען אַ „יודענשטאַט”, און אַפילו פון ארץ־ישראל. צו אונזער אומגליק איז איהם דענסמאָל נאָר געקומען אין זין אַריין, צו בעשאַפען אַ „אַרבייטערשטאַט” — אויך אַ יש מאַין...

— און אַזאַ מענש האָט זיך דער דיכטער גענומען פאַר אַ מוסטער?

יאָ, אויך טעאָדאָר הערצל האָט אַ עהרגייץ געהאַט, אָבער דאָס איז אַ ערהגייץ געווען פול מיט איידעלקייט. אויך ער האָט אַ ריעזען־קראַפט געהאַט, אָבער דאָס איז אַ ריזענען־קראַפט געוועז, וואָס איהר קוואַל איז די נשמה; יעדע נייע פּראָבע, וואָס די דאָזיגע קראַפט האָט געמאַכט, האָט אַ שטיק נשמה מיטגעריסען. אויך ער האָט די מאַכט פון אַ פערשטאַנד, וועלכער איז צוגעבונדען צו אַ קינדער־האַרץ. און האָט ער זיך בענוצט מיט דעם כלי־זיין פון דער דיפּלאָמאַטיע, איז עס אַ דיפּלאָמאַטיע געווען פון אַ גרויסען טרוי־

מער. ביי יעדען קליינעם דרעהעלע און ביי יעדען קליינעם שווינדעלע האָט בלוט געראָנען פון זיין הארץ — און קיינעם האָט ער עס נישט דערצעהלט. ער האָט קיינעם נישט אויסגעזאָגט, וואָס ער ליידט און וואָס ער שלעפּט, און אויך זיינע נאָהנטסטע האָבען עס נישט געוואוסט. דער געגענשטאַנד, ביי וועלכען ער האָט געארבייט, איז נישט געווען קיין סועץ־קאַנאַל, ווי ביי לעסעפּס, נאָר אַ לעבעדיג פאָלק; און דאָס דאָזיגע פאָלק האָט ער ל י ע ב געהאַט. דאָס ציעל, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיך, איז נישט געווען נאָר אַ מיטעל צו זעטיגען דעם עהרגייץ, ווי ביי פערדינאַנד לאַסאַל, נאָר עס איז געווען אַ צוועק פאַר זיך אַליין, און דער דאָזיגער צוועק איז געווען דער אינהאַלט פון זיין גאַנצען הארץ. און ווען זיי האָבען איהם דאָס לעבען פערביטערט, און ווען די גראָבע הענד האָבען איהם שמערצען געמאַכט שוין אַביסעל מעהר, ווי עס געשיקט זיך, יענע גראָבע הענד פון יענע ליעבע מאַסען, וואָס ער האָט געוואָלט זיין אַ מייסטער אומצוגעהן מיט זיי, און ווען עס איז איהם שוין עקעלדיג געוואָרען פאַר אַלע יענע שעהנע לייט און שעהנע בעשעפּענישען פון זיין „ליעב פאָלק", דאַן איז ער געלאָפען פון זיי, צוזאַמען מיט זיין שמערץ, און האָט זיך פאַר זיי בעהאַלטען אין ערד. לאָך — אָבער דעם שמערץ האָט ער דאָך מיטגענומען מיט זיך...

דער טאָג איז געווען אַ וואַרעמער, אַ קלאָרער, אַ מחיה'דיגער. מיטאָג־צייט איז דער הימעל פערוואָלקענט געוואָרען און געגען אָוונד איז דער גרויסער דיכטער געשטאָרבען.

אָבער זיין מאַנטעל האָבען זיי גענומען און האָבען איהם צעריסען אויף צוועלף שטיק, און יעצט זענען זיי איינגעהילט אין די דאָזיגע שטיקער — יעדער פון זיי אין אַ שטיק.

II

ווען עס רעדט צו אונז אַ נישט־יוד, וועלען מיר איהם אפשר מעהר גלויבען. פאַרט אַ גוי. און איך ברענג דאָ ווערטער פון נישט קיין יודען:

„... אַלעס וואָס איך טראַכט וועגען דעם פּסיכאָלאָגישען פּראָבלעם פון יודען, וואָלט איך אפשר קיינמאָל נישט געטראַכט, ווען עס זאָל מיך נישט האָבען געטראָפען אמאָל אין מיין לעבען אַ גרויס גליק. צווישען די אמת'ע גרעסטע גליקליכע צופאַלען אין מיין לעבען, רעכען איך דעם צופאַל,

וואָס איך בין אַמאָל אין מײנע יוגענד־יאָהרען פּערזענליך בעקאַנט און בעפריינדעט געוואָרען מיט דעם גרעסטען יוד פון אונזער צייט — מיט טעאָדאָר הערצל. טעאָדאָר הערצל איז דאָס מוסטער, אין וועלכען מיר קענען זעהען דעם גאַנצען שרעקליכען לעבענס־גאַנג פונם יוד פון אָנפאַנג ביז'ן סוף. ווייסט איהר, וואָס טעאָדאָר הערצל איז געווען צו יענער צייט, אין וועלכער מיר האָבען זיך בעקענט? ער איז געווען מיטגלידער („בורש") פון אַ דייטש־נאַציאָנאַלער סטודענטען־חברה. אַזוי האָט ער אָנגעהויבען. און געווען איז ער אַ דייטש־נאַציאָנאַלער סטודענט פון די בעסטע, דייטש־נאַציאָנאַלער פון קאָפּ ביז צו די פיס, מיט יענער פּסיכאָלאָגישער לייכטיגקייט, מיט וועלכער דער יוד צייכענט זיך אויס, האָט ער מיט'ן מוח דעם גאַנצען עצם פונ'ם דייטשטום ביז'ן גרונד בעגריפען. אלס בעלויהנונג דערפאַר, האָט יענע סטודענטען־חברה בעשלאָסען, ווען הערצל אין שוין געווען אויפ'ן דריטען אָדער פיערטען סמעסטער אין דער אוניווערזיטעט, אויסצושליסען אַלע יודען פון זייער פערבינדונג און זיי צו פערוועהרען צו טראָגען זייערע פאַרבען. דאָס דאָזיגע נאַרישקייט איז געווען „דאָס גרויסע געשעהעניש" אינ'ם לעבען פונ'ם יונגען הערצל. ער האָט עס כמעט נישט געקענט פערשמערצען. ער, וועלכער איז געשטאַנען טויזנדמאָל העכער פון דער דאָזיגער גאַנצער חברה, ער, וועלכער איז געווען איבערגעגעבען דעם דייטשען געדאַנק מעהר ווי אַלע זיינע קאָלעגען, ער ווערט ארויסגעיאָגט, אָבוואָהל אַלע האָבען איהם ליעב געהאַט, אַלזאָ נישט איהם האָט מען געמיינט, נאָר דעם יוד. דאָס האָט איהם געגעבען דעם ערשטען שטופּ. דאַן איז ער אַוועק קיין בערלין. דאָרט איז ער שוין נישט מעהר געווען דער דייטש־נאַציאָנאַלער, נאָר ער איז געווען ריין מענשליך. ער איז געוואָרען דער וועכענטליכער פעליעטאָניסט פונ'ם „בערלינער טאַגעבלאַט" לויט דער פראַנצויזישער מאַניערע, און דאָס דאָזיגע, ווי אַלץ צו וואָס דער דאָזיגער שטאַרקער טאַלאַנט האָט זיך גענומען, איז איהם געראָטען אויף דעם העכסטען שטייגער. נאַטירליך, נאָר אויסערליך. אינערליך דאַגעגען איז עס איהם זעהר נישט געראָטען. דען הערצל אין געווען אַ מענש, וואָס זיין אינערליכע ערנסטקייט אין געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט נישט געקענט בייטשטעהן אפילו אַ טויזענדסטעל טייל פון אַ זעלבסט־גענאַרעריי. די שפּיעלעריי מיט דעם „ריין מענשליכען" אין בערלין איז איהם געוואָרען באַלד לעסטיג. ביי

דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט איז ער אוועק קיין פּאַריז. אין פּאַריז אָבער האָט איהם געטראָפען דאָס צווייטע, דאָס גרעסטע געשעהעניש פון זיין לעבען, וועלכעס האָט זיין גאַנצע נשמה טיעף ערשיטערט. אונצעהליגע מאָל האָט ער עס מיר ערצעהלט מיט אַ וואונדערבארער איינפאַכקייט, און אַלעמאָל איז עס געווען וואונדערבאַר שעהן. אַלס קאָרעספּאָנדענט פון דער „נייער פרייער פּרעסע" איז ער געשטאַנען דערביי, ווען מען האָט דעם קאַפּיטאַן דרייפוס די עפּאָלעטען אָראָבגעריסען. און ער האָט מיר אָפט געשילדערט דעם אויסדרוק אינ'ם פּנים פון יענע מענשען, וועלכע זענען געשטאַנען אַרום און אַז געפילהט האָט ער, ווי ווען עס וואָלט דאַן געלעגען פאַר איהם אַ שווערע נאַכט און פלוצלינג האָט עס אַ בליץ דערלאַנגט פאַר זיינע אויגען און האָט מיט איינמאָל איהם דעם גאַנצען אמת געוויזען; אויף אַלע פּנים'ער אַרום און אַרום האָט ער די ווילדע שנאה דערזעהן, נישט שנאה צום אומגליקליכען דרייפוס, נאָר צום גאַנצען יודענטום, און דער דאָזיגער אָנבליק און די דאָזיגע שנאה, וואָס קיינער קען בשום אופן נישט איהר גרונד פערשטעהן, זענען געווען די סיבה, וועלכע האָט איהם אָנגעוויזען דעם וועג צוריק. דאַן איז געווען ביי איהם יענע מינוט, אין וועלכער ער האָט געזאָגט צו זיך: „צווישען די דאָזיגע מענשען שטעהסט דו, מיט דער קולטור פון די דאָזיגע מענשען שפּיעלסט דו דיך און ביסט נאָך גאָר שטאָלץ דערויף, וואָס דו קענסט דיך צופּאַסען צו דער קולטור פון אַזוינע מענשען! — ער האָט מיט איינמאָל אָנגעהויבען צו פערשטעהן, מיט וויפיל ער און זיין קולטור און זיין פאָלק שטעהען העכער"...

אַזוי דערצעהלט אונז דער בעריהמטער דייטשער שריפטשטעלער הערמאַן באהר. און נאָך עפּעס ווערען מיר געוואָהר פון איהם, וואָס איבערראַשט אונז: דער דאָזיגער הערמאַן באהר, וועלכען מיר האָבען אַלעמאָל געהאַלטען פאַר אַ אונזעריגען, אין גאָר אַ געבוירענער קריסט, הן פון טאַטעס, הן פון מאַמעס צד, און נאָך מעהר: ער איז זיך זאָגאַר מתודה פאַר אונז, אַז אַמאָל זענען געווען צייטען, אין וועלכע ער איז נישט גאַנץ פריי געווען אפילו פון אַנטיסעמיטישע אינסטינקטען. דאָס דאָזיגע ענדערט די זאַך גאָר אין גאַנצען. דרך ארץ, ברידער! אַ גוי רעדט...

אַלזאָ דאָס, וואָס יעדער פון אונז האָט פון אָנפאַנג אָן שוין געקלערט, וואָס ווערט אונז דאָ אויסדריקליך בעשטעטיגט: די דרייפוס־מעשה איז עס,

וועלכע האָט אויף הערצל די גרעסטע ווירקונג געהאַט. יענע דרייפוס־מעשה אָבער איז דאָך אייגענטליך גאָרנישט מעהר. ניי. זי איז אַזוי אַלט, ווי אַלט עס איז דאָס יודישע פאָלק אינ׳ם גלות. זי איז זאָגאַר שוין אויך דראַמאַטי־זירט געוואָרען אמאָל, און די דראַמאַ הייסט „דער קויפמאַן פון ווענעדיג״. אויך דאָרט מיינט מען גאָרנישט דעם יוד שיילאָק. די מעשה מיט דעם פונט פלייש איז נאָר אַנ׳אויסרעד. מיינען מיינט מען דעם יוד בכלל. מען נעהמט איהם צו זיין טאָכטער און זיין געלד, און מען לאַכט איהם אויס. וואָס בע־דייט די דאָזיגע ערשיינונג? איינפאַך: יעדע געזעלשאַפט פון די מענשלי־כע געזעלשאַפטען, וועלכע שטעהט אויפ׳ן גרונד פון לאַנד־אייגענטום, וויל לעבען פאַר זיך אַליין. אַזוי באַלד ווי עס קומט צו אַ פרעמדער שטראָם הערט־אויף יעדע עטיק און יעדע עסטעטיק. מיט דעם פרעמדען, וואָס קומט פון דרויסען, האָט מען דאָס רעכט צו טהון, וואָס נאָר מען וויל. דאָס האָט מען געזעהען ביי שיילאָק, דאָס האָט מען געזעהען ביי דרייפוס, דאָס האָט מען געזעהען ביי דער סטודענטען־חברה, וועלכע טרייבט אַרויס אַ הערצל, און דאָס זעהט מען אין יעדער רגע ביז אויפ׳ן היינטיגען טאָג...

איז דער ציוניזם די תשובה אויף דער יודענפראַגע? איז אַ „יודען־שטאַט״ אַ תשובה? הערמאַן באַהר זאָגט, אַז אייגענטליך ברויכט מען דאָס אַלץ נישט קודם־כל איז נויטיג, אַז דער יודען־שטאַט זאָל זיין אין דעם בעוואוסטזיין פון יעדען יוד. „דאָרט, וואו עס זענען צעהן יודען צוזאַמען, איז נויטיג, אַז עס זאָל זיין אַ יודענשטאַט״.

אינ׳ם נאַציאָנאַלען לעבען זענען דער עיקר די אינסטינקטיווע ערשיי־נונגען. מען קאָן זיין אַ פראַנצויז מיט אַלע גערדאַנקען און מיט אַלע גע־פיהלען. מען קאָן לעבען דאָרט צוואַנציג יאָהר און מען קאָן זיך נעהמען אַ פרוי אַ פראַנצויזין און מען קאָן זיך אַסימילירען מיט די פראַנצויזען און פאָרט זענען פאַרהאַן קליינע, גאָר קליינע ערשיינונגען, וועלכע ווייזען־אָן און זאָגען אַלעמען אויס, אַז מען איז נישט קיין אמת׳ער פראַנצויז. אינס־טינקטיווע ערשיינונגען לאָזען זיך נישט בעזיעגען מיט׳ן מוח. דאָס איז אייגענטליך דער טיעפער פסיכאָלאָגישער טעות פון אַלע יודען, וועלכע יאָ־גען זיך נאָך אַסימילאַציע. זיי ווייסען נישט, אַז אינסטינקטיוו הערען זיי קיינמאָל נישט אויף צו זיין יודען אַז דאָס דאָזיגע אינסטינקטיווע דערקענט מען פון דרויסען טויזענדמאָל מעהר ווי זייער נאָז. „דאָס איינציגע — זאָגט

הערמאַן באהר—וואָס איז נויטווענדיג פאַר יודען און איז נויטווענדיג אויך פאַר אַלע אַנדערע פעלקער אין אייראָפּאַ, איז — דאָס איז מיין טיעפּסטע איבערציייגונג —, אַז די יודען זאָלען זיך ווידער דערמאָהנען, אַז זיי זענען אַ פאָלק און זאָלען זיך אַלס פאָלק אָרגאַניזירען אין אייראָפּאַ; זיי קענען דאָך אויך אַלס פאָלק זיין גוטע בירגער אין יעדען לאַנד, וואו זיי זענען. די הויפּט־זאַך איז זיי זאָלען פיהלען און זאָלען וויסען און זאָלען לעבען אַלס אָרגאַניזירט פאָלק (עס איז קיין שום נפקא־מינא נישט, אויב זיי האָבען אַ מדינה אָדער זיי האָבען נאָר אַ גרויסע קאָלאָניזאַציע), דען דאַדורך וועלען זיי ברענגען נוצען זיך און נאָך מעהר וועלען זיי דאַדורך ברענגען נוצען אַנדערע".

די דרייפוס־מעשה האָט טעאָדאָר הערצל'ס נשמה ערשיטערט. ער האָט מיטאַמאָל אַלץ געזעהן און אַלץ פערשטאַנען. ער האָט געזעהן די לעכערליכקייט פונ'ם יוד, וועלכער קריכט־נאָך דעם גוי און וויל איהם כלומרשט זיין גלייך, און כאַפּט אַלע מאָל איבער די מאָס. ער האָט געזעהן די אויסזיכטלאָזינקייט פדנ'ם משומד, וועלכער ווערט געוועהנליך גלויביגער און פרומער און קאַטוילישער פון טויזענד קאַטאָליקען צוזאַמען, און דאָס ביסעל אינסטינקט קומט און מאַכט איהם אַלץ קאַליע. ער האָט געזעהן די הויהלקייט פון יודישען קאָמערציען־ראַט, וועלכער גיעט פּלוצלינג דעם קייזער אַ מיליאָן אַ נדבה אויף צו בויען אַ פּלאַט אָדער עטליכע קירכען, און ווי מען נעהמט מיט אַ שפּאָטיש געלעכטער'ל די נדבה פון איהם אָן — און ער בלייבט יוד ווי געווען. און הויפּטזעכליך האָט ער געזעהן און פערשטאַנען, מיט וויפיעל ער און זיין קולטור און זיין פאָלק שטעהט העכער פון די דאָזיגע אַלע אַרום איהם און אַז אייגענטליך האָט ער מיט עפּעס צו שטאָלצירען.

נאַטירליך, נישט יעדער איז טעאָדאָר הערצל און נישט יעדער זעהט און פערשטעהט.

III

הערצל'ס „פעליעטאָנען"

מיט אַ יאָהר זיבען־אַכט צוריק, קורץ פאַר טעאָדאָר הערצל'ס טויט, איז דורך אַ וויענער פערלאַג אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ זאַמלונג „פעליעטאָנען" פון דעם דאָזיגען שריפטשטעלער אין צוויי בענדער, דורכגעזעהן

און צוגויפגעשטעלט נאָך פון׳ם פערפאסער אליין. קענטיג איז געווען, אז ס׳איז דעם גרויסען מענשען זעהר אין דעם געלעגען געווען, ער זאל זיין ליטע־ראריש ביסעל, אָרימקייט, דאָס שענסטע וואָס ער האָט געהאַט די וועלט צו לאָזען, אונז איבערגעבען נאָך מיט זיינע אייגענע הענד. ער האָט א פּנים אזוי ווי ארויסגעפילהט, אז דאָס דאָזיגע ביכעלע מיט זיינע זעכציג־זיבעציג פעליע־טאָנען איז סוף־כל־סוף דאָס דאָזיגע, וועלכעס וועט בלייבען פון איהם אויף דורות ארויס. נאַטירליך, טעאָדאָר הערצלען אלס פעליעטאָניסט האָב איך געקענט גוט נאָך פון פריהער. איך האָב איהם געהאַט געלייענט אין די פער־שידענע צייטונגען, וואו ער האָט געארבייט, און בעזונדערס האָב איך איהם געלייענט אין דער „נייער פרייער פרעסע" פון דער ערשטער מינוט אָן, ווי ער האָט זיך בעוויזען. איך האָב איהם געקענט אלס גרויסען מייסטער אויף זיין געביעט נאָך א סך א סך פריהער, איידער די יודישע גאס איז געוואָהר געוואָרען פון זיין נאָמען און האָט איהם אָנגעהויבען צו פערגעטערן אלס דעם בעגרינדער פון׳ם ציוניזם. מיין התלהבות פאר הערצל דעם פעליע־טאָניסט איז געגאַנגען אזוי ווייט, אז איך האָב פשוט א געוויסע צייט גע־קוקט קרום אויפ׳ן ציוניזם, ווייל ער האָט פון א דיכטער געמאַכט א פאר־טיי־מאַן. וויפיל נוצען ער זאל נישט האָבען געבראַכט פאר׳ן ציוניזם — דער שאָדען, וועלכען ער האָט דאדורך געבראַכט דער ליטעראַטור, ווייל ער האָט זי געמוזט פערנאַכלעסיגען צוליעב זיין נייער ארבייט, איז אלץ גרע־סער. דאָס אלץ האָב איך שוין געטראַכט פריהער, נאָר פול און גאַנץ האָב איך דערקענט הערצל׳ס כח אינ׳ם פעליעטאָנען ערשט דערנאָכמאָל, ווען די זאַמלונג פעליעטאָנען אין די צוויי בענדער איז געלעגען פאר מיר אינגאַנ־צען און איך האָב געלייענט די זאַכען כסדר אלע מיט אמאָל. וואָס פאר א יום־טוב איז דאָס געווען פאר מיר דער דאָזיגער טאָג! וואָס פאר א מערק־ווירדיגער דיכטערישער אוצר האָט זיך דאָ אויפגעדעקט פאר מיינע אויגען! איך האָב מיך איינפאָך בערוישט אָן די דאָזיגע געצעהלטע פערעל, און אינ׳ם ערשטען ברען האָב איך נישט געוואוסט עפּעס בעסערס צו טהון, ווי מיך אוועקצוזעצען און זיי אָנהויבען איבערצוזעצען אויף העברעאיש.

איך האָב געוואָלט, אז אזא אוצר זאל דורכאויס זיין אין אונזער נאַציאָנאַל־שפּראַך. דאָס בוך איז באלד נאָך זיין ערשיינען — נישט, חלילה, דאָס הע־ברעאישע מיין איך, נאָר דאָס דייטשע אָריגינאַל־ווערק — גענצליך אויס־

פערקויפט געווען. זיבען יאהר לאנג האבען עס מענשען געזוכט און האבען עס נישט בעקומען פאר קיין שום געלד. איצט ערשט, אט דא טאקי אין דער היינטיגער וואך, איז ענדליך דאס בוך צום צווייטען מאל געדרוקט געוואָרען (טעאדאר הערצל. „פעליעטאנען". צווייטע אויפלאגע. ביי י. זינגער עט קאמפ. בערלין). און ווידער האב איך עס ליעגען פאר מיר, און ווידער מיש איך אין איהם, און ווידער בערוישט מיך דער אלטער צויבער...

נאטירליך, ער איז דאך נאר א פעליעטאניסט געווען, דער דאזיגער הערצל. אוי, דאס דאזיגע „נאר"! עפעס איז דאס ווארט פעליעטאניסט ביי אונזערע לייט פראסט אזוי ווי א זידעל־ווארט. עס איז דאסזעלבע וואס פלוידערזאק, שפאס־מאכער, וויצען זאגער, נישט־ערנסטער מענש וכדומה פון די קאמפלימענטען, וואס איין יודישער שרייבער זאגט אמאל דעם צווייטען, ווען ער איז מיט איהם צופעליג נישט גאנץ שוה־בשוה. נאכדעם ווי ער האט איהם שוין געזאגט, אז ער האט גע׳גנבעט און גע׳גזל׳ט און איז אנ׳אקס און אנ׳עם־הארץ, איז ער מוסיף דרך־אגב נאך די קלייניגקייט: ע, סוף־סוף, איז ער דאך „נאר" א פעליעטאניסט! די זאך איז שוין אזוי ווייט דערגאנגען, אז בשעת הערצל׳ס נאז איז אמאל איינעם נישט געפעלען געווארען, ווייל הערצל האט נישט געקענט בעוויזען צו ברענגען דעם טשארטער שוין נאך 24 שעה, האט דער דאזיגער א זאג געגעבען: ער איז דאך „נאר" א פעליעטאניסט! מ׳שטיינסגעזאגט, הייסט עס פון וועמען מען האט דא צו רעדען. און דאך: אין איין שורה פון די דאזיגע „פעליעטאנען" פון הערצלען קאן מען אמאל געגינען מעהר לעבענס־טיעפקייט, מעהר זין פאר וועלט־עכטקייט, מעהר געפיהל פאר דאס טהאטזעכליכע און דאס מעגליכע, ווי מיר געפינען אין צוואנציג ביכער, פון יענע „טיעפע" הערען!

די דאזיגע מענשען קענען גארנישט פערשטעהן, אז דער מאדערנער פעליעטאן איז אייגענטליך נאר א נייע געדיכטס־פארם. דעם מאדערנעם דיכטער גענוגט אמאל נישט מעהר דאס שרייבען אין קורצע שורה׳לעך מיט פיער־פיסיגע יאמבען, איז ער געגאנגען און האט זיך בעשאפען די נייע פארם, ווייל די דאזיגע נייע פארם קען טויזענד מאל מעהר געגענשטאנדען ארייננעהמען אין זיך ווי די איבעריגע פארמען פון דעם געדיכט. עס איז אין דער היינטיקער צייט כמעט שוין נישט פארהאן קיין איינציגער געגענשטאנד, וועלכען דער פעליעטאנען האט שוין נישט אריינגענומען אין

זיין געביעט: דעם לייט־ארטיקעל און דעם וויסענשאַפטליכען מאמר און דעם פילאָזאָפישען — אלץ, אלץ האָט שוין דער פעליעטאָן איינגעשלונגען, וואָס אָנבעלאַנגט דעם פילאָזאָפישען מאמר, איז גענוג, ווען מען דערמאָהנט ניטשע. פאַר דעם העברעישען לעזער איז גענוג, ווען מען דערמאָהנט אחד־העם, אָבער אויך ווען מיר ווען בעגרענצען די ממשלה פונ'ם פעליעטאָן ביז אויף זיינע אייגענטליכע גרעניצען, ביז אויף דעם פאָעטישען געביעט, וועלען מיר אויך נאָך גענוג אין איהם געפינען. די דאָזיגע לייט פרעשטעהען נישט, אז יענע לייכטקייט, מיט וועלכער דער פעליעטאָן צייכענט זיך אויס איז נאָר אַנ'אויסערליכע, און אז באמת רעדט דער פעליעטאָניסט וועגען די ערנסטעסטע ערשיינונגען. דער פעליעטאָניסט איז דער דאָזיגער שרייבער, וועלכער האָט די בעזונדערע גאבע, צו קענען רעדען לייכט וועגען יעדען שווערען געגענשטאַנד. ווארפט מען אוועק די שאָל פון דרויסען מיט דעם פלוידער־טאָן און מיט דעם אונטערהאלטונגס־וויץ, געפינט מען על־פי־רוב ביי איהם אַנ'ערנסטען אינהאלט, געווען וועלכען דער „טיעפער" שרייבער וואָלט אודאי אָנגעשריבען א גראָבען, לאַנגווייליגען ספר. די ידיעות פון אזא פעליעטאָניסט זענען אָפט זעהר גרויסע און פערשידענע, און האָבען האָט ער דעם בעזונדערען טאַלענט זיך אָנצופאַסען מיט א בליץ־ארטיגער געשווינדקייט צו יעדער טאָג־ערשיינונג און צו יעדען געשעהעניש. נישט אזוי אז די דאָזיגע ערשיינונגען און געשעהענישען זאָלען איהם זיין דאָס אייגענטליכע טעמא, נאָר אזוי אז ער זאָל זיי בענוצען נאָר אלס אויסרעד, אום ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט צו קענען ארויסזאָגען זיינע אַנזיכטען און זיין וועלט־אַנשויאונג, וועלכע זענען ביי איהם שוין פערטיגע.

און דאָ קומען די דאָזיגע לייט און זאָגען אראָב זייער שפּרוך: „נאָר" א פעליעטאָניסט! הערצל איז שוין גאָרנישט מעהר געווען ווי „נאָר" א פעליעטאָניסט!

איך האלט זיין בוך אין דער האַנד און בלעטער אין איהם. וואָס פאַר א גרויסער דיכטער איז דאָס געווען! ווי האָט ער דאָס האַרץ פון א מענשען פערשטאַנען אין זיין שטילסטער שפּראַך! קודם־כל פאלט אין אויג אריין דער אונענדליכער חן, וועלכען ער האָט אין יעדער בעוועגונג. עפעס איז יעדע בעוועגונג ווי פון א געבוירענעם פרינץ, שטאָלץ און לייכט און פיין, און וואָס ער רעדט האָט אין זיך אזוי פיעל מלכות. מען פיהלט, אז ער איז

אַ — העכערער. דער הומאָר איז אַזוי פיין און אַזוי שטיל. דערצעהלט ער אונז פון „דער לעדיגער קינדער־שטוב" און פון „טרודעלס מ־עהר", ווערט ווארעם ביים הארץ. עס האָט קיינער נישט, ווי ער, פערשטאַנען די נשמה פון אַ קינד און ווי צו רעדען צו אַ קינד און ווי צו רעדען וועגען אַ קינד. דערצעהלט ער פון אַ „תמוז־זונטאָג אינ'ם פראַטער־גאַרטען" און פון אַ „פריהלינג אין אָרימקייט", שטעהט אויף פאַר אונז לעבעדיג דאָס גאַנצע עלענד פונ'ם אָרימען און אונענדליך ערבאַרמען כאַפּט אונז אָן ביי דער נשמה, און מיר פיהלען, אַז עס רעדט צו אונז דער גרעסטער און איידעלסטער מענשען־פריינד. שילדערט ער אונז „ענגלישע נעפּעל־בילדער", פיהלען מיר דעם דאָרטיגען זומער און ווינטער, פריהלינג און הערבסט. שרייבט ער אונז וועגען ביכער, פערשטעהען מיר פּלוצלינג זייערע שרייבער. און דערצעהלט ער אונז פון זיינע „רייזען", פאָהרען מיר־מיט מיט איהם און מיר בעוואונדערען דאָס שאַרפע אויג, וועלכעס זעהט אַלץ, און דעם שאַרפען פערשטאַנד, וועלכען עס בלייבט קיין שום זאַך נישט פערבאָרגען. אַזוי קען זעהען און ערצעהלען נאָר אַ גרויסער דיכטער, אַזוי קען זעהען און ערצעהלען נאָר אַ גרויסער מענש. און ווי האָט ער פערשטאַנען זיינע פערעל צו שלייפען! עס פונקעלט און לייכט און בליצט, וואו דאָס אויג פאַלט.

און לעגט מען אַוועק דאָס בוך פון דער האַנד, נעהמט אַרום אַ טרויעריגקייט. וואָס פאַר אַ כוח האָט דעצו געהערט, אַז דאָס אַלעס זאָל מען האָבען געשריבען נאָר פאַר די מינוט, נאָר פאַר'ן טאָג! סוף־כל־סוף איז דאָך דער גורל פונ'ם פעליעטאָניסט דער טרויעריגסטער: איז דער טאָג פאַרביי און דאָס צייטונגס־בלאַט, אין וועלכען דער אַרטיקעל איז געווען, איז דורכגעלעזען, ווערט דאָס דאָזיגע צייטונגס־בלאַט אַוועקגעוואָרפען און אַ טאָג דערויף איז אַלעס פערגעסען און פערגאַנגען. עס איז ווי דער רויך פון אַ טייערער האַוואַנאַ, נאָכדעם ווי זי איז שוין אויסגערויכערט. אַנ'אַנדערער לאָזט־איבער ביכער, קומענדע דורות וועלען בלעטערען אין זיי און וועלען וויסען, ווער און וואָס דער שרייבער איז געווען. דער פעליעטאָניסט איז דער איינציגער, וועלכער האָט זיין „געדיכט" געמאַכט אַבהענגיג פון טאָג. מיט'ן פערגאַנגענעם טאָג איז אויך דאָס קונסט־ווערק פערגאַנגען. ער האָט דערין אַ עהנליכקייט מיט'ן זינגער; דער שפּעטערער ווייסט נישט מעהר פון איהם און וואָס זיין שטימע איז געווען. וואָס ווערט אַ שפּעטערער וויסען, וואָס

קאַרוזאָ איז געווען, ווען אפילו זיין שטימע וועט ווערען פעראייביגט דורך עפּעס אַ גראַמאָפאָן? וואָס וועט מען וויסען שפּעטער, ווער הערצל איז געווען, ווען אפילו עטליכע פון זיינע טענער וועלען זיין פעראייביגט אין עפּעס אַ ביכעל?

און דאָך: גליקליך גענוג איז שוין אַ פעליעטאָניסט, ווען פון הונדערטער און אָבער הונדערטער פון זיינע פעליעטאָנען האָט ער, ווי הערצל, געקאָנט אויסקלייבען כאָטש אַ זעכציג־זיבעציג, וועלכע ער קען, נישט אָבהענגיג פון׳ם טאָג, איבערלאָזען פאַר שפּעטערע דורות.

מאַקס נאָרדוי

יעצט פייערען זיי זיין זיבעציג־יעהריגען געבורטסטאָג, יעצט האַלטען זיי רעכטס און לינקס זייערע רעדעס וועגען איהם. און די שרייבער קומען און קומען נאָך אויף דער געשווינד אין די ענציקלאָפּעדיעס און גראָבען אַרויס די נעמען פון עטליכע פון זיינע ווערק און שטיקלען צונויף די נויטיגע פאָר יום־טוב אַרטיקלען. זיי האָבען אַ פערטיגען מאַקס נאָרדוי. וואָס וויסען די יונגערע לעזער, ווען זיי זעהען פאר זיך דעם דאָזיגען פערטיגען — דעם אויסגעוואַקסענעם ציוניסטען־פיהרער, וועלכער איז נעבעגביי עפּעס אַ שטיקעל בעריהמטער אייראָפּעאישער שריפטשטעלער אויך — וואָס ווייסען זיי, וואָס דער דאָזיגער נאָמען איז געווען פאַר דרייסיג אָדער גאָר פאַר פערציג יאָהר ?

איך בין נאָך גאָר אַ יונגעל געווען, ווען איך האָב די בעקאַנטשאַפט מיט איהם צום ערשטען מאָל געמאַכט. פערשטעהט זיך, נישט די פערזענליכע בעקאַנטשאַפט. עפּעס אַ רייזע־בוך איז עס געווען, וועלכעס איז מיר געקומען אין האַנד אַריין, און געהייסען האָט עס „פון׳ם קרעמל ביז צו דער אַלהאַמבראַ”. מערקווירדיגע שילדערונגען, מערקווירדיגע געדאַנקען, מערקווירדיגע פאַרשוינען־בעשרייבונגען. און אַ שפּראַך האָט דאָס בוך געהאַט, ווי מען האָט זי דענסמאָל נאָך גאָרנישט געקענט. יעדעס וואָרט שאַרף און בליצעדיג ווי אַ פריש געשליפענער חלף און אַזוי געהט עס זאַץ פאַר זאַץ און די געדאַנקען־שאַרפקייט און די צווינגענדיגע, צוגעשפּילטע לאָגיק איז געווען פון אַ מעכטיגקייט, אַז עס האָט אַזש אָנגעהויבען צו שווינדלען דערביי פאַר די אויגען. אָבער אויפזועהען האָט דאָס בוך פאָרט נישט געמאַכט. עס איז עפּעס אַריבערגעגאַנגען שטילערהייט. און דאַן איז געקומען אַ צווייט בוך פון׳ם זעלביגען פערפאַסער „פאַריז בשעת דער דריטער רעפּובליק”. לויטער מעכטיגע בילדער, און אויך דאָס דאָזיגע בוך האָט נישט קיין בעזונדערען רושם געמאַכט. דאַן אָבער, אינ׳ם יאָהר 1883 איז עס געווען, איז אַרויסגעגאַנגען אַ בוך: „די קאָנוועגציאָנעלע ליגענס פון דער קולטור־

מענשהייט״, און — הימעל עפען זיך! ווער עס האָט די דעמאָלסדיגע צייט נישט מיטגעלעבט, דער וועט זיך נישט קענען מאַכען קיין שום פאָרשטע־לונג, דערפון, וועלכען רעש דאָס דאָזיגע בוך האָט דאַסמאָל אָנגעמאַכט. אַ גאַנצע רעוואָלוציע. ביים אוטערהאַלטונגס־טיש און אין קאַפע־הויז, צווישען ליטעראַטען און קינסטלער, אין סאַלאָן און אויף דער בערזע, צווישען בחו־רים און מיידלעך, ביים פלירט און גלאַט ביים לעדיג געהן, אומעטום איז דערפון בערעדט געוואָרען. יעדער מענש, וועלכער האָט זיך געוואָלט מיט־צעהלען צו דער געזעלשאַפטליכער ספערע, האָט עס געמוזט האָבען געלייענט, אָדער ער האָט געמוזט וועניגסטענס קענען רעדען דערפון. דער נאָמען מאַקס נאָרדוי איז איבער נאַכט געוואָרען אַ בעריהמטער. דאָס וואָרט „קאָנווענ־ציאָנעלע ליגענס״ איז געוואָרען אַ שלאַג־וואָרט און ווירקליך איז דאָס בוך געווען איינס פון די מערקווירדיגסטע ערשיינונגען. דער פערפאַסער האָט אַ מוט און אַ דרייסטקייט געהאַט, ווי מען האָט זיי זעלטען ווען ביי אַ מענשען אמאָל אָנגעטראָפען, און אַ שפּראַך האָט ער געהאַט און אַ צווינגענדע לאָ־גיק, וועלכע האָבען דעם לעזער מיט זיך מיטגעריסען. ער האָט דער געזעל־שאַפט געזאָגט אין פנים אַריין, אַז זי איז אַ ליגנערין. ער האָט דעם בעגריף פאָלק גענומען, און עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז דאָס איז נאָר אַן׳איינגע־רעדטער ליגען. און דעם בעגריף קעניג אָדער קעניגטום האָט ער אַרונטער־גענומען אונטער זיין שאַרף גלאָז, און באַלד איז אַרויסגעקומען, אַז ליגען זענען זיי. און דעם בעגריף רעליגיע האָט ער דורכגעבויערט מיט זיין שאַר־פען בליק, און אויך פון איהר איז געוואָרען אַ באַרג ליגענס. און די גאַנצע מענשליכע געזעלשאַפט האָט ער גענומען, די גאַנצע קולטור־מענשהייט, אַלע ערשיינונגען און אַלע איינריכטונגען, און אַלע זענען זיי געוואָרען ביי איהם „איינגערעדטע ליגענס״. און נאָך דעם דאָזיגען מערקווירקדיגען בוך איז געקומען דאָס נעכסטע, „פּאַראַדאָקסען״, און עס איז געווען נאָך דרייסטער פון דעם פאָריגען. און דאַן איז געקומען נאָך איינס, „ענטאַרטונג״ האָט עס געהייסען, און דאָס איז געווען דאָס שרעקליכסטע, וועלכעס מאַקס נאָרדוי האָט אויף זיין לעבען געשריבען. ער האָט זיך גענומען אין דעמזעלבען צו דער גאַנצער מאָדערנער וועלט־ליטעראַטור, און אויפ׳ן גרונד פון אַ ריין־מעדיציניש־פּסיכאָפיזיאָלאָגישע פאָרשונג האָט ער נאָכגעוויזען אַז אַלעס איז — ענטאַרטונג, דאָס הייסט, אַלעס איז דעגענערירט און אַלע יענע לי־

טעראַטען זענען אייגענטליך נאָר דעגענעראַטען. דעגענעראַציע אומעטום אין דער ליטעראַטור, דעגענעראַציע אומעטום אין דער קונסט. עס גייט באַרג אַראָב, און דער סוף רוקט זיך אָן. — אַ גאָט׳ס שרעק איז געפאַלען איבער אַלעמען...

איך בין דענסמאָל אַ בלוט־יונגער מענש נאָך געווען, און שוין דענסמאָל האָב איך געהאַט דאָס געפיהל, אַז מיר שטעהען דאָ פאַר אַ מענשען, וועלכער טראָגט אין זיין האַרץ אונענדליכע ליידען. עס איז דער מענש, וועלכען די נאַטור האָט פערשאָלטען, צו מוזען זעהען אַלצדינג דורך דעם שאַרף־גלאָז. גלויבט מיר, עס איז אַ טראַגעדיע, און עס איז אַזאַ מענשען נישט מקנא צו זיין! ער זעהט דאָס, וואָס טויזענדער אַנדערע זעהען קיינמאָל נישט, ער זעהט אַזוי שאַרף און ביז אויפ׳ן גרונד — און ער וועט שוין קיינמאָל נישט גליקליך זיין. און וועט איהר אַ זאַך געבען אַ שעהנעם נאָמען, וועט ער דעם שעהנעם נאָמען גאַנץ געלאַסען אַוועקקראַצען, און זעהען וועט ער דאָס וועזען פון דער זאַך און ער וועט פערציטערט בלייבען און וועט אויך אייך מאַכען ציטערען. און וועט איהר אָנטהון עפעס אַ פראַזע אין אַ שעהן מענטעלע, וועט ער דאָס שעהנע מענטעלע גאַנץ רוהיג אַראָבציהען פון דער פראַזע און וועט זי אייך ווייזען אין איהר גאַנצער נאַקעטקייט און וועט אייך שטערען אייער רוה בייטאָג און אייער שלאָף ביינאַכט עס איז דער מענש וועלכער זעהט אַלצדינג, ווי עס איז, קיין שום אילוזיע קען איהם נישט פערפיהרען. אָה, איז דאָס אַ טראַגעדיע! איהר אָבער קומט געוועהנליך און זאָגט, אַז דאָס איז אַ פערניינער, אַ „שולל״, אַ מענש, וועלכער האָט קיין שום פאָזיטיוועס נישט אין זיין גאַנצען לעבען... איהר האָט נישט צומאָל דרך־ארץ פאַר די אונענדליכע ליידען, וועלכע אַ מענש טראָגט אַמאָל פערבאָרגען אין זיין האַרצען!

און פערשטעהט זיך: די קריטיק, וועלכע איז אויפגעשטאַנען אין גאַנץ אייראָפּע געגען מאַקס נאָרדוי, האָט געהאַט אויף איהרע ליפען נאָר דאָס איינער וואָרט: פערניינער. מאַקס נאָרדוי איז אַ ניין־זאָגער. ער נעגירט אַלצדינג אין דער וועלט, און ער ווייס נישט פון קיין שום פאָזיטיווע. עס איז די דאָזיגע הערדען קיינמאָל נישט געקומען אין זינען אַריין, אַז אפשר איז ער דער גרעסטער יאָ־זאָגער, און נאָר ווייל זייערע יאָ׳ס זענען אַזוי נישטיג און אַזוי פוסט, דעריבער טענה׳ט ער אַלעמאָל ניין. אין האַרצען אָבער

טראָגט ער ביי זיך די גרעסטע און העכסטע און פּאָזיטיווסטע אידעאַלען.
אָה, ווי איך קען די דאָזיגע ניין־זאָגער! איך קען ווי איך קען מיך אַליין...

אמת איז אמת: נאָרדוי געהער צו די מענשען, וואָס זייער טאַלענט איז צום גרויסען טייל אַ מוח־טאַלענט, און דעם נשמה־לעבען און דעם געפיהלס־וועזען לאָזט ער ביי זיך נישט קיין צו גרויסע ממשלה. ער וועט אפילו קונסט און טאַלענט אַליין ערקלערען זיך נאָר דורך די שאַרפקייט פון דעם שכל. אָבער סוף־כל־סוף בלייבען אויך ביי אַזאַ מענשען נאָך איבריג טייזענדערליי רעטענישען. עס זענען פאַרהאַן גבירים און שרייערס אין געזעלשאַפט אין גרונד פון זייער נשמה זענען זיי די פרידליכסטע, ווייכסטע, גוטמוטיגסטע מענשען. אפשר געהער אויך נאָרדוי צו זיי. עס זענען פאַרהאַן מענשען, וועלכע חלום׳ען און פאַנטאַזירען און גלויבען — און נאָר ווייל זיי זענען שעמעוודיגע נאַטורען און זיי קענען דאָס נישט מודה זיין פאַר אַ גאַנצער וועלט, מאַכען זיי דעם אָנשטעל, אַז זיי זענען אַזוי ניכטער און טרוקען און פערנינפטיג. אפשר געהער אויך נאָרדוי צו זיי. ס׳זענען פאַרהאַן מענשען, וועלכע זענען פון נאַטור אמת׳ע יאַ־זאָגער — און נאָר ווייל זיי האָבען מורא, אַז מען זאָל זיי נישט דערטאַפּען ביי זייער שוואכקייט, פאַלען זיי אַריין אין דאָס געגענזעצליכע. און דוקא מיט אַ גאַנץ בעזונדערע עקשנות. אפשר געהער אויך נאָרדוי צו זיי.

דען, זעהט איהר, אַ רעטעניש האָט אונז אויפגעגעבען אַמאָל דער דאָזיגער מאַקס נאָרדוי, אַ האַרטע נוס צום קנאַקען, ביי וועלכער דער גרעסטער פּסיכאָלאָג קען זיך אַמאָל אַלע זיינע פּסיכאָלאָגישע צייהן אויסברעכען: — ער איז געגאַנגען דירעקט אַוועק פון זיינע „קאָנווענציאָנעלע ליגענס" און איז געוואָרען — ציוניסט.

דאָס גרויסע פּובליקום אַרום, די טויזענד און די צעהנטויזענד פון זיינע לעזער, די אָנבעטער און געגנער, זיי אַלע האָבען נישט געוואוסט צומאָל, אַז ער איז אַ יוד — און אָט פּלוצלינג די דאָזיגע געוואַלדיגע איבערראַשונג. מאַקס נאָרדוי און באַזעל. מאַקס נאָרדוי און ציוניזם. און נישט עפּעס אַ ציוניזם סתם: ניין, איינער פון די הויפּט־פילאַרען פון דער בעוועגונג. אַ פיהרער. די וועלט אַרום איז געשטאַנען און האָט געשטוינט.

און ווי וועט עס זיין מיט דעם שאַרף־גלאָז? און ווי ווען דער וואָרם

פון דעם „קאָנוועָנציאָנעלען ליגען" וועט זיך ביי איהם א געהם טהון זיך מאכען גילטיג? און ווי ווען די „ענטארטונג" !...

אך, ווי פאלש דאָס אלעס איז! — אזוי ווי א מענש וואָלט זיין אזוי איינפאך און מען וואָלט איהם קענען זיך ערקלערען אלעמאל אין דער גלייכער ליניע. אין פאריז האָט ער געלעבט. פונקט ווי זיין חבר טעאָדאָר הערצל, און געזעהען האָבען זיינע אויגען די גרויסע, געוואלדיגע, אונענדליכע יודען־צרה וועהרענד די טעג פון דער דרייפוס־אפערע, פונקט ווי עס האָבען זי געזעהען די אויגען פון זיין חבר טעאָדאָר הערצל. און געקומען איז ער צום זעלביגען בעשלוס, ווי זיין חבר טעאָדאָר הערצל. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז דער גרויסער צווייפלער איז גאָרנישט אזא גרויסער צווייפלער, ער איז נאָר א שעמעוודיגע נאַטור געווען און האָט עס נישט געוואָלט מודה זיין. ווען אָבער דאָס הארץ האָט פורכטבאר געליטען און קיין אויסוועג פאר די גרויסע צרה האָבען די אויגען נישט געזעהען, האָט ער די האַנד דערלאַנגט זיין חבר. ער האָט נאָר נישט געהאט די גרויסע פאָעזיע און די גרויסע ליידענשאפט פון זיין חבר, און דעריבער האָט ער צייטענוויז אויך געשפעט אביסעל. ער האָט אמאל געגעבען א שפּאָטישע תשובה וועגען ציוניזם א געוויסען הערר לובעצקי. אפשר איז אויך דאָס נאָר א שטיקעל קאָקעטעריע געווען, וואָס ער האָט קאָקעטירט מיט זיין סקעפּטיציזם. אין גרונד איז ער אפשר גלויביג. א מענש, און אפילו א מענש פון „קאָנוועָנציאָנעלע ליגענס" און „פּאראדאָקסען" און „ענטאַרטונגען" איז און בלייבט פאָרט א רעטעניש!

דוד וואָלפסאָן

וואָלפסאָן. אויף דער טריבונע שטעהט ער און האַלט זיין צוויישטונדיגע זעלבסטפערטיידיגונגס־רעדע. אַ יאָדערדיג רוסיש יודעל, אַ מין זאַמוטער ראש־הקהל, אין אַ פרייער איבערזעצונג אויף דייטש. אפשר די נאָז אַליין, וועלכע איז עפּעס גראָבליך, מאַכט אַביסעל קאַליע דעם אריסטאָקראַטישען פּאַסאָן. אפשר די ליפּען אַליין, וועלכע האָבען נישט אין זיך יענעם פיינעם צוג פון׳ם גייסט־מענש, ווייזען אויף בעוועגונגען און די גאַנצע געשטאַלט פון אַ מערקווירדיגער ענערגיע. און דערצו אַ קאַלט אויג און אַ ענגער שטערען. ווען ער איז דער הערר פון דער סיטואַציע, רעדט ער גאַנץ פליסיג זיין דייטש, און נאָר ווען ער פיהלט זיך נישט גאַנץ זיכער אין זיין פּאָזיציע, מאַכט ער די אויסגעפּאַלענסטע גראַמאַטיקאַלישע פעהלערען.

אָה, ווי פאַלש האָב איך מיר געהאַט פאָרגעשטעלט דעם דאָזיגען וואָלפסאָן לויט די ערצעהלונגען, וועלכע איך האָב געהאַט געהערט וועגען איהם! לויט די ערצעהלונגען איז מיר אויסגעקומען, אַז דאָס איז עפּעס אַ שטיקעל באַראָן פון יענע באַראָנען וועלכעס יעדער פון זיי האָט זיך זיין פאַנטאַזיע אַ דייטש רוסישער רייכער יוד, אָהן קינד און רינד, וועלכער ווייס נישט, ווי אַזוי די 24 שעה טויטצושלאָגען, איז ער געוואָרען — פיהרער פון די ציורניסטען. פיהרער, הייסט עס, און ער ווערט געפיהרט: געפיהרט פאַר דער האַנד געפיהרט פאַר דער נאָז און געפיהרט פאַר דער צונג. ברויכט מען אַ רייזע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל — ווערט ער אַריינגעזעצט אין אַ וואַגאָן ערשטער קלאַס און ער פאָהרט. ברויך מען צו פערלעגען דעם שויפּלאַץ פון די געשעהענישען קיין בערלין — ווערען איינגעפּאַקט די קעלנער ביכער און אַלע זאַכען, און ער בתוכם, און זיי ווערען בעזאָרגט קיין בערלין. קומט פאַר אַ קאָנגרעס — ווערען אויסגעאַרבייט דורך די סעקרעטאַרען די פיער־פינף רעדעס, וועלכע זענען נייטיג, און עס ווערט גערעדט.

זעהט איהר, אַזוי האָב איך מיר געהאַט דאָס אַלעס פאָרגעשטעלט און יעצט זאָג איך אייך בפה מלא: אַ טעות. מען מוז איהם האָבען, דעם דאָזי־

גען וואָלפסאָנ׳ען, געהערט נאָר דריי מינוט רעדענדיג, אום צו וויסען, ווי זעהר פאַלש דאָס אַלעס איז. ער איז אַ גאַנצער מענשעל; אָבער די איין און דרייפיערטעל אַרשין גרויס וואָס ער איז, געהערען איהם. אָה ניין, ער איז נישט דער מענש, וועלכער לאָזט זיך דיקטירען פון זיינע סעקרעטאַרען די רעדעס; אומגעקעהרט, איך נעהם גיכער אָן, אַז ער דיקטירט זיינע סעקרעטאַרען זייערע רעדעס, וועלכע זיי האָבען צו רעדען לויט זיין פּלאַן, און נאָך מעהר דיקטירט ער זיי זייער שווייגען...

און אַ מערקווירדיגע שפּראַך האָט דער דאָזיגער וואָלפסאָן, אַז ער וויל, למשל, זאָגען, אַז עס איז נמנו וגמרו ביי איהם, בשום אופן אין דער וועלט נישט מעהר אַרויסצוגעבען די לייצעס פון זיינע הענד און אַז ער איז ענטשלאָסען צו בלייבען עד־עולם־וועד דער פיהרער פון די ציוניסטען — ווייסט איהר, ווי ער זאָגט דאָס! ער זאָגט דאָס אַזוי: „מיינע הערען! איך בין קראַנק און שוואַך און איך קען נישט מעהר אַרבייטען; איך בעשווער אייך, למען השם וועהלט מיך נישט מעהר, דען איך וועל די וואַהל נישט קענען אָננעהמען; ווער בין איך דען, אַז איך זאָל האָבען די העזה צו שטעהן אויפ׳ן אָרט, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען אַ טעאָדאָר הערצל? אָט זענען דאָ די הערען פון רוסלאַנד, צו זיי מוזט איהר זיך ווענדען, און זיי וועלען זיך מן־הסתם מרחם זיין אויף אייך און וועלען די פיהרונג איבערנעהמען". און ווען ער וויל, למשל, זאָגען, אַז ער איז פעסט און אונערשיטערליך ענטשלאָסען, אַזוי לאַנג ווי ער וועט לעבען נישט אַרויסצוציהען זיך פון קעלן און נישט אַרויסצולאָזען פון דאָרט די הנהגה — ווייסט איהר, ווי ער זאָגט דאָס? ער זאָגט דאָס אַזוי: „מיינע הערען! איך בין גרייט, אויף אַ וואונק פון אייער אויג, מיטצוגעהן מיט אייך קיין קאָנסטאַנטינאָפאָל, קיין ירושלים, קיין לאָנדאָן און אפילו הינטער די הרי־חשך, אום דאָרט צו פערלעגען דעם זיץ פונ׳ם אַקציאָנס־קאָמיטעט, און נאָר זעהט איהר, עפּעס אַ שטעדטעל איז פאַרהאַן, וועלכעס הייסט בערלין, און אָט דאָרט אַהין האָב איך קיין חשק נישט צו ציהען, און איך בין אייך מודיע, אַז איך וועל אַהין אם ירצה השם אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבען נישט לאָזען זיך איבערפּעקלען" — און דערביי מאַכט ער זיך תמ׳עוואטע און ווי ער וואָלט האָבען פערגעסען, אַז פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און ירושלים און לאָנדאָן און די הרי־חושך איז גאָרנישט געווען די רעדע, און אַז די איינציגע שטאָדט,

וועלכע קומט אין בעטראַכט, איז אייגענטליך נאָר יענס בערלין איינציג און אַליין.

און ווען ער וויל, למשל, זאָגען, אַז דער פּראָפעסאָר וואַרבורג איז אייגענטליך אַ מלמד, אַ מענש, וועלכער פערשטעהט נישט אין הויות־העולם און אין דיני־ממונות אַזוי גרוים ווי אַ האָר — ווייסט איהר, ווי ער זאָגט דאָס? ער זאָגט דאָס אַזוי: „מיינע העררען! דער הערר פּראָפעסאָר וואַרבורג איז איינער פון די גרעסטע מענשען פון דער וועלט; דער הערר פּראָפעסאָר וואַרבורג איז דער בעריהמטעסטער באָטאַניקער אין אייראָפּאַ און אַמעריקאַ, און איך בין זיכער, אַז ווען איהר וועט איהם איבערגעבען די הנהגה, וועט זיך די הנהגה געפינען אין די זיכערסטע און בעסטע הענד. אָבער, זעהט איהר, עס וואָלט אפשר זיין רעכט, אַז דער הערר פּראָפעסאָר וואַרבורג זאָל זיך אַביסעל אומזעהן אויך אין דעם עולם השפל, דען עס קאָן פּאַסירען, אַז די פינאַנסען פון דער קאָלאָניאַל־באַנק וועלען אפשר זיין נישט אַזוי לעילא ולעילא, ווען זיי וועלען בעהאַנדעלט ווערען אויפ'ן באָטאַנישען שטייגער". און ווען ער וויל זאָגען, אַז סאָקאָלאָוו איז איהם אַ שפּין אין די אויגען און ער האָט איהם פיינט בתכלית שנאה, ווייסט איהר, ווי ער זאָגט דאָס? ער זאָגט דאָס אַזוי: "מינוטענווייז קוק איך צו איהם אַרויף, און איך פיהל, אַז דאָס איז אַ מענטש, וועלכער איז אייגענטליך גאָר קיין מענש נישט, און געהער גאָרנישט אַריין צווישען אונז פּראָסטע ברואים'לעך". אַ מערקווירדיגע שפּראַך האָט דער דאָזיגער וואָלפסאָן!

און נאָך ווייטער: איך בין איהם חושד, אַז אינערליך אינ'ם האַרצען איז ער נישט נתפעל אַפילו פון אַ הערצל אויך. משטיינס־געזאָגט, וואָס אַזאַ הערצל איז דאָרט געווען: עפּעס אַ חלום'ער, און ווייטער זאָל ער מיר מוחל זיין. איך, וואָלפסאָן, אָבער בין אַ פינאַנסיסט און פערשטעהע דאָס געשעפט טויזענדמאָל מעהר ווי אַלע דאָ אַרום און אַרום. און זעהט איהר, סוף־כל־סוף איז דאָך דער ציוניזם נישט מעהר ווי אַ פינאַנץ־אינסטיטוציע — און דאָס, איינציג און אַליין, מוז ער און זאָל ער זיין! וואָס זאָלען מיר אַלע חלומות פון די פּאָעזיע־לייט מיט זייער עולם האצילות, וואָס זיי ווייסען נישט אין וואָס ער בעשטעהט, און וואָס, ווען מען בעט זיי, אַז זיי זאָלען איהם גענוי דעפינירען, בלייבען זיי אָהן ענטפער! וואָס זאָלען מיר די פּראַזעס פון רוסישע חבריא פון ווילדע מענשען מיט זייער גנבה'שע הינטער־

קוליסען־ווירטשאַפט און זייער פּערזאָנען־פּאָליטיק? וואָס זאָלען מיר די מאָדערנע חלוקה־יודען פון פּאַלעסטינא, וואָס ווילען אייגענטליך נאָר, אַז דאָס גאַנגע ביסעלע מינץ זאָל אהין קיין ארץ־ישראל? דאָס איינציגע, וואָס דער ציוניזם האָט אונז בעצם געגעבען און קאָן אונז בעצם געבען, איז דאָס, וואָס „ער האָט פערבונדען אַלע יודען פון דער גאַנצער וועלט און האָט זיי געמאַכט איינס", און אום דאָס ווייטער צו לאָזען זיך ענטוויקלען, מוזען די פינאַנסען גוט פערוואַלטעט ווערען, און גוט פערוואַלטען פינאַנסען קען נאָר איך, און דעריבער טאָר איך די לייצעס נישט ארויסגעבען פון מיינע הענד. דאָס, דאַכט זיך, איז דער ציוניזם פונ'ם הערצן דוד וואָלפסאָן פון קעלן!

און דאָך איז דער דאָזיגער דוד וואָלפסאָן פון קעלן אפשר דער איינציגער צווישען די היינטיגע ציוניסטען, וואָס איז באמת קרעפטיג און וויים באמת קלאָר און דייטליך זיין ציעל און וואָס ער וויל — און דעריבער האָט ער דאָס רעכט צו וועלען זיין אַ הערשער און צו זיין אַ דיקטאַטאָר. אַלע אַנדערע ארום און זענען געווען ווי די חדר־יונגלעך, און ווי חדר־יונגלעך האָט ער זיי בעהאַנדעלט. ער האָט זיי צום סוף גענומען אין חדר אריין, און זיי האָבען אַליין נישט געוואוסט ווי אַזוי. ער האָט דאָס אָבגעאַרבייט פיין און גלאַט. אין דער לעצטער מינוט, צווישען 4—5 זייגער פאַרטאָג איז עס געווען, ווען די לאָמפּען אינ'ם זאַל האָבען שוין געמוזט פערלאָשען ווערען און עס איז שוין קיין צייט נישט געווען. עס איז נאָר נאָך אַזוי פיעל צייט פערבליבען, אום צו זינגען כאַפּענדיג און פערשלאָפענערהייט און מיט אַ קרעכץ „עוד לא אבדה" — און אויך דאָס האָט מען נישט געקאָנטשעט. עס איז געבליבען שטעקען אין האַלז.

איך האָב איהם געזעהן, דעם דאָזיגען וואָלפסאָנ'ען, ווי ער איז געשמאָנען אינ'ם ערשטען טאָג פונ'ם קאָנגרעס ווי אַ לעמעלע ביים פּרעזידיום־טיש, וועהרענד נאָרדוי האָט געהאַלטען די ערעפנונגס־רעדע און האָט זיך געלעגט פאַר זיינעמוועגען אין דער לענג און אין דער ברייט. איך האָב שוין דעמאָלס געהאַט דאָס געפיהל, אַז וואָלפסאָן וועט בלייבען פּרעזידענט. ער אָבער איז געשטאַנען מיט אָראָבגעלאָזטען קאָפּ; ער איז געווען נישט זיכער. דאַן האָב איך איהם געזעהן אויף דער טריבונע אין דער לעצטער שעה פונ'ם קאָנגרעס. דער קאָפּ איז געווען צוריקגעוואָרפען און די

ברוסט אויסגעשטרעקט. מיט דער האַנד הינטען אויסגעשטרעקט האָט ער געוויזען אויף די רוסען און ער האָט געזאָגט „יענע דאָרט", און האָט זיך נישט אמאָל די מיה געגעבען, צו זאָגען דאָס וואָרט „הערען". עס האָט נאָר נאָך געפעהלט, אז ער זאָל בעפעהלען, די רוסען זאָלען זיך אוועקלעגען און ער וועט זיין פוס ארויפשטעלען אויף זייער נאַקען.

עמנואל מאַנדעלשטאַם

דער מיעדער, טעריטאָריאַליסט איז ענדליך געקומען צו אַ טעריטאָריע — פאָרלויפיג צו אַ טעריטאָריע פאַר זיך אַליין: פיער איילען ערד מיט פיער ברעטער. עס איז די אַלטע אייביגע געשיכטע פון יעדען דיכמער און פון יעדען פיהלינדען מענש און פון יעדען זוכער. מען זוכט אַזוי לאַנג, ביז ענדליך מען הערט־אויף פלוצלינג אין דער מיט, און די מיעדע אויגען פערמאַכען זיך. איך האָב אמאָל, אַליין, מיט אַ סך, אַ סך יאָהרען צוריק, דאָס דאָזיגע טרויערדיגע ליעד געזונגען: דאָס ליעד פון דעם רבי'ן געצעל חקרן, וועלכער האָט געזוכט כל־ימיו דאָס גאָלד־לאַנד „אופיר", דאָס לאַנד פונם אייביגען גליק, דאָרט, וואו מענשליכע צרות הערען־אויף און אַלעס בליצט און גלאַנצט און גרינט, ביז ענדליך ער איז, מיעד און געבראָכען און אַלט, אָנגעקומען פונקט צו יענעם לאַנד, וואָס „פון זיין געביעט קומט קיין שום וואַנדערער נישט מעהר צוריק". די אויגען האָבען זיך איהם מיעד געשלאָסען אויף אייביג, און שטיל האָבען געשעפּטשעט די ליפּען: דאָס איז דאָס רעכטע, לאַנג־געזוכטע „אופיר", דאָס איז ענדליך די טעריטאָריע...

אָבער ניין! די טעריטאָריע, וועלכע עמנואל מאַנדעלשטאַם האָט געזוכט פאַר אַ גאַנץ פאָלק, איז געוועזען פונקט דער היפּך: זי איז געוועזען דאָס לעבעדיגסטע לעבען. עס האָט קיינער נישט אַזוי אויפריכטיג און אַזוי גלויביג געהאַלטען פון דער דערגרייכונג פון זיין ציעל, ווי מאַנדעלשטאַם. און נישט ווייל ער איז אַ אידעאַליסט געוועזען, נאָר אומגעקעהרט, ווייל ער איז אַזאַ שטאַרקער רעאַליסט געוועזען און ווייל די לעזונג פון דער יודען־פראַגע דורך די דערגרייכונג פון אַ טעריטאָריע איז געוועזען פאַר איהם די פּראַקטישסטע און רעאַלסטע; זי איז געוועזען פאַר איהם איבערהויפּט די איינציגע מעגליכע לעזונג. דער דאָזיגער אויגען־דאָקטאָר האָט אַ געזונדען בליק געהאַט. צווישען די מענשען פון אַ פריהערדיגען דור איז ער אפשר געוועזען דער איינציגער מאָדערנער מענש, וועלכער האָט געפיהלט און געטראַכט ווי גאָר אַ מאָדערנער פון דער אַלערלעצטער צייט.

אָה דער דאָזיגער פריהערדיגער דור! אָה די דאָזיגע מענשען פון פאַר פופציג־זעכציג יאָהר! עס איז אַ שרעק, ווי לייכט זיי האָבען דענסמאָל געלעזט די יודען־פראַגע. ווילסט, אַז די דאָזיגע לעסטיגע און לאַנגווייליגע

פראַגע זאָל אויף דער וועלט נישט זיין ? נישטאָ קיין גרינגערע זאַך, ווי דאָס. דו מוזט נאָר זעהען, אַז די יודען זאָלען טראָגען קורצע רעק, זאָלען זיך פערשערען באָרד און פאות,, כדי זיי זאָלען נישט אויסזעהן אַנדערש ווי די אַנדערע, און טראָגען זאָלען זיי געפוצטע שטיוועל. זאָגט אַליין, איך בעט אייך, ווי לייכט מוז זיין אַ לעזונג פון אַזאַ יודען־פראַגע, ווען דאָס ווענדט זיך אינגאַנצען אין אַ פּאָר געפוצטע שטיוועל ? נאַטירליך, חוץ די געפוצטע שטיוועל האָט מען נאָך עטליכע קלייניגקייטען צו בעזאָרגען. מען מוז רעדען רוסיש, מען מוז די קינדער לאָזען לערנען, מען מוז וואָס מעהר פון די קינ־דער לאָזען ווערען דאָקטוירים און אַפּטייקערם און יוריסטען און אינזשע־ניערען. בקיצור: די בעריהמטע מעטאָדע פון דעם „היה יהודי באהלך ואדם בצאתך”. אַזוי האָבען זיי אַלע דענסמאָל געטראַכט. די גרויסע און די קליינע. און צווישען די גרויסע, די דעמאָלדיגע רעדעל־פיהרער, זענען געווען עטלי־כע אויך מיט’ן נאָמען מאַנדעלשטאַם. איין מאַנדעלשטאַם, דער בעריהמטער לעאָ אָדער יהודה־ליב, האָט בוכשטאַב פּאַר בוכשטאַב נאָכגעטהון דאָס, וואָס מענדעלסזאָהן און די מענדעלסזאָהן־לייט האָבען געטהון אין דייטשלאַנד מיט הונדערט יאָהר פריהער: ער האָט די ביבעל איבערגע־זעצט, ער האָט העברעאיש־רוסישע ווערטערביכער געמאַכט און האָט גע־אַרבייט מעשים, אום די בילדונג צו פערשפּרייטען. אַ צווייטער מאַנדעל־שטאַם. בנימין, האָט געטהון דאָס זייניגע: ער האָט אַ פיין העברעאיש גע־שריבען, ער האָט מליצות געמאַכט און האָט געאַרבייט פּאַר דעם פּאָרט־שריט פון זיינע ברידער דאַדורך, וואָס ער האָט פאַר זיי פערפאַסט זיין „חזון למועד” און זיין „פּאַריז” און זיינע „משלי בנימין”. אַ דריטער מאַנדעל־שטאַם איז געגאַנגען אַ שריט ווייטער נאָך: ער איז געוואָרען אַ בעריהמטער רוסישער געלעהרטער און ליטעראַטור־פּראָפעסאָר, נאָכדעם נאַטירליך, ווי ער איז געוואָרען פריהער אויך אַ פּראַוואָסלאַוונער. אייגענטליך איז דאָס געווען נאָר די פרוכט און די נאַטירליכע פאָרטזעצונג פון יענער לייכטער לעזונג פון דער יודען־פראַגע. עס איז געווען דיזעלבע ערשיינונג מיט די־זעלבע רעזולטאַטען, ווי פריהער אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער. איינער נאָר, אַ מאַנדעלשטאַם, איז אָבגעשטאַנען פונ’ם דאָזיגען וועג, וואָס זיינע פעטערס און זיינע קרובים און זיינע ברידער זענען געגאַנגען, און זיין לעבען האָט גענומען אַנ’אַנדערע ווענדונג. דאָס איז געווען עמנואל

מאַנדעלשטאַם, דער גרויסער טויטער, וועלכען מיר בעוויינען היינט. ווי אַזוי דאָס האָט זיך גענומען צו איהם? אפשר נאָר דאָדורך, וואָס ער איז געווען אַ שטאַלצע נאַטור. אפשר נאָר דאָדורך, וואָס ער איז געווען מוזי־קאַלישער פון זיי אַלעמען און האָט שוין דענסמאָל, מיט עטליכע צעהנדלי־גער יאָהרען צוריק, אַרויסגעהערט דעם טאָן, וועלכען מיר אַלע הערען ערשט היינט...

אַרום און אַרום האָט פּאַסירט מיט איהם אין קליינעם דאָס, וואָס האָט פּאַסירט מיט טעאָדאָר הערצל אין גרויסען. עפּעס אַ מעשה, אַנ׳אויסערגע־וועהנליכע, האָט זיך איהם געטראָפען אין זיין לעבען, וועלכע האָט איהם געצוואונגען פלוצלינג אַ טראַכט צו געבען. וואו ער האַלט אין דער וועלט, און האָט איהם מיט געוואַלד געמאַכט פאַר אַ גרויסען יוד — פּונקט אַזוי ווי יענעם. דען אויך יענער, טעאָדאָר הערצל, איז געווען אַ שטאַלצע נאַטור, וועלכע האָט נישט פערטראָגען דאָס לאָזען־טרעטען־זיך, און דאָס איז גע־ווען דער גרונד, וועלכער האָט איהם געבראַכט צו אונז און האָט איהם גע־לאָזט ווערען יוד און פיהרער פון יודען — פּונקט ווי ער.

און איך געדענק יענע האַרץ־ריהרענדע געשיכטע, וועלכע הערמאַן באַהר דערצעהלט אונז וועגען טעאָדאָר הערצל. אומצעהליגע מאָל האָט ער זי גע־הערט פון טעאָדאָר הערצל׳ס מויל אַליין. אויפ׳ן מאַרס־פעלד איז פּאַריז איז ער געשטאַנען, דער דאָזיגער הערצל, אַלס קאָרעספּאָנדענט פון דער „נייער פרייער פּרעסע”, דענסמאָל, ווען מען האָט דעם אומגליקליכען קאַ־פּיטאַן דרייפוס אַראָבגעריסען די עפּאָלעטען און די שווערד, איידער מען האָט איהם אַוועקגעשיקט אויף די טייוועלס־אינזעל. ער האָט געפיהלט בשעת מעשה, אַז נישט יענעם, דעם אומגליקליכען קאַפּיטאַן, האָט מען אַראָבגע־ריסען די שליפעס, נאָר איהם, הערצלען אַליין. און נישט נאָר איהם, נאָר דעם גאַנצען יודישען פאָלק. עס זענען איהם מיטאַמאָל אויפגעגאַנגען די אויגען. ער האָט מיט איינמאָל בעגריפען דעם גאַנצען עלענד און דאָס גאַנ־צע, גרויסע און טיעפע און אונענדליכע אומגליק פון דעם יודישען פאָלק. ער האָט מיט איינמאָל איינגעזעהן, אַז עס איז קיין רעטונג נישט פאַרהאַן. ער האָט מיט איינמאָל געפיהלט און פערשטאַנען, אַז די אַלע מיטלען, וועל־כע מען האָט ביז איצט אָנגעווענדט פאַר דער לעזונג פון דער פראַגע, דאָס גאָכלויפען נאָך די פרעמדע פעלקער און דאָס וועלען פערמישען זיך מיט

זיי און דאָס אָנשטרענגען זיך צו זיין אויסערליך גלייך מיט זיי, דאָס אַלעס זענען נאָר נאַרישע פּלעסטערלעך אויף אַנ׳אייטערדיקער וואונד, וועלכע פוילט און ווערט אַלץ טיעפער און טיעפער. ווי אַ האַלב־וואַהנזיניגער איז ער אַרומגעלאָפען אין די גאַסען און האָט זיך געשעהמט צו קוקען דעם לעצ־טען שייגעצעל אין פּנים אַריין. און איינמאָל, אין אַ שטילער נאַכט, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט פלוצלינג און האָט אָנגעשריבען דעם „יודענשטאַט". און דאַן איז ער געגאַנגען און האָט צונויפגערופען דעם ערשטען קאָנגרעס אין באַזעל. און דאַן איז ער געגאַנגען און האָט געפּרובט מאַכען דאָס נייע, דאָס בענייטע יודישע פאָלק...

און עפּעס גאַנץ עהנליכעס איז געשעהן אויך מיט עמנואל מאַנדעל־שטאַם. דאָצענט איז ער געווען אין דער קיעווער אוניווערזיטעט, דער בע־ריהמסטער אָפּטאַלמאָלאָג אין גאַנץ רוסלאַנד, דער גרעסטער אויגען־דאָק־טאָר, הייסט עס, וועלכען דאָס גרויסע לאַנד פערמאָגט, און זיינע „קלינישע לעקציעס", דאָס בעריהמטע ווערק, וועלכעס ער האָט געשריבען, האָט גע־מאַכט דאָס גרעסטע אויפזעהן אויך אין אויסלאַנד. דאַן האָט איהם די מעדי־צינישע פאַקולטעט איינשטימיג אויסגעקליבען אַלס פּראָפעסאָר, און דער סאָוועט פון דער אוניווערזיטעט האָט איהם נישט בעשטעטיגט, ווייל — ער איז אַ יוד. עס זענען איהם מיט איינמאָל אויפגעגאַנגען די אויגען און ער האָט מיט איינמאָל בעגריפען, וואו ער האַלט אין דער וועלט. ער האָט פלוצלינג דערפיהלט, אַז נישט איהם האָט מען אָבגעזאָגט די בעשטעטיגונג, נאָר דעם גאַנצען יודישען פאָלק. און זיין שטאָלצע נאַטור האָט זיך געריהרט. ער האָט שמערצליך געפיהלט, אַז די עצה, וועלכע זיין ברודער האָט זיך געגעבען, מיט דעם, וואָס ער איז אַריבער אין צווייטען לאַגער, איז אַ בעליי־דיגונג, וועלכע ער קען נישט פערטראָגען. ער האָט מיט איינמאָל בעגריפען דעם גאַנצען עלענד און דאָס גאַנצע, גרויסע און טיעפע און אונענדליכע אומגליק פונ׳ם יודישען פאָלק. און ער איז געגאַנגען און האָט געזוכט אַ אַ ראַדיקאַלערע עצה און איז געוואָרען — אַ גרויסער יוד.

און אָט איז ער געשטאַנען אויף דער טריבונע אין באַזעל ביים צווייטען קאָנגרעס און האָט גערעדט די דענקווירדיגע ווערטער: „וואָס קומט אַרויס די מערב־יודען און אַ טייל פון די מזרח־יודען, וועלכע מאַכען יענע נאָך ווי די אַפען, דערפון, וואָס זיי האַלטען אין איין שרייען, אַז זיי זענען דייט־

שען, פראַנצויזען, פּאָליאַקען מיט מאַזאַאישען גלויבען, ווען זייערע שכנים, די אַריער, לאַכען זיך אויס פון זיי און ווילען גאַרנישט מקבל זיין די דאָזיגע סעמיטיש־אַרישע פערמישונג? וואָס קומט אַרויס די מערב־יודען דערפון, וואָס שטאַט לאַנגע רעק און פּאות טראָגען זיי פּרעק און גענלאַנצטע העמדער און רעדען דייטש און פראַצויזיש אויסגעצייכענט, אָדער זינגען גאָר מיט התלהבות אויך די „וואַכט אַם רהיין", ווען דאָס קין־צייכען פון זייער אָבשטאַמונג ליעגט זיי אויסגעגאָסען אויף זייערע פּנימער און זייערע אַרישע שכנים לאָזען זיי פיהלען אויף שריט און טריט, אַז זיי זענען פרעמדע, וועלכע זוינען זיי אויס, און עס איז אַ מצוה זיי אויסצורייסען, אָדער זיי אונשעדליך צו מאַכען?". און דאַן ווידער: דער אינסטינקט פון די אַנדערע פעלקער איז נאָך דער אינסטינקט פון אַ חיה־רעה, און דאָס דאָזיגע לאָזט זיך נישט אָוועקוואַשען מיט אַזעלכע ווערטלעך ווי „פריי־הייט און גלייכהייט און ברידערליכקייט". „די שנאה צו יודען איז אַ גייסטיגע קראַנקהייט. וואָס ווערט איבערגענומען בירושה, און אַלס איבערגענומענע קראַנקהייט איז צו איהר קיין שום רפואה נישט פאַרהאַן". און אָט קומט ער צו דעם שלוס: „די יודען מוז מען מציל זיין אַלס פּאָלק, מען מוז אַזוי ווייט ווי מעגליך מציל זיין אַ גרויסען טייל פונ'ם יודישען פּראָלעטאַריאַט און מען מוז איהם געבען אַ בעשטאַנד, ווי עס פּאַסט לויט זיין מענשליכער עהרע".

און דאַן ווען די צייט איז איהם געוואָרען צו־לאַנג צו וואַרטען, ביז די לעזונג וועט קומען דאַדורך, וואָס יודען וועלען זיך קאָנען קאָלאָניזירען אין ארץ־ישראל, האָט ער אָנגעהויבען צו אַרבייטען פאַר דער קאָלאָניזירונג ערגעץ־וואו אויף אַנ'אַמעריקאַנישער טעריטאָריע. ער איז געוואָרען דער גרעסטער אַרבייטער פאַר די אידעע פון גאַלוועסטאָן. ער איז געוואָרען ווי הערצל מיט זיין אידעע וועגען אוגאַנדאַ. דער טעריטאָריאַליזם איז געווען פאַר איהם דאָס פּראַקטישסטע, דאָס רעאַלסטע, די איינציגע מעגליכע לעזונג.

און אָט איז אין מיטען זיין בעסטער אַרבייט דער גרויסער טעריטאָריאַליסט דערוייל געקומען צו אַ טעריטאָריע פאַר זיך אַליין: אַ גרוב אויפ'ן קיעווער בית־עלמין. זאָל איהם זיין טעריטאָריע לייכט זיין, ביז זיין אידעע פון אַ גרעסערער טעריטאָריע, די אידעע פון גאַלוועסטאָן, וועט פאָרט אַמאָל דערגרייכט ווערען!

ד"ר שלמה רובין

אין קראָקע, אין דער שטאָדט, וואו גרויס און קליין איז איצט בע־שעפטיגט מיט דעם באָראָווסקא־פּראָצעס, איז אין א שטילער מענשען־פער־לאָזענער גאַס געשטאָרבען פאַר עטליכע טעג, שטיל און מענשען־פערלאָזען, אַן׳אַלטער יודישער געלעהרטער, א גרויסער פרוכטבארער שריפטשטעלער, א מערקווירדיגער שטילער דענקער — דער ד"ר שלמה רובין.

א נייגציגער איז ער געוועזן ביים טויט. נייגציג יאָהר... עס שווינדעלט פּראָסט פאַר די אויגען, ווען מען קוקט צוריק אויף אַזאַ לאַנגען לעבען. א מין יעקב־אָבינו־לייטער, וועלכע שטעהט מיט איין עק אויף דער ערד, און דער שפּיץ דערגרייכט אין הימעל אריין. עפּעס איז ער אין זיינע לעצטע ווערק איינער אַרויס פון אונזער צייט, און עפּעס ווידער ביי זיין אָנפאַנג איז ער דער בן־דורם פון אונזערע זיידעס. איינער פון די לעצטע זיילען איז ער געוועזן פון יענער גרויסאַרטיגער חורבה, וועלכע איז נאָך געשטאַנען פאַר אונזערע אויגען פון דער אויפקלערונגס־צייט, איינער נאָך — דער לעצטער — פון דער אַלטער גווארדיע איז ער געוועזן, דער לעצטער „נאַפּאָלעאָנישער גענעראַל", וועלכער איז אונז געוועזן נאָך פערבליבען. און אָט איז אויך ער נישט מעהר דאָ. דער לעצטער ציגעל פון דעם אַלטען בנין איז געפאַלען...

און איך געדענק נאָך ווי היינט, ווי ער זיצט מיט מיר אונטער די פּלאַנטען אין קראָקאָ אויף א באַנק און דערצעהלט מיר. ער דערצעהלט פון אַן׳אָוועגד אין וויען ביי דעם וועלט־בעריהמטען הומאָריסט מ. ג. סאַפיר, אויך ער איז געוועזן — א מעשה פון פאַר א יאָהר פופציג אָדער זעכציג און דערצעהלט פונקט אַזוי פון דעם לעצטען השכלה־יונגעל, וועלכען ער האָט באַגעגענט נעכטען אין דער יודישער בוכהאַנדלונג פון אהרן פויסט. ער דערצעהלט פון א געשפּראָך וועגען יודען, וועלכען ער האָט געהאַט, אָטר אָט פאַר א יאָהר פופציג איינגאַנצען, מיט דעם בעריהמטען קאַרל גוצקאָוו, דעם פערפאַסער פון „אוריאל אַקאָסטאַ"; און דערצעהלט גענוי אַזוי וועגען א מאמר, וועלכען ער האָט געלייענט היינט אין דער פריה אין דעם קראָ־

קאָווער „המגיד”. ער דערצעהלט, גייסטרייך און פיין, טויזענד מעשה׳לעך וועגען פּרץ סמאָלענסקין פון זיין וויענער צייט און וועגען סמאָלענסקינ׳ס שוואַרץ־קינסטלעריי אויף טויזענד געביעטען, פון וועלכע ער האָט קיין בעגריף נישט געהאַט, און וועגען סמאָלענסקינ׳ס פראַנצויזיש־קענען און אַראַביש־קענען און איבערהויפּט פון זיין געשיקטליכקייט אין יעדען פאַך, אָהן אפילו צו וויסען, וואָס דאָס פאַך איז, ער דערצעהלט וועגען קאַרל עמיל פראַנצאָז, וועגען קוראַנדאָ, וועגען זאַכער־מאַזאָך, וועגען שד”ל און זיין מחלוקת געגען שפּינאָזאַ. איך זיץ און האָרך. רבונו של עולם, וועלכע אוצרות פון צייט־גענעסישער געשיכטע ליעגען דאָ אויפגעשטאַפּעלט אין דעם דאָזיגען זכרון! און ווען דער וועט אַמאָל שטאַרבען, וועלכע גרויסאַרטיגע לעבעדיגע היסטאָריע פון גאַנצע צוויי דורות וועט ער מיטנעהמאַן מיט זיך אין גרוב אַריין! אַ שעה זיצען און פּלוידערען מיט דעם דאָזיגען מענשען האָט געגעבען אַ באַרג מיט וויסען...

און אַ וויסען האָט ער בעזעסען, וואָס קלינגט פּראָסט ווי אַ לעגענדע. און געלעזען האָט דאָס, וואו אַ בוך אין דער וועלט איז נאָר געווען צו דערגרייכען. און אַ זכרון האָט דאָס געהאַט, ווי איך האָב אין מיין לעבען קיין עהנליכען נישט געזעהן. פון די ניינציג יאָהר פון זיין לעבען האָט דער מענש אַכציג יאָהר געאַרבייט. מען קאָן זיך פאָרשטעלען די ביכער, וועלכע ער האָט געשריבען, ווער קאָן זיי אַלע אויסרעכענען? ווער קאָן צעהלען די טיטלען! — נישט אין אַ אוניווערזיטעט האָט ער געענדיגט זיינע שטודיען, און פאָרט האָט ער געהאַט דעם טיטעל „דאָקטאָר”. דעם דאָזיגען טיטעל האָט איהם געשענקט די אוניווערזיטעט לייפּציג „האָנאָריס קאַוזאַ” מחמת כיבוד, הייסט עס, פאַר זיין ווערק „שפּינאָזאַ און מיימאָנידעס” (שפּינאָזאַ און דער רמב”ם), וועלכעס ער האָט געהאַט געשריבען אויף דייטש.

איך בין נאָך גאָר אַ קינד געווען, ווען איך האָב געלייענט די ערשטע זאַכען פון איהם. אין די „השחר׳ס” האָבען זיי זיך געפּלעגט דרוקען, אין יעדען יאָהר אַ נייע ווערק בסימנים מיוחדים: אַ ספר־היובלים, אַ מעשה בראשית על־פּי סנחוניתון, אַ מנחם הבבלי, אַ סוד הספירות און נאָך און נאָך. אַ רעוואָלוציע אין דער גאַנצער געדאַנקען־וועלט פון דעם יונגען מוח האָבען די דאָזיגע ספרים אָנגעמאַכט. מיר האָבען אַ ספר־היובלים בעקומען. מיר האָבען פּלוצלינג די געשיכטע פון בריאת־העולם אין דער פאָרם, ווי דער

געזעצגעבער פון די בבליים דערצעהלט זי. און מיר האָבען פלוצלינג אויך דעם סוד הספירות און טויזענד אַנדערע סודות. און אַלעס לעגט זיך אַזוי גלאַט אויפ׳ן מוח און עס ווערט עפּעס אַזוי ליכטיג אין די אויגען. דער ד״ר רובין האָט אייגענטליך גאָרנישט מחדש געווען; ער האָט נאָר גענומען און איבערגעזעצט, און זעהר געשיקט איבערגעזעצט, די פראַגמענטען פון דער גריכישער איבערזעצונג פון פילון הבבלי, וועלכע אָרעלי האָט אַרויסגעגעבען, וועגען דער אורגעשיכטע פון פעניציען און עגיפּטען, וואָס עס האָט געשריבען צוועלף־דרייצעהנהונדערט יאָהר פאַר קריסטוס דער פעניציאַנער סאַנכאָניאַטהאָן; ער האָט נאָר גענומען און איבערגעזעצט הונדערט אַנדערע אַזעלכע זאַכען. מיר דאַכט זיך, אַז קיין שריפטשטעלער פון די יודישע שריפטשטעלער פון יענער צייט האָט נישט געהאַט אַזאַ ווירקונג אויף דעם דעמאָלסדיגען לעזער ווי ד״ר רובין. וואָס ער האָט געווירקט פאַר דער אויפקלערונג אין יענער צייט איז גאָר אין לשער. אפשר האָט ער דעם גרעסטען חלק אין יענער ווירקונג. ער האָט געווירקט נישט דירעקט, נאָר אונדירעקט.

יאָהרענלאַנג האָב איך געגאַרט דעם דאָזיגען מענשען פערזענליך צו קענען, און ערשט שפּעט, זעהר שפּעט — ער איז דענסמאָל געווען שוין קרוב אַנ׳אַכציגער — האָב איך איהם צופעליג אַמאָל בעגעגענט אין קראָקאָ. אַ שלאַנקע געשטאַלט, אין אַ ענגען איבערציהער צוגעקנעפּלט ביז אַרויף, מיט׳ן ווייסען טאַנשענטוך אין דער ברוסט־טאַש, ציכטיג און ליכטיג — ציכטיג און ליכטיג, ווי אַלעס, וואָס איך האָב געלעזען פון איהם. דאָס לעצטע, וואָס איך האָב געהאַט געלעזען פון איהם דעמאָלט, איז געווען דער „חקר אלוה״, די העברעאישע איבערזעצונג פון שפּינאָזאַס „עטיק״. אַ רוהיגקייט איז געלעגען אויף איהם אויסגעגאָסען, רוהיג אין רעדען, רוהיג אין זיינע בעוועגונגען, רוהיג אפילו ווען מען האָט גערעדט געגען איהם. מען האָט עס איהם אָנגעזעהן אויפ׳ן ערשטען בליק: דער „שפּינאָזיסט״ מיט הויט און ביינער. דו זאָלסט נישט לאַכען, דו זאָלסט נישט וויינען; דו זאָלסט נישט צערנען, דו לאָזסט נישט ענטציקט ווערען; דו זאָלסט וועגען מענשליכע נאַרישקייטען נישט אַרויס פון דיין רוה — דו זאָלסט נאָר פערשטעהן. און דאָך איז געלעגען אויף דעם דאָזיגען מענשען אַ גוטסקייט אויסגעגאָסען, ווי איך האָב זי עהנליך ביי קיין שום שריפטשטעלער נישט געזעהן, עפּעס

איידעלעס, עפּעס גרויסעס איז עס געווען, מען האָט געקענט זעהען, אז דער דאָזיגער מענש האָט נישט נאָר געלייענט דעם שפּינאָזאַ און איהם איבער־געזעצט, נאָר ער האָט איהם אויך בעגריפען און איבערגעלעבט...

עטליכע ווערטפולע מתנות האָט ער מיר דאן געשענקט: עטליכע בריעף פון קאַרל קוצקאָוו צו איהם, אַ בריעף פון דעם פראַנצויזישען פילאָזאָף קאָנט דע פושע, וועלכען ער האָט געשריבען צו איהם נאָך דעם ערשיינען פון זיין בוך „שפּינאָזאַ און דער רמב"ם", און דאָס זעלטענע בוך פון אייזעק ד'יזרעלי „קוריאָזיטעס אָוו ליטעראַטשיור".

און ווידעראַמאָל האָט ער מיר געוויזען, אז ער איז אַ שפּינאָזיסט. עס איז געווען דענסמאָל, ווען איך האָב איהם געווידמעט „לזכרון ימים טובים ונעימים", מיין איבערזעצונג פון בייראָנס „קין" מיט דער צעקאָכטער, שטורמישער איינלייטונג וועגען מה למעלה, מה למטה. ער האָט מיר אין אַ רוהיגען בריעף געדאַנקט און מיר געשריבען: עס איז גאַנץ שעהן, ווען אַ מענש מיט לירישע נייגונגען צעקאָכט זיך אזוי, עס איז גאָרנישט אַנדערש מעגליך; ער אָבער איז אַ רוהיגער דענקער, אַ שפּינאָזיסט, וועלכער איז דאָס אַלעס שוין איבערגעקומען. און נאָכאַמאָל האָט ער מיר אַרויסגעוויזען דעם שפּינאָזיסט. פאַר עטליכע יאָהר איז עס געווען, ווען זיין איינציגער זוהן איז איהם געשטאָרבען. ער האָט נישט געקלאָגט און נישט געוויינט; ער האָט מיר נאָר געשריבען. איך וועל דעם דאָזיגען בריעף קיינמאָל נישט פערגעסען.

אויך איך וועל פּרובען נישט קלאָגען און נישט וויינען, ווען שלמה רובין איז געשטאָרבען — איך האָב נאָר געשריבען....

משה ליב ליליענבלום

ער האָט אויך געהייסען ליליענבלום און אויך הערליכטזאָהן האָט ער אמאָל געהייסען. און אויך צלפהד בר־חשים התוהה. און, דאכט זיך, עפּעס נאָך עטליכע נעמען האָט ער געהאַט — בקיצור שיער נישט א לעגענדאַרע פּערזענליכקייט איז ער געווען אין מיינע אויגען. עס איז קיין וואונדער נישט; איך בין דאָך דענסמאָל געווען נאָך גאָר א קינד. און מעשים האָט מען וועגען איהם דערצעהלט, אז די פאַנטאַזיע פון׳ם צוועלף־דרייצעהניעהריגען קינד האָט מיט איהם געקאָכט. יעדען טאָג א נייע מעשה, יעדען טאָג א נייע גבורה. איבערהויפּט די רדיפות, וואָס מען האָט איהם גע׳רודפ׳ט. ער איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער גרויסער מלחמה געגען די רבנים און דעם ראַבאָניזם. תקונים בדת האָט ער געוואָלט — און מען האָט איהם גע׳רודפ׳ט. ער איז געווען דער העלד, איינמאָל האָב איך איהם געזעהן זאָגאָר אין חלום. עפּעס האָט ער זיך געהאַט פערביטען אין מיין פאָרשטעלונג מיט דער געשטאַלט פון מארטין לוטער, בשעת ער פערברענט אין וויטענבערג דעם פּויפּסט׳ס חרם; פּלוצלינג אָבער איז עס נישט געווען לוטער, נאָר יהודה אינ׳ם „ספר הישר" בשעת ער הויבט אויף א הונדערט־פּודיגען שטיין און צערייבט איהם, און נאָר ווען איך האָב זיך גוט איינגעקוקט, איז עס גאָר געווען עפּעס אַנ׳אפריקאַנישער אינדיאַנער־הויפּטלינג...

און געלייענט האָב איך פון איהם נאָך אַלץ נישט קיין איינאיינציג וואָרט. אין די העפטלעך פון׳ם זשורנאַל „הבקר אור" איז געגאַנגען אין פאָרטזעצונגען דער שעהנער ראָמאַן „הדת והחיים" פון ראובן־אָשר ברודס, און געזאָגט האָט מען, אז דער העלד פון׳ם דאָזיגען ראָמאַן יענער שמואל מיט זיין מערקווירדיקער מלחמה געגען דעם „שולחן ערוך", דאָס איז משה ליב ליליענבלום.

אין יענער צייט אונגעפעהר איז מיר געקומען אין האַנד אריין דער „חטאת נעורים". איך האָב איהם געלייענט און האָב דאַן נישט געקאָנט שלאָפען ביינאַכט, א ודוי פון א מענשען — אפשר די מערקווירדיגסטע ודוי, וועלכע איך האָב געלייענט אין מיין גאַנצען לעבען. אזוי ווייט עהרליך

און אָפּענהערציג איז נאָך קיין מענש נישט געווען. דער גרונד־שטריך פון דעם בוך איז די עהרליכקייט כמעט ביז צו פאַנאַטיזם, נאָך נישט דרייסיג יאָהר איז ער אַלט — און ער שרייבט דאָס בוך פונ׳ם יאוש. פון יעדען וואָרט וויינט אַרויס דער פליט־צו־רייסענדער יאוש. אַלץ איז איהם אונטער־געגאַנגען. יעדע זון איז איהם אונטערגעגאַנגען. עס איז נישט פאַרהאַן קיין יוגענד, עס איז נישט פאַרהאַן קיין שעהנקייט, עס איז נישט פאַרהאַן קיין השכלה און קיין קאַמף איז נישטאָ, און עס איז נישטאָ פאַרוואָס צו קעמ־פען. און ווידער דערקען איך אין איהם דעמזעלביגען שטריך: אויך אין זיין יאוש דערגעהט ער אַזש ביז צו פאַנאַטיזם. מיך האָט דאָס בוך צועצויגען און אָבגעשטויסען. צוגעצויגען האָט מיך די וואונדערבאַרע פאָרם און הויפּזעכליך די עהרליכקייט, און אָבגעשטויסען האָט מיך דער פאַנאַטיזם פונ׳ם יאוש. און פאָרט איז דאָך די וועלט אַזוי שעהן און איך האָב זי ליעב, און די יוגענד איז אַזוי שעהן און דער קאַמף און דאָס קעמפען און איך האָב זיי אַזוי ליעב!... איך האָב טונקעל געפיהלט, אַז איך בין פון אַנ׳אַנ־דער וועלט מען מוז קענען דאָס לעבען אַביסעל לייכטער נעהמען. וועה מיר, ער נעמט דעם גאַנצען טאַראַראַם צו ערנסט און בעשרענקט און נאַאיוו!

און דאַן האָב איך ערגעץ־וואו דערטאַפּט עטליכע יאָהרגענג פונ׳ם „המליץ” און איך האָב מיך מיט אַ ברען געוואָרפען אויף זיין „ארחות התלמוד” און אויף די אונצעהליגע אַנדערע מאמרים פון איהם. אוי, איז דאָס אַ קעמפער און אַ קאַמף־נאַטור! דורך און דורך איז ער רעוואָלוציאָנער. יעדעס וואָרט אַ באָמבע, יעדע שורה אַנ׳איבערקעהרעניש. און דאַן די דאָ־זיגע עהרליכקייט, די דאָזיגע מסירות־הנפש פון עהרליכקייט! רבונו של עולם, ווען דער וועט זיך אמאָל חלילה איבערצייגען, אַז ער האָט געקעמפט פאַר אַ ווינד־מיהל, וועט ער זיין אימשטאַנד אַ מעשה אָן זיך צו טהון. און ווידער איז מיר אויפגעפאַלען אין איהם דער מערקווידיגער שטריך: אייי־געגטליך איז ער אַ פאַנאַטיקער. אויב פאַנאַטיקער דענסמאָל, ווען ער איז געווען ראש־ישיבה אין ווילקאָמיר, אויב פאַנאַטיקער דענסמאָל, ווען ער איז דער קעמפער פאַר די יוגענד און פאַר די פרייהייט — דאָס אייגענט־ליך איז שוין קיין חילוק נישט. די הויפּטזאַך איז, אַז ער איז אין גרונד נישט קיין פרייער גייסט און איז עס קיינמאָל נישט געוואָרען; זיין גייסט איז אַלעמאָל געשטאַנען אונטער דעם דעספּאָטיזם פון אַ געוויסען געגענ־

שטאנד אָדער אַ געוויסע אידעע און זיי האָבען איים אַלעמאָל טיראַניזירט. איך האָב דענסמאָל נאַטירליך נישט געוואוסט, אַז אין דער צוקונפט וועל איך נאָך אָפט האָבען די געלעגענהייט איהם צו בעגעגענען אַלס פאַנאַטיקער, ווי ער שטעהט אינ׳ם דיענסט פון אַ געוויסער „זאַך״ אַזש ביז צו פאַנאַטיזם.

איך האָב געלייענט זיין „קהל רפאים״, דאָס דאָזיגע בוך, וועלכעס אַ סמאָלענסקין פערגלייכט מיט דאַנטע׳ס „געטליכע קאָמעדיע״. איך האָב געלייענט זיינע שירים און זיינע מאמרים אין די „השחרם״; אין האָב גע־לייענט אַלץ, וואָס ער האָט געשריבען — ניין, קיין שעפערישע פאַנטאַזיע איז דאָס נישט געווען, דאַגעגען אָבער איז דאָס געווען אַ קעמפער אויך אין די דאָזיגע זאַכען, אַ קעמפער און אויך — אַ פאַנאַטיקער.

און ווידער האָט עס מיך געצויגען צוריק צו יענעם „חטאת נעורים״, און איך האָב איהם געלייענט צום צווייטען, און איך האָב איהם געלייענט צום דריטען מאָל. אייגענטליך האָב איך אינערליך פּאָרטעסטירט געגען איהם, און דאָך האָב איך איהם געלייענט בלאַט פאַר בלאַט און איך האָב מיטגעליטען מיט דעם אָרימען פערפאַסער ווי נאָך מיט קיין פערפאַסער נישט. אַט געהט איהם איין וועלט אונטער און אַט שוין ווידער אַ וועלט. אַט שטאַרבט איהם אָב די אמונה, און אַט לעגט ער איהר שערבעלעך אויף די אויגען. אַט גוסס׳ט אַ אידעאַל און פערגעהט און ווערט איינגעזאַמעלט צו זיינע פאָטערס, און אַט לעגט ער איהם אין דעם קאַלטען קבר. אַט האָט ער אַ ליעבע, און אַט איז עס גאָר קיין ליעבע נישט, אַט האָט ער אַ פּאָעזיע און אַט איז עס גאָר קיין פּאָעזיע נישט. אַט האָט ער אַ יום־כפור און ער וויל גלויבען און וויל בעטען, און ער קען נישט. נאָר איין ר׳ נחמן קראָכמאַל איז איהם געבליבען מיט זיין מערקווירדיגען „מורה נבוכי הזמן״!, אין וועלכען ער קלאַמערט זיך אָן מיט אַלע כוחות, און אַט הויבט שוין אויך דער דאָזיגער בוים זיך אָבצובלעטערען און בויגט זיך און זינקט און פאַלט. עס ווערט שטיל אַרום און אַרום. מאַנכעס מאָל נאָר בלאָזט נאָך אַ טרויע־ריג ווינטעל און עפּעס אַ געל בלעטער פאַלט צו דער ערד. עס ווערט אַלץ אַזוי לעדיג, אַזוי לעער...

און דעם לעזער בעפאַלט אַ פּחד און ער האָט מורא פאַר׳ן סוף פון דעם דאָזיגען אומגליקליכען! —

און דערביי איז דאָס נישט קיין שלמה מיימון, וועלכען זיין ציניזם האָט אַריבערגעהאָלפען איבער אַלע צרות. ער איז גרונד־עהרליך און אַ גאַנצע נאַטור. ער קען אָבער נישט לעבען אָהן עפּעס פּאָזיטיוועס. וועט ער מאָרגען געהן צום ערשטען בעסטען וואַסער און אַ סוף מאַכען מיט זיך? וועט ער, ווי יענער, קומען ביז צו דער טהיר פון עפּעס אַ עוואַנגעלישען פּאַסטאָר?...

פלוצלינג אָבער, כמעט איבער נאַכט, געשעהט דאָס אונגלויבליכע. כמעט איבער נאַכט, זאָג איך — אַ טאָג דערויף הערט זיך שוין דאָס וואונדער, קיין צווייטער. נאָך מעהר: ער איז דער הויפּט־סטאָלב פון דער חברה. הונדערטער מענשען הערען און שאָקלען פערוואונדערט די קעפּ...

אין גרונד אָבער איז דאָס דאָזיגע אונגלויבליכע גאָרנישט אונגלויבליך. אייגענטליך איז עס דער נאַטירליכסטער המשך און דער איינציגער אויסוועג...

ער האָט פּאָזיטיווע געזוכט, דעם האַפט, אָן וועלכען ער זאָל זיך אָנכאַפּען ביים דערטרינקען, און די רעטונג פאַר'ן אונטערגאַנג — און דאָ האָט ער איז אַ שטילער נאַכט געלייענט די בעקאַנטע בראָשור פון'ם ד"ר פּינסקער. פון אַרום און אַרום קומען די שרעקליכע ידיעות וועגען די פּאָגראָמען, דאָס האַרץ קראַמפּט זיך צונויף הערענדיג, און ד"ר פּינסקער גיעט אויף דעם וואונדערליכען פּלאַן פון אַ „אויטאָ־עמאַנציפּאַציע". ליליענבלום כאַפּט זיך דערין אָן ווי איינער, וואָס טרינקט זיך. אָט איז דאָס פּאָזיטיווע. אָט איז ענדליך דאָ פאַר וואָס צו לעבען.

און דאָס דאָזיגע, וואָס איז פאַר איהם געוואָרען דאָס איינציגע פּאָזיטיווע, פערטיידיגט ער ביז צו זיין לעצטען אָטעם־צוג מיט דעם אייפער פון אַ פאַנאַטיקער. וועה דעם, וועלכער זאָל וואַגען אַ וואָרט אָדער אַ טויזענדסטעל פון אַ לייכטער בעמערקונג געגען ארץ־ישראל אָדער דעם ישוב. הונדערט מאמרים וועגען דעם זענען איהם וועניג. קוים עפּעס איז שוין ליליענבלום פאַרהאַן. זיין פערזענליכעס האָט אויפגעהערט צו זיין; ער עקזיסטירט נאָר נאָך אַלס פערטיידיגער און בעשיצער פון'ם איינציגען, וואָס איז איהם פּאָזיטיוו. ער איז אַ מין פערסישער דערוויש; זיין חבת־ציון האָט אין זיך עפּעס פון אַ רעליגיע.

אויב ראש־ישיבה אין ווילקאָמיר, אויב קעמפער פאַר די תקונים בדת,

אויב בעשיצער פונ׳ם ישוב־רעיון — דאָס איז נישט וויכטיג: דער צוג פונ׳ם פערטיידיגער פון זיין אידעע אַזש ביז צו פאַנאַטיזם איז אומעטום בולט.

איך האָב איהם אַמאָל בעקעמפט — איך נייג מיין קאָפּ אין עהרפורכט פאַר די גרויסע אונענדליכע עהרליכקייט פונ׳ם דאָזיגען קעמפער. אַזוי עהר־ליך, ווי ער, האָבען עם וועניגע געמיינט...

לאָמיך דאָס דאָזיגע גרעזעל וואַרפען אויף זיין פרישען קבר!

יהל״ל

נאַטירליך: ווען היינט זאָל קומען עמיצער און זאָל אונז רעדען וועגען די השכלה, „די הימלישע טאָכטער“, און וועגען דעם קאַמף פאַר די השכלה, וועלכער איז געווען „די מלחמה פאַר ליכט געגען פינסטערקייט“, און וועגען דעם העברעאיש־שרייבען לשמה, ביי וועלכען מען מוז זיך קענען מקריב זיין צוליעב אַ נקודה מעהר אָדער וועניגער — וועט מען ציהען מיט די פּלייצעס. עס איז „איין איבערוואונדענער שטאַנדפּונקט“; אויף יודיש הייסט עס: אַן׳אָבגעשלאָגענע הושענא. ווען היינט זאָל קומען עמיצער און זאָל אונז דרשנ׳ען וועגען אַרבייטער און אַרבייטסגעבער, און דערביי וועט ער מכוון זיין, אַז זיין שיר זאָל חלילה וחס נישט האָבען מעהר ווי גוט־געצעהלטע עלף תנועות און זאָל דוקא זיין „מלעיל“ און זאָל זיין אָבגעהיטען פון אַ שו״א צו אָנפאַנגס וואָרט — וועט דאָס זיין אין אונזערע אויגען זעהר נאַאיוו. מיר האַלטען שוין העט־העט ווייטער. ווען היינט זאָל קומען עמיצער און זאָל אונז רעדען אַפילו וועגען ישוב ארץ־ישראל און וועגען תחיה און וועגען לאומיות, און וועט דערביי נישט אַרויסקומען פון זיינע ביבעל־פסוקים און זיינע מליצות און פון זיינע אויסרופונגס־ציי׳כענס — וועט מען נישט־ווילענדיק אַ שמייכעל געבען. מיר לעבען היינט אין אַ גאַנץ אַנדערע בעגריפען־וועלט. אויפלעבונג הייסט שוין ביי אונז גאָר עפּעס אַנדערש און אויך נאַציאָנאַליטעט איז עפּעס אַנדערש געוואָרען. מיר זענען שוין לאַנג אַרויס פון יענע קינדער־שיכלעך. העכסטענס מאַכט זיך נאָך, אַז עפּעס איינער לויפט ביי אונז אַרום אין אַ קאַפּאָטקעלע, וואָס איז איבערגענעהט פאַר איהם פון זיין זיידענס הויזען, און אויך דער דאָזיגער ווערט אויסגעלאַכט. מיר זענען שוין אַזוי ווייט פון יענעם דור, אַז מיר זענען אַזש אומגערעכט אַקעגען איהם! מיר ווילען נישט וויסען, אַז יעדער קאַמף איז הייליג, און אַז אויך צום קאַמף וועגען השכלה און וועגען העברעאיש האָבען געמוזט זיין סאָלדאַטען, און ווער עס איז אַ סאָלדאַט געווען, דער האָט זיינע פערדיענסטען. מיר ווילען נישט וויסען, אַז אויך יענע שירים האָבען אונז אונענדליך פיעל געגעבען און אויך יענע מאמרים האָבען אויף אונז טיעף

געווירקט, זיי האָבען אונז פאַרבעריט, און ווען נישט יענע, וואָלטען מיר נישט זיין דאָס, וואָס מיר זענען, האָבען מיר דען די גאַראַנטיע, אַז מיר און אונזערע אידעאַלען זענען שוין דער סוף פון אַלע סוף'ן, און אַז אַ דור נאָך אונז וועט נישט פון אונז זאָגען דאָסזעלביגע, וואָס מיר זאָגען פון די, וואָס פאַר אונז?

אַ שאַרבען שווימט אַרום אויפ'ן וואַסער — און דער בעטראַכטער זאָגט שווערמוטיג: ווייל דו האָסט דערטרענקט, האָט מען אויך דיך דערטרענקט, און דער סוף פון דיינע דערטרענקער וועט זיין, אַז אויך זיי וועלען דערטרענקט ווערען... עס איז דאָס אייביגע ליעד!

און קומען וועט אַ צייט, אַז אויך אונזערע קאַמפען און אונזערע ליעדער און אונזערע אידעאַלען וועלען אין די אויגען פון אַנ'אייניקעל זיין אַלט און געשמאַקלאָז און ער וועט ציהען מיט די פּלייצעס. און ווען דאַן, אין עטליכע צעהנדליגער יאָהרען אַרום, וועט מען דעם גרעסטען פון אונז פייעַרען, וועט איינער פרעגען: פאַרוואָס? — עס וועלען דאַן זיין נאָר יחידים, וועלכע וועלען פערשטעהן, וואָס מיר האָבען געטהון פאַר די שפּעטערע און וועלכען ווערט מיר האָבען פאַר זיי.

אַזעלכע יחידים זענען עס, וועלכע האָבען יעצט פערשטאַנען, ווער יהל"ל איז, און פייערען איהם זיין 50־יאָהריגען שריפטשטעלער־יובילעאום.

יהל"ל — ווי אַ פרעמדער אַקאָרד קלינגט אַריין דער דאָזיגער נאָמען אין אונזער היינטיגע ליעדעל. ער קלינגט פרעמד און ווייט. שוין דער נאָמען אַליין, אַ שריפטשטעלער מיט אַ פּסעוודאָנים יהל'ל, איז פאַר אונזער אויער עפּעס ווילד־פרעמד: אַ היינטיגער וואָלט אודאי און אודאי וועהלען עפּעס אַ געשיקטערען שריפטשטעלער־נאָמען. און פאַרט איז עס אַ נאָמען פון איינעם פון די ערשטע. עפּעס אַ גאַנצע עפּאָכע שטעהט־אויף מיט איהם תחית־המתים: גאָרדאָן און סמאָלענסקין, אַ „השחר"־צייט, אַ ערשטע פאָר־גראָם־צייט מיט די ערשטע שיכטערנע אַרטיקלען, וועלכע האָבען גערופען צו אַ נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין... ער האָט זיין צייט געדיענט, און ווער עס האָט זיין צייט געדיענט, דער האָט געדיענט פאַר אַלע צייטען.

אין דער ערשטער רייה איז ער געשטאַנען, אויף דער מזרח־וואַנד פון דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור. נישט איין זיידע וועט נאָך זיין צווישען אונז, וועלכער וועט זיך דערמאָהנען אין זיין יוגענד און וועט זיך גלייכצייַ־

טיג דערמאָהנען אין די שירים פון אַ מינסקער יונגענמאַן מיט דעם נאָמען יהודה ליב לעווין. ער וועט זיך דערמאָהנען, וואָס פאַר אַ פערגעניגען האָט דענסמאָל געהאַט. דאָס העברעאישע, דאָס געמאָסטענע און געוואויגענע, איז געווען דענסמאָל זיין אידעאַל — און דער דאָזיגער לעווין איז געווען דער מייסטער פון דעם דאָזיגען העברעאיש. ער וועט נאָך יעצט געהן צו זיין ספרים־שאַפע און וועט זיך אויסזוכען אַנ'אַלט ביכעל מיט שירים. „שפתי רננות" האָט עס געהייסען, און אויפ'ן טיטעל־בלאַט איז געשטאַנען דער פסוק, „שפתי רננות יהל"ל פי". ער וועט דערין מישען. זאָגאַר ליעבעס־ליעדער האָט ער דאָרט. איינס האָט דעם נאַאיוועז נאָמען „פצעי אוהב". ער וועט זיך פערטראַכטען...

און צווישען אונזערע מאַטעס וועלען זיין אַזעלכע, וועלכע וועלען זיך מיט בענקעניש דערמאַהנען אין די „השחר"־צייט און אין דעם לייב־דיכטער פונ'ם דאָזיגען „השחר" מיט'ן נאָמען יהל'ל. זיי וועלען זיך דערמאָהנען, דאָזיגען יהל'ל, אונגעפעהר ווי מען פלעגט אין אונזערע צייטען ווי זיי פלעגען מיט אומגעדולד וואַרטען אויף נייעם שיר פונ'ם דאָזיגען יהל'ל אונגעפעהר, ווי מען פלעגט וואַרטען אויף אַ העפטעל „השלוה", אפשר וועט מען וועלען זיי דערמאָהנען דעם „כשרון המעשה": עס איז דאָך אַ דיכטער מיט גאָר עפּעס אַ נייעם טאָן, גאָרנישט דאָס, וואָס די אַנדערע. עפּעס די סאָציאַלע פראַגע אין העברעאישע חרוזים. און דעם „אלחנן" וועלען זיי דער־מאָהנען, און דאַן אויך דעם „דניאל בגוב האריות".

און צווישען אונז אליין וועט זיין נישט איינער אַזעלכער, וועלכער וועט מיט דאַנקבאַרקייט געדענקען, וואָס יהל'ל האָט געטהון פאַר די נייע בע־וועגונג: זיין „סופות בנגב" און זיינע אַנדערע אַרטיקלען באַלד נאָך די ערשטע פּאָגראָמען. ער וועט וויסען, אַז דאָס איז איינער געווען, וועלכער האָט מיטגעהאָלפען וועקען אַ פאָלק צום נאַציאָנאַלען געדאַנק.

דריי דורות — און יעדען פון זיי האָט ער עפּעס געגעבען.

און ווער עס האָט זיין צייט געגעבען, דער האָט געגעבען פאַר אַלע צייטען!

ד״ר י. ל. קאַנטאָר

(אונזער ערשטעס טאָגבלאַט)

אויף העברעאיש איז עס געווען און „היום״ האָט עס געהייסען. אין עטליכע טעג אַרום, אינ׳ם 31־טען יאַנואַר, ווערט 25 יאָהר, זיינט עס האָט אָנגעהויבען ביי יודען צו ערשיינען די ערשטע טעגליכע צייטונג — דער דאָזיגער „היום״ פון ד״ר י. ל. קאַנטאָר.

א יובילעאום אַלזאָ? אָה, ניין! דאָס וואָרט יובילעאום איז געוואָרען עפּעס וואָכעדיג. צו וואָלוועל איז די סחורה. ווען מאַכט מען נישט היינטיגע צייטען אַזאַ יום־טוב׳ל און וועלכען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג ווערט ער נישט געמאַכט? באַלד וועט קומען די צייט, אַז אַנ׳אָרענטליכער מענש וועט אַראָבהענגען די אויגען, ווען מען וועט איהם האָבען געכאַפּט ביי אַזאַ מעשה. עס איז קיין וואונדער נישט. אָפט דרעהט אַזאַ „געפייערטער״ דאָס מאַשינדעל אָן מיט די אייגענע הענד — און ווערט דאַן נאַאיוו און איז בלומרשט זעהר איבערראַשט. ס׳איז פּראָסט ווי ביי בדיקת־חמץ: אַליין לעגט מען אַוועק די ברעקעלעך, און דאַן איז מען זעהר „ערשטוינט״ ווען מען געפינט זיי. אָה ניין, די רעדע איז נישט פון קיין יובילעאום. דער צייטונגס־יום־טוב, אַ פינפאונצוואַנציג־יעהריגע יאָהרצייט פון דער יודישער טאָג־פּרעסע, פערדיענט ערנסטער בעהאַנדעלט צו ווערען, איך רעד דאָ נישט פון אַ מענטש, נאָר פון אַ זאַך —

און וואָס פאַר אַ זאַך! אפשר איז דאָס איינס פון די גרעסטע טהאַטען, וועלכע זענען ביי אונז אין די לעצטע יאָהר־צעהנטען געטהון געוואָרען; אפשר גאָר די וויכטיגסטע. זי האָט דאָך אַ גאַנצע איבערקעהרעניש אַרויסגערופען אין אַלע אונזערע פערהעלטנישען.

נאַטירליך: דער היינטיגער לעזער, וועלכער האָט יענעם איבערגאַנג נישט מיטגעמאַכט, וועט זיך קוים אַ בעגריף מאַכען פון דעם אַלעמען. אויף דאָס וואָרט צייטונג איז דאָך היינט געוואָרען שוין וואָכעדיג. מען געהט אַרויס אין גאַס, און צוואַנציג יונגלעך יאָגען איינעם נאָך: אַ צייטונג! אַ צייטונג! — און דו קריגסט צעהן פאַר איינע — און פאַר אַ פיערער

קויפסט דו דיר יעדען טאג א בלאט. אין א שעה ארום איז אזא בלאט צער־ריסען, און דער קרעמער וויקעלט אין איהם איין פוטער אדער הערינג. דער־מאלט אבער איז געווען אנדערש. א צייטונג איז נאך געווען א שטיקעל דבר שבקדושה. ביי די טאטעס און די זיידעס איז אויף דער צונג נאך געלעגען דער טעם פונ׳ם „המגיד״, דענסמאל, ווען מען האט געווארט מיט אונגע־דולד אויף דעם „המדינות בו יאמר״, איינמאל אין דער וואך אדער איינ־מאל אין צוויי וואכען איז אזא בלעטעל געקומען. אך, דאס בלעטעל איז גע־ווען אזוי קליין און דער אפעטיט אזוי גרויס! דער זיידע האט זיך אנגע־טהון די ברילען, דער טאטע האט זיך מכין געווען, די מאמע האט מען געדופען — א קליינינגקייט, מען וועט דאך דא לייענען וועגען גאריבאלדי׳ן און וועגען נאפאלעאנ׳ען און גלאט אזוי נייעס. און איז גראד געווען אלול־צייט, האט מען דאס בלעטעל פערשלאסען אין א שאנק און געווארט דער־מיט ביז יום־טוב, ווען דער קאפ וועט זיין אביסעל פרייער. וואס מאכט דאס אויס א צוויי־דריי וואכען! נישקשה, מען האט צייט צו ווארטען...

אזוי זענען אוועק גאנצע צעהנדליגער יאהרען. פלוצלינג, אין א שעה־נעם פריהמארגען, ארום סוף פונ׳ם יאהר 1885, האט זיך געהערט די וואונ־דערליכע נאכריכט, אז ד״ר י. ל. קאנטאר אין פעטערבורג הויבט אן ארויס־צוגעבען פונ׳ם ערשטען פעברואר 1886 א טאגבלאט אויף העברעאיש.

א טאגבלאט? — קיינער כמעט האט נישט געוואלט גלויבען. מען האט נישט געוואלט גלויבען, אז דאס איז גאר מעגליך. פון וואנען וועט מען נעהמען אזוי פיעל שטאף? פון וואנען אזוי פיעל מיטארבייטער? ווער וועט דאס יעדען טאג לייענען? צו וואס גאר בעדארף מען דאס איינגאנצען? און וועט נישט, חלילה, דער גאנצער לשון־קודש דאדורך ליידען? — דעם גרעסטען ליצנות פון דער דאזיגער „ערפינדונג״ האט געמאכט יהודה־ליב גארדאן. עס איז ווונדערליך, ווי קיין איינציגער פון די אבלאכערס האט דענסמאל נישט איינגעזעהן, וואס פאר א ערציהערישע קראפט, וואס פאר א קולטורעל ווערט עס ליעגט אין אזא טהאט. עס האט קיינער נישט בעגריפען, אז די גאנצע ליטעראטור וועט דאדורך מיטאמאל בעקומען אנ׳אנדער פנים — און מיט איהר דער יודישער לעזער. ווען איך וואלט נישט מורא האבען, מען זאל אביסעל לאכען פון מיר, וואלט איך זאגען, אז דער דאזי־גער אויפטהו האט געהאט אין זיך עפעס עהנליכעס פון דער ערפינדונג פון

אנ׳אייזענבאהן. די אייזענבאהן האט ענדליך אנגעהויבען צו געהן אויך דורך אונזער זייטיג ליטעראטורעל, וואס איז געלעגען אזוי וויט פון דעם וועלט־טראקט. נישט די דאמף־קראפט איז די הויפט־זאך פון אזא ערפינדונג, נישט דאס, וואס דער מענש קאן דאדורך גיכער און פינקטליכער פאהרען פון ארט צו ארט, נאר דאס, וואס דאדורך ווערט דער גאנצער מענשליכער גייסט אנ׳אנדערער. די וועלט קריגט א נייעם רימימוס, דאס גאנצע לעבען — אנ׳אנדער טעמפא...

דאס איינע איז קלאר אין מיינע אויגען: — דער דאזיגער אויפטהו, יודען צו געבען א טעגליכע צייטונג, איז סוף־כל־סוף; דאס איינציגע וועלכען מיר האבען צו פערדאנקען אלץ, וואס מיר האבען יעצט אין אונזער ליטעראטור. ווען מיר האבען יעצט א „עפעס", וואס איז פיעל אדער ווייניג עהנליך צו דעם, וואס מען רופט ליטעראטור, דאן הויבט זיך זיין דאטע אן פון דעם ערשטען נומער פונ׳ם טעגליכען „היום". דורך דאס טאגבלאט איז מיט אמאל א סוף געמאכט געווארען מיט דעם גאנצען בטלנות און מיט דעם שפיעלען זיך אין פסוקים און מיט דעם געפלאפעל נאר צוליעב דעם ווארט אליין, וואס איז אזוי היימיש געווען פריהער אין אונזער ליטעראטור. שרייבט א מענש פאר א טעגליך בלאט און האט ער צו טהון מיט די ערשיינונגען פון דער שעה און פון דער מינוט און פונ׳ם לעבען בכלל, קאן שוין נישט אזא איינער מעהר שרייבען מליצות און שוועבען אין דער לופטען און חלומ׳ען פסוקים; ער מוז שוין האבען א פעסטען באדען אונטער די פיס און ממש־דיג לעבען און ממש דיג שרייבען. אונזערע היינטיגע לעזער וועלען דאס אפשר קוים מעהר בעגרייפען; זיי איז דאס אלץ שוין אזוי נאטירליך געווארען. אבער פערגעסען טארען זיי נישט, אז זיי זענען געקומען שוין צום גרייטען און אז עס האט געמוזט אמאל זיין איינער, וועלכער זאל דאס אלעס האבען צוגעגרייט — און דער דאזיגער איינער איז געווען דער ד״ר י. ל. קאנטאר. די נייע עפאכע הויבט זיך אן מיט דער צייטונג „היום".

און ווי דער גורל איז שוין פון יעדען וועג־אויסטרעטער: דער ד״ר י. ל. קאנטאר איז אראב פון דער סצענע, און קיינער פון דער יונגער גענעראציע ווייס איהם נישט מעהר. אנדערע שטעהען אין דער שפיץ און געניסען די פרוכטען, וועלכע ער האט געפלאנצט. דער „היום" אליין — איינע

פון די בעסטע צייטונגען ביי יודען, וועלכע קאָן נאָך היינט גילטען פאַר אַ מוסטער — האָט געמוזט, נאָך צוויי און אַ פיערטעל יאָהר פון זיין ערשיינען, אויפהערען צו עקזיסטירען. ער האָט דענסמאָל קיין פּובליקום נישט געהאַט. דער פעליעטאָן אין דעם ליצטען נומער האָט זיך געענדיגט מיט אַ „פאָרט־זעצונג פאָלגט" — און דער נעכסטער נומער איז מעהר נישט ארויסגע־גאַנגען. אָבער נישט דאָס איז דאָ דער עיקר. נישט דער „היום" אַלס צייטונג — וועגען דעם „היום" אַלס צייטונג האָב איך נישט דאָס רעכט צו רעדען, דען איך בין איהם צו נאָהנט געשטאַנען. די הויפּט־זאַך איז דאָ נאָר דאָס בלאַט אַלס ערשטעס טאָגבלאַט אין אַלגעמיין און אַז מיר האָבען איהם צו פערדאַנקען אַלעס, וואָס מיר בעזיצען איצטער אין אונזער ליטעראַטור.

ווען יעצט די יודישע ליטעראַטור פייערען דאָס 25־טען יאָהר זינט דעם בעשטעהן פון אַ יודישע פּרעסע, מוז זי פייערען דעם נאָמען פון ד"ר י. ל. קאַנטאָר, וועלכער האָט איהר דאָס אַלעס געגעבען.

בן-יהודה

מיט איין און דרייסיג יאָהר צוריק, אינ'ם ווינטער 1879, האָט זיך אין אַ העפטעל פון סמאָלענסקינ'ס „השחר" אָבגעדרוקט אַנ'אַרטיקעל פון אַ אובעקאַנטען שרייבער מיט דער אויפשריפט „שאלה נכבדה". געווען איז עס, ווי איהר זעהט, העט־העט איידער עס האָבען זיך אָנגעהויבען די פּאָגראָמען אין זייער ערשטער סדרה און העט־העט איידער עס האָט זיך בעוויזען אַ שטיקעל ציוניסטישע בעוועגונג אין איהר ערשטען גלגול. אינ'ם אַרטיקעל האָט דער שרייבער ארויסגעזאָגט אַ געדאַנק, עפּעס אַ שטיקעל קוריאָז: וואוינען זאָל אַ יוד וואוינען אין ארץ־ישראל און רעדען זאָל אַ יוד רעדען העברעאיש. מען האָט געלייענט און מען האָט געשמייכעלט. וואָס אַ יוד פערווילט זיך אַלץ! באַלד דערויף האָט זיך אינ'ם „השחר" געדרוקט דער צווייטער אַרטיקעל פונ'ם זעלביגען פערפאַסער מיט'ן נאָמען „ועוד מוסר לא לקחנו". אַלץ דאָסזעלביגע, נאָר מיט מעהר שאַרפקייט. מען האָט געלייענט און מען האָט געצויגען מיט די פּלייצעס. און דאַן איז געקומען דער דריטער אַרטיקעל, און דער האָט געהייסען „מכתב גלוי". מען האָט אויך דעם געלייענט, און מען האָט זיך געוואונדערט. די אַרטיקלען, אַלע דריי צוזאַמען, האָבען אָבער געמאַכט אַנ'איינדרוק. זיי זענען געווען געשריבען מיט'ן ברען און האָבען געהאַט אין זיך עפּעס אונבעשטימטעס; אפשר איז דאָס דאָזיגע געווען די איבערצייגונג פונ'ם פאַנאַטיקער. מען האָט דערקענט, אַז דער, וועלכער רעדט דאָ, רעדט גאַרנישט אויף קאַטאָוועסען. אַ געוויסע צייט האָט מען נאָך גערעדט וועגען די אַרטיקלען, און דאַן — דאַן, נאַטירליך, האָט מען זיי פערגעסען. אונטערגעשריבען איז געווען „בן־יהודה".

איז דאָס אַ פאַמיליען־נאָמען! איז עס אַ פסעוודאָנים? מען האָט עס נישט געוואוסט. ערשט שפּעטער, ביי עפּעס אַ געלעגענהייט, האָט זיך געלאָזט הערען, אַז דער דאָזיגער איוב איז קיין משל נישט. עס איז בנמצא אזא מענש, וועלכער רופט זיך בן־יהודה. געהייסען אייגענטליך האָט ער אַמאָל גאָר פּערעלמאַן, אליעזר יעהודאָוויטש פּערעלמאַן, נאָר דער דאָזיגער

יוד האָט זיך אָנגעטהון דעם כוח און האָט זיך משנה־השם געווען; ער האָט זיך געזאָלען רופען אויך אינ'ם בירגערליכען לעבען מיט'ן העברעאי־שען נאָמען. דאָס איז דענסמאָל געווען אַ נייעס, אַ שטיקעל קידוש־השם. מען האָט געצויגען מיט די פּלייצעס. אָט וואָס עס הייסט אַ פאַנאַטיקער פון זיין אידעע! — מען האָט אָבער באַלד דערצעהלט וועגען איהם נאָך אַ סך וואונדערליכע זאַכען: ווי ער רעדט אויף העברעאיש אויך אין גאַס, ווי ער געהט אַריין אין טראַמוויי און וויל בשום אופן נישט וויסען דערפון, אַז דער גוי איז נישט מחויב איהם צו פערשטעהן, און ער הייסט זיך געבען אַ בילעט אויף העברעאיש. דאַן, ווען ער האָט זיך געהאַט איבערגעפּעקעלט קיין ירושלים, האָט מען פון איהם דערצעהלט, ווי ער און זיין ווייב רעדען מיט דעם קינד ביי דער ברוסט אויף העברעאיש און ווי דאָס קינד האָט נישט קיין אַנדערע מוטער־שפּראַך ווי העברעאיש און ווי אַלץ אינ'ם הויז איז העברעאיש. דאַן האָט מען דערצעהלט, ווי ער זיצט און פאַבריצירט די ווערטער, וועלכע פעהלען אין דער העברעאישער שפּראַך, כדי עס זאָל איהם נישט אויספעהלען קיין וואָרט אינ'ם טעגליכען געברויך. און דאַן — ווי ער געהט אין קראָם אַריין עפּעס קויפען, און רעדט העברעאיש. און דאַן — ווי ער געהט אין גאַס מיט'ן טלית אַרומגעוויקעלט אַרום האַלז, ווייל דאָס איז די יודישע נאַציאָנאַל־טראַכט...

איז דאָס אַ פאַנאַטיקער? איז דאָס אַנ'אייניקעל פון זיינע גרויסע, גרוי־סע זיידעס, וועלכע האָבען געהאַט נאָך דעם כוח פון עקשנות און האָבען נאָך געקאָנט זיך מוסר־נפש זיין פאַר אַ אידעע און האָבען נאָך געקאָנט לאָזען פון זיך שפּאָטען און לאַכען און טראָץ דעם טהון אַלע מאָל מיט אַ פערביסענקייט דאָס זייעריגע? — ווי קענען מיר זיך גליקליך שעצען, אַז מיר האָבען נאָך אין אונזערע צייטען, צווישען אונזערע שוואַכע, שוואַכע מענשעלעך, איינצעלנע אַזעלכע עקזעמפּליאַרען! אין אַ מוזעאום האָט מען בעדאַרפט דעם לעצטען אַריינזעצען, איידער דער דאָזיגער טיפּ שטאַרבט אויס. פאַר מיר איז אזא בן־יהודה אפשר וויכטיגער נאָך אין זיין פּסיכאָלאָ־גישער און היסטאָרישער טעטיגקייט. ער איז פאַר מיר, מעהר, ווי אַלעס אַנ־דערע, אַ שטיקעל העלד פון אַ ראָמאַן. און ווייל איך איהם מיר ערקלערען, מוז איך שוין אַרומגראַבלען אביסעל אין זיין ביאָגראַפיע. דאָס ערשטע, וואָס פאַלט־אויף אין איהם, איז דער ריין־יודישע צוג: דער כוח פון עקש־

נות. אינ׳ם בית־המדרש און אין דער ישיבה איז ער אנ׳עקשן, א פאנאטי־קער אין דער אלטער ריכטונג. שפעטער אלס שילער פון רעאל־שולע אין דווינסק איבערחזר׳ט זיך ביי איהם דערזעלביגער שטריך, נאטירליך, אין אנ׳אנדער פארם: דער געדאנק פונ׳ם אינטערנאציאנאלען סאציאליזם פאקט איהם מיט א פינסטערער מאכט. עס איז עפעס ניהיליסטישעס אין זיין וועזען, עפעס פינסטערעס און שטארעס. ער איז גרייט יעדע מינוט צו געהן אויף קידוש־השם. און דאן ווידער, ווען ער לייענט גראד דאס בוך „דניאל דעראנדא", יענץ וואונדערליכע בוך, וואס איז דעמאלס ערשיענען, און דער העלד פונ׳ם בוך, מרדכי, מאכט אויף איהם א טיפען מעכטיגען איינדרוק, כאפט ער זיך באלד אן אין דער נייער אידעע פון דער אלטער אויפלעבונג פון ציון און פון דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפראך; ער נעמט דאס דאזיגע ווערטליך, און באלד ווארפט ער זיך אויף דער ארבייט, די דאזיגע אידעע צו רעאליזירען. ער וויים פון קיין חכמות נישט. געדאנקען און טהאט איז ביי איהם איינס. אויף האלבען וועג וועט ער נישט שטעהן בלייבען. אין הימעל ארייז ווי חנוך, אין דער ערד אריין ווי קרח, נאר נישט בלייבען צווישען הימעל און ערד ווי אבשלום. ער האט די נאאיוויטעט, וועלכע עס דארף האבען יעדער באהנברעכער. דאס לעבערליכע זעהט ער נישט. ער האט די קראפט איבער זיך; ער אבער געהט זיך זיין וועג.

און ער איז געגאנגען זיין וועג — און יעצט, אין דער היינטיגער וואך, פייערט בן־יהודה אין ירושלים דעם יובילעאום פון זיין שריפטשטעלערישער און געזעלשאפטליכער טעטיגקייט. דריי יאהרצעהנטען האט דער מענש געארבייט. ער האט זיך ערווארבען פיעל פריינד און נאך מעהר געגנער — געווענטליך איז צווישען ביידע קיין אונטערשיעד נישט — עס קומט אויף דאזעלביגע ארויס. עס ווייזט, אז דער מענש איז א קראפט.

און אלס קראפט ברענג איך איהם היינט מיין גליקוואונטש. מיר איז אלץ איינס, וואס פאר א בעדייטונג ער האט פאר דעם ישוב פון ארץ־ישראל; ער אליין איז פונ׳ם געדאנק צוריקגעקומען, און צו דער צייט פונ׳ם אוגאנדא־פראיעקט, האט ער פאר אים פראפאגאנדע געמאכט. מיר איז אלץ איינס וואס ער האט געטהון פאר דער אויפלעבונג פון העברעאיש אלס שפראך צום רעדען. ער אליין וועט אין שטילע איינזאמע שטונדען,

ווען די לײַדענשאַפטען װעלען זיך לעגען, אפשר טונקעל עמפינדען, וואָס דאָס הייסט, האָבען ארויסגענומען א היילינגע רעליקוויע פונ׳ם מקדש און ארויסגעפיהרט אין מארק אריין. די דאָזיגע רעליקוויע איז אפשר, אזוי לאַנג ווי זי איז עס געווען אין איהר קדשי־קדשים, די איינציגע זאַך געווען, וועל־כע האָט די נשמה פון א פאָלק דערהאַלטען, און קוים איז זי וואַכעדיג גע־וואָרען, ווער ווייס, אויב זי וועט נישט מעהר שאָדען ווי נוצען. מיר איז גאַנץ גלייכגילטיג, וואָס פאַר א בעדייטונג ער האָט פאַר די שאַפונג פון נייע ווערטער אינ׳ם העברעאישען און וואָס פאַר א בעדייטונג זיין ווערטער־בוך האָט: ער אליין וועט, ווי קיין צווייטער, וויסען און פערשטעהן, וואָס עס הייסט, ווערטער „מאַכען" און א שפּראַך „מאַכען", דאָס אַלעס לאָזט זיך נישט מאַכען, און ווען עס איז נאָר „געמאַכט", מוז עס ווידער, פריהער אָדער שפּעטער, צעפאַלען און אונטערגעהן. ער אליין וועט דאָס אויסגע־צייכענט וויסען. ער וועט וויסען, ווי נאַריש דאָס איז, ווען א שפּראַך פון דער גאַס ווערט ליטעראַטור, און ווי שרעקליך דאָס איז, ווען אַנ׳ארבייט, צו וועלכער עס איז נויטיג א גאַנצע אקאַדעמיע און א צייט פון גאַנצען יאָהרהונדערט, ווערט געמאַכט פון אַנ׳איין איינציגען מענשען.

ניין, דאָס אַלעס איז מיר גלייכגילטיג. און ווען איך פייער היינט בן־יהודה׳ן צוזאַמען מיט אַלע, וועלכע פייערען איהם, פייער איך נאָר די קראַפט. ער האָט געשאַפען א עפּעס, וואָס איז פריהער נישט געווען.

עס איז פאַרהאַן יעצט מיט א „עפּעס" מעהר אין דער וועלט. עטליכע טויזענד מענשען רעדען יעצט העברעאיש. ווי דאָס העברעאיש איז, וועל־כען ווערט עס האָט און וואָס פאַר א צוועקמעסיגקייט, דאָס איז אַלץ איינס. ער האָט געשאַפען — און פאַר יעדען שעפער מוז מען נייגען דעם קאָפּ. נאָך א „ענערגיע" איז צוגעקומען צו דער „ענערגיע" פון דער וועלט.

איך האַלט נישט פיעל פונ׳ם יודישען טעאַטער — אָבער גאָלדפאַדען, ווי גרויס אָדער ווי קליין ער איז געווען, האָט געשאַפען א זאַך, וועלכע איז פריהער נישט געווען און יעצט איז זי דאָ, און שוין זענען פאַרהאַן אפשר טויזענד מאַן, וועלכע לעבען דערפון און צעהנטויזענדער מענשען, וועלכע אַמוזירען זיך דערביי. ער איז א שעפער און איך מוז איהם עהרען! איך האַלט נישט פיעל פון עספּעראַנטאָ — אָבער זאַמענהאָף האָט דער וועלט געגעבען א גאָב, אַן עפּעס! וואָס זי האָט פריהער נישט געהאַט און יעצט

האָט זי עס, און שוין האָט ער אין בעוועגונג געבראַכט הונדערט־טויזענ־דער מענשען, און ווער קען וויסען, וועלכע איינווירקונג דאָס קאָן האָבען אויף אַ קולטור. ער איז אַ שעפער און איך מוז מיך פאַר איהם בויגען! איך האַלט נישט פיעל פונ׳ם יעצטיגען העברעאיש־רעדען — אָבער בן־יהודה האָט איינגעווירקט אויף אַ סך טויזענדער. ער איז אַ שעפער און איך מוז איהם אָבגעבען מיין כבוד.

ווי ווייניג האָבען מיר איצט מענשען, וועלכע האָבען אַזאַ קראַפט ווי בן־יהודה און אַזוי פיעל ענערגיע און אַזוי פיעל נאַאיוויטעט און אַזוי פיעל כוח אויסצוהאַלטען שפּאָט און געלעכטער און אַזוי פיעל גלויבען, זיך צו אָפּפערן אויפ׳ן קידוש־השם פון זיין אידעע! — פונ׳ם גאַנצען הארצען ברענג איך היינט בן־יהודה׳ן גליקוואונש.

„רבי קרוב"

(אלחנן ליב לעווינסקי)

האָלב אין אַ געלעכטערעל און האַלב אין ערנסט האָט מיר אַמאָל לעווינסקי געזאָגט: „אייגענטליך קען איך קיין איינציגען יודען נישט און פּאָרט קען איך אַלעמען; אייגענטליך קען קיין איינציגער יוד מיך נישט און פּאָרט קענען מיך אַלע. דאָס איז די אייביגע קורבות, די נישט־געזעהענע, וועלכע בינדעט אונז אַלעמען. אָט דאָס אייגענטליך איז עס, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגען מיט מיין פּסעוודאָנים ר' קרוב. אין אונזער געגענד איז דאָס דאָזיגע וואָרט די פאָרם פון דער אָנשפּראַך צווישען בעקאַנטע און אונבעקאַנטע; מען טרעפט אַ ווילד־פרעמדען יודען און מען זאָגט איהם: „שלום עליכם ר' קרוב!"

ר' קרוב — דאָס איז דאָסזעלביגע, וואָס ביי אונז „פעטער" דוקא דעם נישט־בעקאַנטען זאָגט מען פעטער. אַמבעסטען האָט לעווינסקי אַליין דורכ'ן דאָזיגען פּסעוודאָנים זיך כאַראַקטעריזירט...

און יעצט איז אויך ער, אונזער אייביגער קרוב, נישט מעהר דאָ. אָהן אַזוי־געזונד, פּלוצלינג, איז ער געשטאָרבען.

עפּעס דערלאַנגט מען אַ ציה מיט דער פּלייצע און עס ווילט זיך טרויעריג לאַכען. לעווינסקי און שטאַרבען — קיין גרעסערע צוויי געגענזאַצען זענען גאָרנישט דענקבאַר. דער לעבעדיגסטער צווישען אַלע לעבעדיגע, און דאָס אייביגע אַבסאָלוטע שווייגען. דער אָפענהערציגסטער פון אַלע אָפענהערציגע מענשען, און דער פינסטערער גרויסער לעצטער סוד. דער לייכסטער, פלייצעדיגער, אייביג־פלוישענדער פעליעטאָן, לייכט און העל און קלינגענדיק, ווי אַ זילבערען גלעקעל, און יענער שווערפעליגער, פינסטערער, גרימיגער סוף. ניין, נישט איין טאָג און נישט איין וואָך וועלען נאָך פאָראיבער, ביז איך וועל מיך צום שרעקליכען געדאַנק צוגעוועהנען.

דער לייכטער, פלייצעדיגער פעליעטאָן — און שוין זענען פאַרהאַן אַזעלכע, וועלכע מאַכן עס בקצור און נעהמען לעווינסקין און קלעבען איהם צו דעם עטיקעט מיט דער מאַרקע „דער בעסטער פעליעטאָניסט", און זיי גלויב־

בען, ווייס גאָט, וואָס פאַר אַ געוואַלדיגען קאָמפּלימענט זיי האָבען איהם געזאָגט דורכ'ן דאָזיגען טיטעל. אַך, ווי ווייניג ווייס מען ביי אונז, אַ מענשען ריכטיג צו שאַצען! ניין, מיינע הערען, ער איז אַביסעל מעהר געווען ווי דער בעסטער פעליעטאָניסט: ער איז געווען דער בעסטער לעבענס־מענש צווישען אונז וואָס מאַכט אוים אַ ביסעל בעסער אָדער אַביסעל ערגער קענען שרייבען אַ פעליעטאָן? ער האָט אַנ'אַנדערע, אַ פיעל וויכטיגערע „ווי־סענשאַפט" בעזעסען, אַזעלכע, פאַר וועלכע מיר האָבען נישט קיין שום פראָפעסאָר און קיין שום קאַטעדרע. ער איז איינציג געווען צווישען אונזערע שרייבער, וועלכער האָט פערשטאַנען דעם סוד פון לעבען און אַז לעבען איז אַ שאַץ פון פריידיגקייט און לוסטיגקייט און אַ זיסער אויסגעלאַסענקייט. די צרה מעג זיך זיין צרה — אָבער לעבען איז לעבען. ער האָט אין זיך געהאַט עפּעס פון אַנ'אמת'ן חסיד: ער איז געווען אַ עובד מתוך שמחה — ער האָט געדיענט גאָט און וועלט און מענשען מיט זיין געלעכטערעל. בשעת אַלע אונזערע שרייבער קענען נישט קיין שום אַנדערע זאַך ווי נאָר וויינען, האָט ער געקאָנט לאַכען; און געלאַכט האָט ער מיט'ן פולען מויל. בשעת אַלע אונזערע שרייבער ווייסען נישט קיין שום אַנדערע זאַך ווי נאָר קרעכצען און אויקען און זיין אַנגעצונדען טאָג און נאַכט און גערייצט און זויער ווי אַ זויערטאָפּ און האַלטען דעם קאָפּ אַראָב, האָט ער געוואוסט דאָס פּעקעל פונ'ם לעבען אָנצוכאַפּען מיט דער לייכטער האַנד און עס אַרויפצולעגען אויף דער פּלייצע און צו לאַכען; נישט דעם וויץ האָט ער ליעב געהאַט, נאָר דאָס לאַכען, יענץ ברייטע און פולע לאַכען, פון וועלכען עס זעהען זיך אַרוים די ווייסע צייהן. דער דאָזיגער פעליעטאָניסט איז עפּעס אַליין געווען אַ שטיק פעליעטאָן. אין יענער גרויסער געוואַלדיגער צייטונג, וועלכע מען רופט'אָן אויף מענשען־לשון „וועלט" האָט ער זיין פּלעצעל געהאַט אונטען, „אונטער'ן שטריך", און נאָכדעם, ווען דער מענש איז מיעד געוואָרען פון דעם גאַנצען שווערען און שווערפעליגען מאַטעריאַל אַרום און אַרום, פונ'ם לייט־אַרטיקעל און פון דער פּאָליטיק און פון דער כראָניק און פונ'ם נייעס, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אונטען צום דאָזיגען ליכטיגען און העלען פעליעטאָן, צו לעווינסקי'ן, און האָט ער זיך צוגעהערט צו זיין לאַכען, איז ער געוואָרען אַ נייער מענש. דען לעווינסקי האָט פערשטאַנען צו לאַכען, ווי קיין צווייטער נישט. פון אַלע ווינקעלעך פון זיין נשמה האָט

ארויסגעשאָסען די לוסטיגע געזונדע לעבענס־פריידיגקייט, פאַר וועלכער ער האָט זיך געפונען דעם נאָמען „אַביסעל פילאָזאָפיע".

אַנ'אָפּטימיסט — אַ מענש, וועלכער קוקט אויף די וועלט דורך אַ ראָזעווע רעהרעל. נאַטירליך, אַנ'אָפּטימיסט איז ער געווען, מ'קען נישט אַנדערש זאָגען. אָבער פּאָרט איז ער געווען אַזוי אַנדערש און אַזוי פערשיעדען פון אַנדערע אָפּטימיסטען! יענע, ווען זיי לאַכען, לאַכען זיי ציניש אָדער זיי לאַכען ווי אַ קליין אונשולדיג קינד, ביי לעווינסקי'ן איז עס עפּעס אַנדערש. די וועלט־צרה האָט ער פערשטאַנען און מיטגעפיהלט און מיטגעליטען מיט איהר, ווי זעלטען איינער; די מענשען האָט ער געקענט מיט אַלע זייערע שוועכען און פעהלערען און נאַרישקייטען, און גאַנץ בעזונדערס מיט זייער „גוטסקייט" און זייער „צדקות"; דאָס גרויסע לײדען פון זיין פאָלק האָט ער טיעף עמפּפונדען און זיין האַרץ האָט זיך אין איהם צונויפגעשרומפּען פאַר גרוים מיטלייד; אונזער קליין וועלטעל האָט ער געקענט און פערשטאַנען, און די, וואָס שטעהען ביי אונז אָן דער שפּיץ, און אונזערע בעלי־בתים און אונזערע טובה־טהוערס און אונזערע געלד־געבערס, און אויך דאָס שרייבער־פאָלק אונזערס האָט ער געקענט און פערשטאַנען צוזאַמען מיט אונזערע מחלוקת'לעך און אַרומרייסענישען — און ער איז אַלץ געזעסען און האָט געלאַכט. נישט ציניש און נישט קינדיש־נאַאיוו, נאָר געלאַכט האָט ער. אָט דאָס איז לעווינסקי! עפּעס אַ וואונדערבאַר צוזאַמענמישעניש אין זיין נאַטורעל: אַ געמיש פון ווייכקייט און איידעלזין און מיטלייד צוזאַמען מיט וועלט. און מענשען־קענטניש, און געווען איז ער נאָר אַ לייכטער פילאָזאָף, נישט פונ'ם בוך, נאָר אַ לעבענס־פילאָזאָף.

אייגענטליך איז ער גאָר קיין שרייבער נישט געווען. אַ מענש מיט אַזוי פיעל לעבענס־קראַפט, ווי ער. האָט גאָרנישט געקענט זיך אַריינקוועטשען אינ'ם ענגען פאָטעל פאַר'ן שרייב־טיש. די דאָזיגע לייכטע ארבייט פון אַביסעל שרייבען כּהוט אַזאַ מענש אַב כלאחר־יד; די דאָזיגע מלאכה איז נאָר עפּעס צופעליגעס, דער עיקר איז דאָס לעבען. ער זיצט אינ'ם וואַגאָן פון דער אייזענבאַהן און אויף אַ שטיק אָבגעריסען פּאַפּיר צייכענט ער אויף מיט אַ בליישטיפטעל אין איילעניש און אין איין אָטעם אַ דריי־פיערהונדערט שורות, אַזוי ווי זיי גיסען זיך איהם פונ'ם האַרצען אַרוים — און אָט האָסטו ליטעראַטור; ער זיצט זיך אין זיין קאַנטאָר פאַר די רעכען־

ביכער, און צווישען רעכנונג און רעכנונג שיט ער אוים אויף א בויגעל פאַ־פיר אַ באַרג פון גלייכע און קרומע שורות, כמעט אָהן אָנהויב און אָהן סוף — און אַט איז דיר אַ פעליעטאָן פאַר עפּעס אַ ציימונג; ער זיצט ביי אַ ברעג פון אַ טישעל אין אַ האָטעל אונטערוועגס, און מיט אַנ'איילינגער פע־דער און פערטרוקענטען טינטערעל שרייבט ער אַ בלעטעל נאָך אַ בלעטעל — אַט האָסטו „אַביסעל פילאָזאָפיע". על־פי־רוב וויים ער נישט, שרייבענ־דיג די ערשטע שורה, וואָס די צווייטע וועט זיין, ומכל־שכן אַז ער וויים נישט, וואָס ער וועט אונז זאָגען אינ'ם גאַנצען אַרטיקעל. ס'איז מעגליך, אַז לעווינסקי איז נישט געוועזן דער גרעסטער מייסטער פונ'ם וואָרט, עס איז מעגליך, אַז זיינע פעריאָדען זענען נישט געווען געטאָקט און געפיילט, אַזוי אַז זיי לאָזען האָבען אין זיך דאָס גאַנצע פון אַ קונסטווערק, אָבער ביי לעווינסקי'ן געפינט מען עפּעס וויכטיגערס און גרעסערס פאַר דעם: מ'גע־פינט ביי איהם דעם לעבעדיגען ריטמוס פונ'ם שוימעדיגען לעבען און מיר געפינען ביי איהם די איינע און איינציגע טרייסט, וועלכע דאָס לעבען גיעט אונז אין אַלע אונזערע ליידען — דאָס לאַכען.

און נאָך עפּעס געפינען מיר ביי איהם: דעם גרויסען גלויבען אין דער קראַפט פונ'ם מענשען. וואָס? מיר ליידען? נאַרישקייטען! מיר האָבען שוין ביז איצט מעהר געליטען, און אונזער קראַפט איז נישט געבראָכען. וואָס? דאָס גאַנצע יודענטום שטעהט פאַר אַ גענצליכע אויפלעזונג? עס הויבט זיך נישט אָן! אַ פאָלק, וועלכעס האָט אַזאַ פערגאַנגענהייט, מוז האָ־בען אַ צוקונפט. מיר האָבען קיין ליטעראַטור נישט? יונגלעך קאָמאַנדעווען מיט אונז? באַלד וועט אַלץ איינגעהמען אַ סוף? לאָז געמאַך! מיר האָבען שוין שלעכטערע צייטען געהאַט, און מיר מיט אונזער ליטעראַטור האָבען מיר זיך פאָרט אַרויסגעדרעהט. אַט דאָס איז עס, וואָס האָט לעווינסקי'ן געמאַכט פאַר אַ כלל־טהוער. איך קען כמעט נישט קיין איינציגע גרינדונג, וועלכע האָט זיך בעשעפטיגט מיט דער אויפלעבונגס־אַרבייט, אין וועלכער לעווינסקי זאָל זיך נישט האָבען בעטייליגט אָדער ביי וועלכער ער זאָל נישט זיין געשטאַנען אין דער שפּיץ. און ווען אַ מענש מיט אַזאַ קראַפט און מיט אַזאַ לעבענס־איבערמאָס האָט געאַרבייט, קענען מיר פערשטעהן, ווי גרוים די אַרבייט איז געוועזן. און נישט נאָר גרוים איז

זי געווען, נאָר אויך נוצליך; דער דאָזיגער מענש איז דאָך קלוג געווען און לעבענס־ערפאַהרען, אום אַלעמאָל צו וויסען, וואו ער האַלט.

און מוזען מוז איך דאָ דערמאַהנען דעם טאָג, ווען איך האָב לעווינסקי'ן צום ערשטען מאָל אַלס שריפטשטעלער קענען־געלערנט. געווען איז עס פאַר 22 יאָהר. איך האָב דענסמאָל געווײלט אַלס גאַסט ביי י. ל. קאַנטאָר אויף דאַטשע אין צאַרסקאָיע־סעלאָ. קאַנטאָר איז דענסמאָל געווען רעדאַקטאָר פונ'ם „המליץ”. ער האָט געפלעגט דעם גאַנצען טאָג צו זיצען אין פעטערבורג, און פאַרנאַכט האָט ער געפלעגט אַרויסצוקומען אויף דער דאַטשע און מיטצוברענגען מיט זיך דאָס פעקעל מאַנוסקריפטען, וועלכע זענען אין פערלויף פונ'ם טאָג אָנגעקומען אין דער רעדאַקציע. איינמאָל, קומענדיג, האָט ער צו מיר געזאָגט: „איך האָב אייך אַ שטיקעל מתנה מיטגעבראַכט: אַ מאַנוסקריפט פון אַנ'אָנפאַנגער, עפּעס מאָדנע און וואונדערליך געשריבען”. און איך האָב דעם דאָזיגען מאָדנעם און וואונדערליכען מאַנוסקריפט געלייענט. איינער, מיט'ן נאָמען א. ל. לעווינסקי, האָט איהם געהאַט געשריבען. אין אָדעם האָבען זיי געהאַט געמאַכט עפּעס אַ „קערמעשעל” פאַר אַ זשאַרגאָנישען שריפטשטעלער, אַ גאַסט, און לעווינסקי האָט זיך אַ טראָפּען צעלאַכט פונ'ם קערמעשעל און פונ'ם שריפטשטעלער צוזאַמען. די דעפּוטאַציע פון די שניידער, וועלכע האָבען דעם יובילאַר אַ מתנה געבראַכט אַ פּאָר הויזען מיט דער פּאַסענדער אויפשריפט איז געווען מייסטערהאַפט בעשריבען. דער אַרטיקעל, האָט נישט געקאָנט ווערען געדרוקט, ווייל ער איז געווען אַביסעל צו פריי, אָבער דאַכטען דאַכט מיר, אַז איך האָב קיינמאָל נישט אַזוי געלאַכט ווי דענסמאָל...

און מוזען מוז איך דאָ דערמאָהנען אויך, ווי איך האָב לעווינסקי'ן געזעהן צום לעצטען מאָל. געווען איז עס פאַר אַ וואָך אַכט אָדער צעהן. ער איז געזעסען ביי מיר און פון אונטער די גאָלדענע ברילען זיינע האָבען אַרויסגעלויכטען אַ פּאָר שעהנע, קלוגע אויגען און אויף די פיינע ליפּען האָט שפּאַצירט זיין זיסער שמייכעל. און אויף זיין פּנים די רוהיגקייט, יענע וואונדערבאַרע רוהיגקייט, וועלכע איך האָב אויפ'ן פּנים פון קיין שום אַנדערען שריפטשטעלער נישט געזעהן! איך האָב מיך געקאָכט און גערעדט און געקלאָגט פאַר איהם וועגען דער מהומה וועלכע עס האָבען אַריינגעבראַכט אין אונזער ליטעראַטור יענע עמי־הארצים, וואָס ווילען דאָרט גע־

וועלטיגען: איך בין זיי שוין מוחל אַלעס, וואָס זיי שרייבען, און אַלעס וואָס זיי טהוען און דאָס, וואָס זיי ווילען געוועלטיגען — אָבער סטייטש, די עם־הארצות! די עם־הארצות! איין שטיקעל גוטע מדה, וואָס מיר האָבען אַמאָל געהאַט, בכבוד צו האַלטען אַ תלמיד־חכם, געהט פערלוירען פון טאָג צו טאָג מעהר! איך האָב מורא, אַז דאָס וואָרט תלמיד־חכם וועט באַלד ווערען אַ זידעל־וואָרט, און ווער עס וועט נאָך קענען עברי, וועט מען איהם טרייבען פונ'ם קלייזעל! לעווינסקי האָט אַראָבגעלאָזט שעמעוודיג די אויגען. עס איז איהם שווער געוואָרען צו הערען אַזעלכעס. אַזוי לאַנג ווי ער לעבט האָט ער קיין שלעכט וואָרט נישט אַרויסגערעדט אויף אַ „קאָלעגע", און אַפילו אויפ'ן ערגסטען נישט. לאָזט זיי! — האָט ער געמאַכט — ווער וויים, אפשר וועט אויך פון זיי אונז נאָך אַרויסקומען אַ שטיקעל טובה. איז עס שלעכט — מוזען מיר צונויפנעהמען די קרעפטען און בעסער מאַכען. אויך די דאָזיגע, וואָס איהר זאָגט, וועלען לערנען און איינזעהן...

דער גרויסער גלויבען אין דער קראַפט פונ'ם מענשען, יענער גלויבען, וועלכען ער האָט געהאַט, איז וואונדערבאַר געווען, איך האָב איהם נישט מקנא געווען פאַר קיין שום זאַך, נאָר פאַר יענעם גלויבען. אַ. ווי ריין איז דער מענש געווען!

שמעון שמואל פרוג

ווייסט איהר, ווי אַזוי ער האָט אָנגעהויבען? — אַנ'אייַנפאַך יודיש יונגעל איז ער געווען אינם חדר פון אַ יודישען מלמד אין אַ יודישער קאָלאָניע. מיט יודישע קינדער צוזאַמען האָט ער זייַנע קינדערשפּיעלעכלעך געשפּיעלט. די שפּראַך, אויף וועלכער ער האָט גערעדט, זייַן מוטערשפּראַך, איז געווען יודיש. און דאָס דאָזיגע יודיש — אפשר איז דאָס געווען דאָס קלאַסישסטע, רייַנסטע, בעסטע יודיש וואָס לעבט אין אַ יודישער נשמה! נישט פאַרהאַן דער זעלטענער אויסדרוק, נישט פאַרהאַן דאָס אויסטערלישע, פערוואָרפענע וואָרט, וואָס זאָל זייַן געוועזען פרעמד דעם דאָזיגען יודישען יונגעל. דען נישט בחנם האָט ער זייַנע קינדעריאָהרען פערבראַכט צווישען יענע טיפּישע יודען, יענע זלמנ'ס און קלמנ'ס און יענע איידעלע מאַדאַמען מיט'ן נאָמען לאָקשענטאָפּ און הויזענקנאָפּ, וועלכע ער האָט אַזוי ליעב געהאַט צו שילדערען און אַזוי אָפט צו בעשרייבען אין זייַנע שפּעטערדיגע פעליעטאָנען און פּראָזאאישע עסקיזען. חוץ דעם פלעגט זייַן מוטער, ביים איינשלעפערען איהם, זינגען איהם דאָס ליעד אויף יודיש. שמעון שמואל'יק האָט דאָס יודישע פאָלקסליעד געקאָנט נישט פון עפּעס אַ בוך אַרויס, נאָר פונ'ם פאָלק אַליין. די ערשטע זאַך, וועלכע דאָס יונגעל פרוג האָט אָנגעשריבען, איז געווען אַ ליעד אויף יודיש — דאָס איז געווען זייַן אָנהויב...

און ווי אַזוי ער האָט געענדיגט, ווייסט איהר? — טויט־מיעד און לייַדענד פון פורכטבאַרע שמערצען ליעגט ער אויפ'ן בעט, פון וועלכען ער איז נישט אַראָב קיין לעבעדיגער. די לעצטע חדשים קומען אַלץ נעהנטער און נעהנטער. נאָר נאָך עטליכע וואָכען ליעגען צווישען איהם און צווישען דעם שרעקליכען טאָג און פלוצלינג — ווער ווייס די וואונדערליכע שטעגען, אויף וועלכע עס וואַנדערט דעם מענשענס גייסט? — פלוצלינג האָט איהם אַרומגעכאַפּט אַ בענקעניש אַהיים, אַ וואונדערליכער היים־וועהטאָג, אַ מין אמת'דיגע נאָסטאַלגיע צו זייַן געבורטס־לאַנד, און דאָס דאָזיגע געבורטס־לאַנד זייַנס איז געווען — זייַן קינדהייט. אויפ'ן קליינעם נאַכטטישעל פאַר

זיין בעט ליעגט דאָס קליינע ביכעלע מיט'ן נאָמען תנ'ך, און דער קראַנקער דיכטער בלעטערט אין איהם בייטאָג און ביינאַכט. ישעיה, יחזקאל און תהלים זענען איהם געלויפיג געוואָרען אויף זיינע ליפען. און אַ מין נס איז געשעהן אַרום יענער צייט: דער 56־יעהריגער הויבט פּלוצלינג אָן צו שרייבען לידער אויף אַ שפּראַך, פון וועלכער ער האָט פריהער געוואוסט בדוחק נאָר איינצעלנע ווערטער — ער שרייבט לידער אויף העברעאיש, אַמאָל אין אַ וואָענט זיצ איך ביי איהם פאַר זיין בעט, און ער לייענט מיר פאַר זיין ערשט געדיכט אין לשון־קודש. זיינע אויגען האָבען געברענט. און נאָר ווען ער האָט געענדיגט לייענען, איז ער טרויעריג געבליבען און איז געוואָרען אונזיכער. ווי אָבער איך האָב איהם געזאָגט, אַז דאָס געדיכט, שטייגט אַריבער, וואָס די שפּראַך בעטרעפט, אַלץ, וואָס איך האָב דערוואַרט פון איהם, האָט ער מיר שטיל געדריקט די האַנד. די לעצטע זאַך אַלזאָ, וועלכע פרוג האָט אָנגעשריבען, איז געווען אַ געדיכט אויף העברעאיש — אַזוי איז געוועזן זיין ענדע...

נאָר אינמיטען צווישען יענעם אָנהויב און דעם דאָזיגען סוף האָט זיך געטראָפען אַ קלייניגקייט: — אַ פּויזע פון פערציג יאָהר, אין וועלכער פרוג האָט געשריבען רוסיש. אמת, די פּויזע איז געווען אַ רעכט ביסעל לאַנג און האָט אַרומגענומען כמעט זיין גאַנצע ליטעראַרישע טעטיגקייט — אָבער אויך אַזאַ ערשיינונג איז נישט פון די אונמעגליכקייטען אין אַ מענשענס לעבען. אין יענער צייט האָט ער געשריבען פאַר יודיש־רוסישע זשורנאַלען פונקט אַזוי ווי ער האָט געשריבען פאַר רוסיש־רוסישע, ער האָט געשריבען פאַר'ן „וויעסטניק" און „וואָסחאָד" פונקט אַזוי ווי ער האָט געשריבען פאַר'ן „וויעסטניק יעווראָפּי" און „רוסקאַיאַ מיסל". אויך פאַר די פערשידענסטע טאָג־צייטונגען האָט ער דאַן געשריבען, און אַפילו דעם זונטאָג־פעליעטאָן אין פערזען פאַר דעם זונטאָג־נומער פון דעם בולוואַר־בלאַט „פּעטערבורגסקי ליסטאָק" האָט ער פּינקטליך צוגעשטעלט — אַזוי איז געוועזן די צייט פון דער פּויזע...

אָט איז די גרויסע טראַגעדיע פון אַ דיכטער־לעבען, אַז אַ 40־יעהריגע פּויזע אין איהר איז גאָר מעגליך! פערציג יאָהר לאַנג האָט אַ מענש געלעבט אַ שאָטען־לעבען, אַ לעבען ווי אין אַ חלום, און האָט גערעדט אויף אַ שפּראַך, מיט וועלכער ער איז נישט געווען פּסיכאָלאָגיש פערבונדען און

אין וועלכער ער האָט נאָר אויף אַ מעכאַנישען וועג דערגרייכט אַ מין פאָל־קאָמענהייט פון אַ מייסטער. וואָס דעם אינהאַלט בעטרעפט, רעדט ער טאַקי דאָס, וואָס פליסט פון זיין גאַנצער פסיכע, אין בעצוג אָבער אויף די פאָרם בענוצט ער זיך מיט שפּראַך, וואָס איז סוף־כל־סוף פאַר איהם נאָר אַ קינסטליכע שפּיעלעריי. און דער ווידערשפּראַך איז געוואָרען אַנ'אייביגער. אין דערזעלביגער מאָס ווי די פאָרם איז געוואָרען אַלץ שענער און די שפּראַך איז געוואָרען אַלץ פאָלקאָמענער און פרעכטיגער, איז דער ווידערשפּרוך אין איהם אַלץ מעהר געוואַקסען און אַלץ מעהר פערגרעסערט דעם ריס אין זיין האַרץ, ביז דער דיכטער איז צום סוף געוואָרען מיעד און געררייצט און אונזיכער, און פלוצלינג האָט ער זיך געפיהלט ווי אַ פרעמדער אויפ'ן אָרט, וואו ער איז געשטאַנען — אַ מין תינוק שנשבה בין העכו"ם. אָך, אַרימער פרוג! וואָס ווייס די איצטיגע גענעראַציע, די, וואָס זאָגט דיר אַמאָל נאָך אַ שבח אָדער וואָס מאַכט דיר אַמאָל אַ פאָרוואורף, וואָס דו האָסט געטראָגען און געליטען? פרוג האָט נישט געהערט צו די דאָזיגע, וועלכע האָבען דעם כוח צו פערגעסען, און אפילו נאָר אויף אַ מינוט זייער קינדהייט. ער איז אינערליך געווען דער טיפּישסטער יוד ביז אין טויט אריין. ביז אין טויט אריין איז ער געווען דער צאַרטער שמעון שמואל־יק, פון דער קאָלאָניע, און פלוצלינג — נאָדיר אַ סעמיאָן גריגאָריעוויטש, נאָדיר גאָר אַ רוסישער שריפטשטעלער אין אַ רוסישער אומגעבונג מיט אַרום און אַרום אַ כאַליאַס־טרע פון פרעמדע קאָלעגען, נאָדיר גאָר און האָב אויף זיך די פליכט צו שטעהן בסך־הכל אַ פערציג יאָהר אַזוי פאַר'ן ברעטעל און צו מאַכען הע־ויות פון אַ טאַראַס בולבאַ!

און אָט געדענק איך איהם, ווי איך האָב איהם געזעהן צום ערשטען מאָל. פאַר דריי און דרייסיג יאָהר בערך איז עס געווען. באַלד אין ערשטען טאָג פון מיין אָנקומען אין דער הויפּטשטאָדט איז ער מיר פאָרגעשטעלט גע־וואָרען: אַ הויכוויקסיגער, אַ בלאָנדהאָריגער מיט אַ מערקווירדיג הויכען שטערען און מיט לאַכעדיגע, רעדעוודיגע אויגען, און אַ שטימע האָט ער געהאַט — פּשוט, מוזיק. ווער עס האָט זיין שטימע געהערט, האָט איהם געמוזט ליעב האָבען. פרוג איז דענסמאָל געשטאַנען אויף דער העכסטער שטופע פון זיין בעריהמטקייט. דער ערשטער באַנד פון זיינע ליעדער איז נאָר־וואָס געווען אַרויס פון דרוק, און דער אַרויסגעבער איז געווען נישט

קיין גערינגערער ווי דער רעדאַקטאָר פון דער „נאָוואָיע ווערעמיא". בורעניז, דער קריטיקער פונ׳ם דאָזיגן אַנטיסעמיטישן־בלאַט, האָט איהם בעהאַנדעלט מיט רחמים. סקאַביטשעווסקי, דער ליטעראַטור־היסטאָריקער, האָט געשריבען וועגען איהם גוטס און האָט איהם געשטעלט אויף איין מדרגה מיט פּאָפּאַנאָוו און נאַדסאָן. פערשטעהט זיך אַז אין דער געזעלשאַפט פונ׳ם יודישען פּעטערבורג איז פרוג דענסמאָל געוועזן דער בעריהמטסטער מאַן, עס איז נישט געווען קיין יודישע קורסיסטקע, וואָס האָט נישט געפונען פאַר איהר פליכט צו שרייבען איהם ליעבע־בריוולעך אויף גרין פּאַפּיר אָדער צוצוּוואַרפען איהם אַ בלימעל אָדער אַ בוקעטעל, ווען זי האָט איהם דערזעהן אויף דער גאַס.

אַרום יענער צייט האָב איך געבלעטערט אין זיין ליעדער־בענדעל, און האָב אַלץ ווידער געבלעטערט דערין, און בין געשטאַנען פאַר אַ רעטעניש. אויפ׳ן ערשטען בליק, דאַכט זיך, זענען דאָך די ליעדער געשריבען אויף רוסיש — אָבער מיר זענען זיי עפּעס פאַרגעקומען אַזוי העברעאיש, אַזוי ביבליש, אַזוי לשון־קודש־דיג, אַז איך האָב געמעגט שווערען, אַז געשריבען האָט זיי דער מחבר פון „אהבת ציון". אַזוי שרייבט נאָר מאַפּו אָדער להבדיל, ישעיה. די ווערטער, פערשטעהט זיך, זענען געווען רוסישע — אָבער נאָר די ווערטער. רבונו של עולם, ווי איז גאָר מעגליך, אַז מענשען, וועלכע זענען נישט קיין יודען, זאָלען קאָנען פערשטעהן און געניצליך און ריכטיג בעגרייפען, וואָס דאָ שטעהט געשריבען ? — פּלוצלינג איז מיר קלאָר געוואָרען, אַז ווען דער דיכטער וואָלט אָנשרייבען דאָס דאָזיגע נישט אויף רוסיש, נאָר אויף העברעאיש, ווי דער אינהאַלט פערלאַנגט עס, וואָלט ער זיין דער אויסגעצייכנעטסטער ביבלישער סטיליסט. ליעבט ער דאָך נאָר אינגאַנצען אין דער ביבעל, און אַלץ, וואָס ער שרייבט, איז אַזוי ביבליש ! איך האָב געוואַרט אויף אַ נס. אומקלאָר האָב איך געפיהלט, אַז אַזאַ נס מוז קומען...

אַך, די דאָזיגע טראַגעדיע אין לעבען פון אַ דיכטער, וועלכער חלום׳ט אויף איין שפּראַך און שרייבט אויף דער צייטונג — און די טראַגעדיע ווערט אַלץ גרעסער, ווען אין דער דאָזיגער צווייטער שפּראַך ווערסטו אַ מייסטער און שרייבסט אויף איהר אַזוי וואונדערבאַר שעהן. דער ווידערשפּרוך ווערט דאַדורך אַלץ גרעסער און שמערצליכער. דו דערלאַנגסט אַ קוש אָדער אַ

בים, און דו שפּירסט פּלוצלינג, אַז געקושט און געביסען האָסטו — לופט. דו האָסט פאַר דיר קיין שום ממשות נישט. און אין דער דאָזיגער הינזיכט ביסטו נאָך גאַנץ אַנדערש ווי פּאַפּאַנאַוו. אַ מענש ווי פּאַפּאַנאַוו, ווען ער קושט און בייסט, האָט נישט געפיהלט דערין לופט; ער האָט פאַר זיך גע־האַט זיין פאָלק, אַ פאָלק פון 180 מיליאָנען. דו ביסט אין דער דאָזיגער הינ־זיכט אַנדערשט זאָגאַר ווי אַ ביאַליק, אַ ביאַליק, דאָס איז אמת, האָט נישט קיין 180 מיליאָנען, אָבער דאָס ביסעל, וואָס ער האָט, איז זיין, און מיט יעדען שטריך פון זיין פעדער פיהלט ער אַ וואַרעמען אָבקלאַנג און עפּעס אַנ׳עכאָ — און מעג דער אָבקלאַנג זיין ווי קליין און מעג דאָס עכאָ זיין ווי שוואַך, אָרימער פרוג, אָרימער דיכטער מיט אַ 40־יעהריקער פּויזע אין זיין „איך״! וואָס האָט דיר דיין קאַלטער, ווינציגער רוהם געגעבען? — בים־לעכווייז איז דאָס אָרט אַרום דיר געוואָרען אַזוי לעדיג און אַזוי שטיל, און דו האָסט דיך געפיהלט אַזוי אומגליקליך און פערלאָזען. און ווען דו האָסט דיך געוואָלט אומקעהרען, איז די צייט געווען שוין פערשפּעטיגט, און דער טויט איז שוין געשטאַנען הינטער דיר און האָט געלאָקערט אויף דיר...

האָט פרוג דאָס דאָזיגע געפיהלט, שוין דאַן, אין יענע גוטע טעג, ווען דער טומעל אַרום איהם איז נאָך געווען אַזוי שטאַרק? — מיר דאַכט זיך, אַז יאָ. אין יאָהר 1887 איז עס געווען. מיר האָבען ביידע געוואוינט דאַן צוזאַמען אויף איין קוואַרטיר, אויף אָפּיצערסקאַיאַ אין פּעטערבורג. און אָט געדענק איך איינמאָל ביינאַכט. עס האָט שוין געמוזט זיין אודאי אַ זייגער דריי, דאָ איז ער אַראָב אַ האַלב־נאַקעטער פון זיין געלעגער און האָט זיך אוועקגעזעצט שטיל ביי׳ם עק פון מיין בעט און האָט מיך געפרעגט אויב איך שלאָף, און האָט מיר אָנגעהויבען צו קושען און צו האַלזען. פּלוצלינג האָט ער זיך צעוויינט. „ווען האָב איך דאָ און וואָס האָב איך דאָ?״ — איך האָב די ווערטער קוים פערשטאַנען פאַר גרויס אויפרעגונג אין זיין שטימע — „איך שרייב און שרייב אַלץ ווידער, און בין אַזוי אַליין און פערלאָ־זען!״

אין אַזאַ גייסט־צושטאַנד האָב איך איהם געזעהן נאָר דאָס איינציגע מאָל. צומאָרגענס איז ער שוין ווידער געווען דער אַלטער, דער בליהענדער יונגערמאַן מיט די לאַכעדיגע, ליכטיגע און קלאָרע אויגען, און דעם מאַנטעל

האָט ער גענומען און איז אַוועקגעפאָהרען אויף אַ מיטאָג צו אַ בעריהמטען רוסישען רעדאַקטאָר, צו וועלכען ער איז געווען פערבעטען.

עטליכע טאָג אָבער פאַר זיין טויט האָט ער געשריבען אַ געדיכט אויף העברעאיש, און דאָרט לייענען מיר.

„פערראָרסט איז מיין פעדער, מיין בלאַט איז געטאָפעלט —
וואָס שטעהט דאָרט געשריבען. וואָס לייענט מען אין איהם?
אַ לעדיג פּאַפּיר... אַ לעדיג פּאַפּיר...
און אויס איז מיין שיינדעל, מיין טאָג פערגעהט".

יעקב דינעזאָהן

די לויה איז געגאנגען. צעהנטויזענד, דרייסיג טויזענד, פופציג טויזענד מאן. ווער ווייס וויפיעל? — די גאסען זענען געוועזן פערפלייצט. און דעלעגאציעס און קארפאראציעס אהן א שיעור. כמעט דאס גאנצע יודישע חברה־טום פון ווארשא. מאנכע אויך פון דער פרעמד. און לענטעס האבען זיי געטראגען, ווייס־שווארצע. שווארצע און רויטע, מיט די פערשידענסטע אויפשריפטען. פונ'ם טריבען הימעל האט געקאפעט דער רעגען, פויל און טרייסטלאז, און הארט נעבען דעם טויטען־וואגען בין איך אליין נאכגעגאנגען אין דער בלאטע. און מערקווירדיג: ווען איך האב מיך אביסעל פערטראכט, האב איך מינוטענווייז גאר אינגאנצען פערגעסען נאך וועמענס לויה מיר געהען דאס, און איך האב מיך ארומגעקוקט, אויב איך וועל דא נישט דערזעהן ערגעץ־וואו אויך דינעזאהנען, דען איך האב איהם געהאט פונקט עפעס וואס צו זאגען. און דאן ווידער אויך א צווייטס, א מערקווירדיגס. איך האב מיך אין א געוויסער מינוט געכאפט ביים געדאנק, — וואס וואלט זיין, ווען דינעזאהן וואלט דא פלוצלינג אנגעקומען פון דער גאס און וואלט אנטרעפען אזא געוואלדיגע לויה און וואלט זיך ערקונדיגען, וועמענס דאס איז, און וואלט געוואהר ווערען, אז דאס איז דאס די לויה נאך איהם? — ער וואלט אונגלויביג ציהען מיט די פלייצעס און וואלט ווערען נבהל ונשתומם. ניין, איז דאס אבער א שפאס וואס חברה קונדסים האבען דא אבגעארבייט! ער האט נאך עפעס קיינמאל גארנישט געפיהלט זיך, אז ער איז אזא ערשטקלאסיגער שריפטשטעלער. מילא, געשריבען עטליכע ביכלעך, און אפשר נישט קשה'דיג אויך. און אויך פון זיין געזעלשאפטליכער טעטיגקייט איז ער גארנישט אזוי נתפעל געווען. געטהון אפשר אמאל א מענשען דאס וואס א מענש, נישט פערדארבען אינגאנצען, מוז טהון. צום כלל־טהועריי אינ'ם בעוואוסטען סטיל האט איהם געפעהלט דער קאך און דער ברייטער זשעסט און דאס רעדען מיטן ברייטען פת"ח און דאס שטופען זיך צו די אויבען־אנ'ס. ער האט גערעדט תמיד שטיל פונקט אזוי ווי ער האט תמיד געשריבען שטיל. און נישט א כלל־טהוער איז ער געווען,

נאָר — אַ פּרט־טהוער. דאָס איז אַ מין, וועלכער איז אַזוי זעלטען און אַזוי — שטיל. אַ, אָרימער, שטילער מאַן! דו האָסט אין דיין שטילקייט נישט געוואוסט, אַז די גרויסע וועלט איז אַזאַ שרייעריין און אַ גערודערמאַכעריין און מאַכט אויך אַ טומעל פון אַ לויה פון אַ שטילען מענשען. און נאָך איינס האָסטו נישט געוואוסט, און אָט־וואָס: אַז עס קומט אַמאָל אַ צייט, וואָס דער מענש רוקט זיך גאַרנישט צום מזרח, נאָר דער מזרח קומט צו איהם. ביסלעכווייז קומט ער. עס ווערט דאָרט אויבען־אָן ביסלעכווייז אַזוי שיטער און לעדיג, אַז, ווילענדיג נישט־ווילענדיג, זעהסטו מיט אַמאָל אין אַ שעה־נעם פריהמאָרגען, ווי די וואַנד האָט זיך צוגערוקט און איז אָנגעקומען ביז צו דיר, פּלוצלינג שטעהסטו אין פראָנט.

העכער דרייסיג יאָהר האָב איך איהם געקענט. אַמאָל איז זאָגאָר אַ צייט געווען, ווען איך האָב איהם נאָך מעהר מעהר ווי געקענט: — ער האָט מיט זיין גאַנצען לעבען געהאָנגען אָן מיר. דאָס איז שוין געווען אַזוי זיין נאַטור. אַלעמאָל האָט ער געמוזט האָבען איינעם, צו וועלכען עס האָט געהערט זיין גאַנץ זינען און טראַכטען. ער האָט נישט גענומען, נאָר ער האָט זיך געגעבען. אַלעמאָל האָט ער געמוזט איינעם פערגעטערען און זיך מקריב זיין פאַר איהם. ער האָט נישט פערלאַנגט, גאַרנישט האָט ער פערלאַנגט, נאָר ער האָט אָנגעבאָטען זיך. ער האָט געהאַט אין זיך עטוואָס פעמינאַלעס, עטוואָס פרויענהאַפטעס. און נאָך מעהר: נישט נאָר פרויענהאַפטעס סתם, נאָר גאַנץ ספּעציעל עפּעס מוטערליכעס. ער האָט געמוזט ליעב האָבען און פערזאָרגען. דאָסזעלביגע ווייכע צאַרטע, וועלכעס איז געלעגען אויסגעגאָסען אין זיין אַמאָליגע פרויען־געזיכט און אין די קליינע, דורכזיכטיגע פרויען־הענד, איז געלעגען אויך אין זיין גאַנץ וועזען שוין דענסמאָל פאַר עטליכע דרייסיג יאָהר. באַלד ביי זיינע ערשטע אָנפאַנגען, האָב איך דעם דאָזיגען צוג אין איהם בעמערקט. ער האָט געהאַט דאָס בעדערפעניש זיך אָנצושליסען אָן אַ מענשען און צו צערטלען איהם און זיך איינצושמייכלען ביי איהם און זיך אויפצולעזען גאַנץ אין איהם. פּונקט אַזוי ווי דאָס קליינע מיידעל, וואָס האָט דאָס בעדערפעניש צו שפּיעלען זיך מיט ליאַלקעס און ווייזט דאַדורך אַרויס די צוקונפטיגע מוטער...

פאַרגעשטעלט צום ערשטען מאָל האָט מיר איהם גאָלדפאַדען. דענס־מאָל איז גאָלדפאַדען גראַד געווען דער דאָזיגער, דער שטאַרקער מאַנספּער־

שוין, אין וועלכען דער צאַרטער דינעזאָהן איז פערליעבט געווען. ער האָט איהם אָבגעשיט מיט זיינע צערטליכקייטען. ער האָט געזאָרגט זיינע געשעפ־טען און האָט איהם געדונגען זיינע דירות און האָט איהם איינגעאָרדענט זיינע פאָרשטעלונגען. ביי דעם פאָרשטעלען האָט גאָלדפאַדען שטאָלץ צוגע־געבען: דאָס איז דער פערפאַסער פונ׳ם „שוואַרצען יונגענמאַנטשיק”.
איך האָב עס נישט געהאַט געלייענט. אָבער דינעזאָהן האָט עס מיר נישט פאַר־איבעל גענומען. עס איז איבערהויפט נישט געווען זיין נאַטור, עמיצען עפּעס פאַראיבעל צו נעהמען. ער האָט עס מיר שוין נאָך אַ האַלבע שעה געבראַכט. איך האָב געלייענט און, פערשטעהט זיך, עס איז נישט געווען לויט מיין געשמאַק. איך האָב שוין דענסמאָל געשטעלט צו אַ שריפטשטעלער גאַנץ אַנדערע תביעות. אין אַ ווערק האָב איך דעם דיכטער געזוכט און דעם קינסטלער און דעם דענקער. און גייסט האָב איך געוואָלט האָבען. מאָראַ־ליסט אַליין איז מיר נישט גענוג געווען, און אַ מאָראַליסט, וועלכער ווירקט אויף די טרהערען־זעקעלעך, ערשט רעכט נישט. אָבער דינעזאָהן, דער גו־טער זיסער דינעזאָהן, האָט מיר אויך דאָס נישט פאַראיבעל גענומען. עס איז איבערהויפט נישט געווען זיין נאַטור, עמיצען עפּעס איבעל צו נעהמען.
דערפאַר אָבער זענען זיינע צערטליכקייטען און מוטערליכע פערזאָרגונגען, וועלכע ער האָט אַזוי פערשווענדעריש אויסגעשיט אויף מיין פאָרגענגער, איבערגעגאַנגען טיילווייז אויף מיר. זיין צוגעלאָזענקייט איז געווען ווי פון אַ באַרעמהערציגע שוועסטער. ער האָט געמוזט וויסען, וואו איך האָב גע־געסען בייטאָג און וואו געשלאָפען ביינאַכט. און בין איך אויף אַ קורצע צייט אַוועקגעפאָהרען, זענען געקומען די בריעף, די אַכט זייטען לאַנגע, רעגעלמעסיג יעדען צווייטען טאָג. און וואָס האָט ער אַלץ נישט געוואָלט וויסען אין די דאָזיגע בריעף, און מיט וואָס אין מיין פּריוואַט־לעבען האָט ער זיך אַלץ נישט אינטערעסירט! די ליטעראַטור איז ביי אַזאַ נאַטור מיט אַזאַ גרויסען דראַנג צום ליעב־האָבען געווען נאָר עפּעס נעבענזעכליכעס.
נאָר אַזוי נעבענזעכליך האָט ער מיר געלייענט, איינס נאָך דעם אַנדערען, אַלע זיינע ראָמאַנען. דעם „אבן נגף” און „הערשעלע” און „יאָסעלע”, וועל־כע ער האָט שוין דענסמאָל געהאַט ליעגען פערטיג אין זיין טיש־קעסטעל.
ער האָט זינט דענסמאָל, דאַכט זיך, מעהר קיין נייע זאַכען שוין גאָרנישט געשריבען, חוץ עטליכע קליינינקייטען. אויף די דאָזיגע זאַכען, נאַטירליך,

איז ער שטאָלצער געווען ווי אויף זיין ערשטלינגס־ווערק. צי איז ער אָבער ווירקליך געווען אַ פאָלקס־שרייבער? איך גלויב נישט. די ווערטער „פאָלקס־שרייבער", „פאָלקסטימליך", „פאָלקסערציהער" זענען איבערהויפט נאָך אין די ווערטער־ביכער פון יענער צייט נישט פאַרהאַן געווען און אין דינעזאָהנ'ס ווערטערבוך ערשט רעכט נישט. זיי זענען ערשט שפּעטער ענטשטאַנען. און מען האָט אָנגעהויבען אַרומוואַרפען מיט זיי דאָ, וואו עס האָבען געפעהלט בעגריפען...

די הויפּטזאַך איז און בלייבט אָבער די פּראַכט־נאַטור פונ'ם דאָזיגען מענשען: דאָס בעדערפעניש ליעב צו האָבען און זיך אויפצולעזען אינ'ם צווייטען. נאָך גאָלדפאַדענ'ען בין איך געקומען אויף זיין אָרט, נאָך מיר — שלום־עליכם, נאָך שלום־עליכמ'ען — מענדעלע, נאָך מענדעלען — פּרץ. פּרץ איז געווען אַ צו־שטאַרקע, אַ צו־אויסגעשפּראָכען הערשענדע נאַטור — און דינעזאָהן איז אין איהם בטל געוואָרען גענצליך. ער האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען פאַר זיך. דאָס גרויסע פייער האָט אויפגעלעקט דאָס טייכעל. דינעזאָהן האָט אויפגעהערט גאַר אינגאַנצען עפּעס צו שרייבען. ער האָט זיך בענוגענט דערמיט, וואָס ער האָט ערצעהלט פּרצ'ען מינדליך זיינע מעשיות, און פּרץ האָט זיי אָנגעשריבען — עס איז פּסיכאָלאָגיש איינס פון די אינטערעסאַנסטע מאָמענטען ביי די פעמינאַלע נאַטורען. און ווען פּרץ איז שוין נישט מעהר געווען, איז ער געגאַנגען און איז געוואָרען דער טאַטע פון אמתע קינדער. בעסער געזאָגט: ער איז געוואָרען די מאַמע פון זיי. ער האָט געגרינדעט שולען און האָט זיך גענצליך איבער־געגעבען צו די קינדער — אויך דאָס, דאַכט זיך, איז פּסיכאָלאָגיש דער נאַ־טירליכסטער און נויטווענדיגסטער רעזולטאַט.

עפּעס איז ער געווען אין אונזער ליטעראַטור ווי אַ מאַמע מיט דעם בינטעל שליסעלעך ביים פאַרטוך, וועלכע בעל־הבית'עוועט אַרום אין אַלע ווינקעלעך. ער האָט באַזאָרגט די געשעפטליכע זייט פון פּרצ'עס ליטעראַרי־שער טעטיגקייט, ער איז געווען דער אַפּיטראָפּוס פון שלום־עליכמ'ען. ער האָט געטראָגען די געשעפטליכע דאגות פון מענדעלע'ס ביכער, ער איז געווען דער פערזאָרגער פון שלום אַש, פון ווייסענבערג און פון הונדערט אַנדערע, און נישט מען האָט איהם געבעטען עס צו טהון, נאָר אַליין האָט ער זיך געכאַפּט דערצו. עס האָט געהערט צו זיין נאַטור. ער איז כל־ימיו

נישט געווען צופרידען מיט מיר, וואָס ער האָט נישט געקאָנט זיין דער בעפאָלמעכטיגטער צווישען מיר און מיינע פערלעגער. עס האָט איהם עפּעס געפעהלט צום רומעל.

האָט די גרויסע מאַסע, די צעהנדליגער טויזענדער, וועלכע זענען נאָכגעגאַנגען נאָך זיין וואָגען, געוואוסט, וואָס דער דאָזיגער זעלטענער מענשענטיפּ איז געווען? — דער רעגען, פויל און טרייסט־לאָז, האָט געקאַפּעט. דעלעגאַציעס און קאָרפּאָראַציעס זענען געקומען. און לענטעס האָבען זיי געטראָגען. און דער גרויסער עולם אַרום האָט געוואוסט, אַז זיין ערשט־קלאַסיגער שריפטשטעלער ווערט דאָ געפיהרט צו זיין אייביגער רוה. אַך ניין, ער איז געווען אַ מענש, וועלכער האָט געהאַט דאָס בעדערפעניש, אויסצושיטען זיינע פרויענהאַפטע צערטליכקייטען אויף אַנדערע, אַ רענדעל פאַר אַ צערטליכקייט וואָלט ער געבען, אַז מען זאָל איהם נאָר לאָזען די דאָזיגע סחורה אויסברענגען.

זיינע לעצטע צערטליכקייטען האָט ער פערווענדט אויף אָרימע קינדער אין די שולען.

שלום-עליכם

אין קיעוו איז עס געווען, פאַר דריי יאָהר. איך בין גראָד געשטאַנען אויף דער עסטראַדע, בעשעפטיגט מיט עפּעס אַ פּאָרטראַג אויף אַ ליטעראַרישען אָווענד, ווען אַ זעהר נאָהנטער קרוב פון שלום-עליכם'ען האָט מיך פּלוצלינג, אין אַ מינוט פון אַ פּויזע, צוגעוואונקען צו זיך הינטער די קוליסען, און האָט מיר דערלאַנגט אַ טעלעגראַמע וואָס ער האָט נאָר וואָס געהאַט ערהאַלטען פון אַמעריקאַ: — שלום-עליכם איז געשטאָרבען. און מערקווירדיג: נישט קיין טרעהר און נישט קיין קרעכץ. דער ערשטער געדאַנק איז עפּעס געווען — איך געדענק עס אַזוי גענוי, ווי דאָס וואָלט זיין דאָ ערשט פאַר אַ האַלבע שעה — אַ פּנים איז אויך דער טויט נאָר אַ געלעכטערדיגער אַזעלכעס, ווען שלום-עליכם האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט איהם.

— אַ פּנים איז אויך דאָס שטאַרבען נאָר איינע פון יענע בעריהמטע „עסקים", אין וועלכע מנחם-מענדעל כאַפּט זיך אָן! — ווי זאָגט עפּעס דאָרט שלום-עליכם אין זיין צוואה? — אין זיין יאָהר-צייט-טאָג, זאָגט ער, זאָל מען למען-השם גאָרנישט קיין טרעהר פערגיסען. צונויפקומען זאָל מען זיך, און לייענען עפּעס אַ זאַך פון איהם זאָל מען, און לאַכען...

איז ער באמת'דיג געווען אַזוי לוסטיג, אונזער גרויסער לאַכער? — ווער וויים, וואָס עס טהוט זיך אין דער נשמה פון אַ מענשען! אָפּט בין איך אים חושד, אַז ער האָט אונז אַביסעל גענאַרט... דרייסיג יאָהר לאַנג בין איך איהם געשטאַנען נאָהנט, איך האָב איהם געקענט כמעט פון'ם ערשטען טאָג פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט, און איינמאָל האָב איך איהם געכאַפּט ביי דער האַנד, פּריש דערביי, ווען ער האָט די עבירה געטהון. ער האָט זיך נישט געריכט אויף מיר, און איז געזעסען אין אַ האַלב-פינסטערקייט איינער אַליין פאַר'ן פענסטער פון'ם קאַבינעט און האָט געוויינט. אוי, ווי מען טאָר דער דאָזיגער „חברה" נישט גלויבען! זיי — מעגען זיך הונדערט מאָל איבערצלמ'ען פאַר'ן לאַכען און נאָכ'ן לאַכען און בשעת'ן לאַכען, און מעגען אונז פערזיכערען, אַז זייער געלעכטער איז אַ כשר, עהרליך געלעכטער, פּראָסט פון דער נשמה אַרויס — מען טאָר זיי

נישט גלויבען! אַזעלכע מענשען האָבען צו טיעף אַריינגעבליקט דעם לעבען אין די אויגען אַריין — און ווי זאָלען אַזעלכע נאָך קענען נאַאיוו לאַכען? זיי שפּיעלען נאָר אַ קאָמעדיע מיט אונז, און אָפט שפּיעלען זיי אַ קאָמעדיע מיט זיך אַליין. דאָס לאַכען איז איינע פון די פערשידענע פאָרמען, וואָס אַ טרעהר נעהמט־אָן. — אָבער נישט דערפון וויל איך היינט רעדען...

דרייסיג יאָהר לאַנג בין איך איהם נאָהנט געשטאַנען, און איך מוז עס זאָגען אָט באַלד ביי די ערשטע ווערטער: אַלעמאָל, אַזוי אָפט ווי איך האָב געקלערט וועגען איהם, האָט מיך נישט אַזוי זעהר בעשעפטיגט די ערשיינונג, וואָס מיר האָבען דאָ אַ יודישען מאַרק טועץ, אָדער וואָס מיר האָבען דאָ עסקים מיט דעם מאַזעפּעווקער און יעהופּעצער און כתרילעווקער עהרען־בעל־הבית, וועלכער האָט אונז בעשאַפען דעם מנחם־מענדעל־טיפּוס, אָדער וואָס מיר האָבען דאָ אין איהם דעם פּערפאַסער פון די מערקווירדיגע קינדער־ערצעהלונגען, וועלכע צייכנען זיך אויס מיט אַזאַ מערקווירדיקער ווייכקייט און צאַרטקייט, אָדער וואָס מיר זעהען דאָ פאַר אונז דעם אמת'ן יוד, וועלכער וויינט אין געלעכטערלעך און דריקט דאָס אויס אין אַ „טוביה דעם מילכיגען", — נאָר אַלעמאָל און שטענדיג האָט מיך בעשעפטיגט ביי איהם גאָר אַן אַנדערע ערשיינונג: — ענדליך, ענדליך זענען אויך מיר געקומען צו דער שטופע, צו האָבען אַ שריפטשטעלער, דעם ערשטען, וועלכער בעזיצט דעם בעזונדערען טאַלענט צו קענען שרייבען און שרייבען! — איך וואָלט וועלען, מען זאָל מיך ריכטיג פערשטעהן. איך רעד נאָך נישט וועגען דעם, צי דאָס איז אַ גוטער אָדער אַ שלעכטער שריפטשטעלער, איך רעד דערווייל נאָר פון דער אייגענטליכער מלאכה פון קענען שרייבען: — איינער וואָס איז געבוירען צו זיין אַ שריפטשטעלער. דען, זעהט איהר, אויך אַנדערע האָבען מיר דאָך ביי אונז וואָס שרייבען, מיר האָבען עטליכע וואונדערבאַרע טאַלענטען, מיר האָבען אַזעלכע, וואָס זענען אפשר גרעסער פאַר איהם בנוגע צו דער אינטענסיוויטעט פון טאַלענט, מיר האָבען גאָט־געבענשטע, וואָס דערלאַנגען אונז איינמאָל אָדער צווייםאָל עפּעס אַ טייערע, זעלטענע פּערעל — נאָר עפּעס פּיהלט זיך אין זייער שרייבען, אַז זיי האָבען זיך געקוועטשט, זיי האָבען זיך געשטופּט און געשטויסען, זיי האָבען געהאַלטען אין איין אויפבלאָזען דעם

פונק, וועלכען גאָט האָט זיי געגעבען, ביז עס איז דערפון אַ פלאַם געוואָ־רען, און ביז ענדליך, דורך פיעל אַרבייט און מיט דער הילף פון מוח, איז אַרויסגעקומען עפּעס גוטס. אָבער אַ שריפטשטעלער, ביי וועלכען עס שרייבט זיך פון זיך אַליין, און אפילו דענסמאָל, ווען ער וויל עס גאָרנישט, אַ שריפטשטעלער, וואָס צווישען זיינע פינגער ווערט די פעדער עפּעס אַ מין לעיעק, פון וועלכען עס גיסען זיך טייכען און פלייצען, אַזאַ איינער, וועלכער איז פּראָסט ווי אַ קוואַל און עס זעצט פון איהם בייטאָג און ביינאַכט, אין שבת און אין דערוואָכענס, אין אַ פּראָסט יאָהר און אין איבער־יאָהר, 24 שעה אין מעת־לעת, אַ שריפטשטעלער, וועלכער מעקט נישט און לעקט נישט, קריצט נישט און שפּיצט נישט, נאָר שרייבט און שרייבט — אַזאַ איינעם האָבען מיר געהאַט נאָר איינעם, און געווען איז דאָס שלום־עליכם. דאָס איז פאַרזיך שוין אַ טאַלענט. מיט איהם האָבען מיר געמאַכט די ערשטע התחלה, אַז אויך מיר זאָלען קענען אַריינטרעטען אין דער אַל־געמיינער ליטעראַטור, דאַדורך וואָס מיר האָבען געהאַט אַ שריפטשטעלער, וועהרענד ביז צו איהם האָבען מיר געהאַט נאָר שרייבער.

דאָס וועזען פון זיין טאַלענט, פרעגט איהר? — מעגליך, אַז פאַר פיינשמעקער איז זיין קונסט נאָך נישט די קונסט, אויף וועלכע זיי האָבען אויסגעקוקט. אפשר זענען זיינע פאַרשוינען פאַר זיי נאָך צו פּראָסטע, און זענען נאָך נישט יענע קאָמפּליצירטע און פּראָבלעמאַטישע, וועלכע זענען די גייסטיגע נאַהרונג פאַר׳ן זוכענדען; אפשר איז זיין ליריזם נאָך נישט יענער פיינער, איידעלער, וואָס זיין איינדרוק הערט קיינמאָל נישט מעהר אויף. אָבער נישט וועגען דעם האַנדעלט עס זיך דאָ. די הויפּטזאַך איז, אַז דאָס איז געווען אַ עכטער שריפטשטעלער, ווייל ער האָט גאָרנישט גע־קאָנט זיין אַ נישט־שריפטשטעלער. ער האָט פערמאָגט אַן׳עשירות, אַ שרייב־עשירות, וואָס איהר גלייכען געפינט מען נאָר ביי אַ מיליאָנער; ער איז טאַקי געווען אַ ליטעראַטור־מיליאָנער. ער האָט פערמאָגט אַ לייכטיגקייט, אַ שרייבלייכטיגקייט, וואָס איהר גלייכען געפינט מען נאָר ביי אַ פרוי, וועל־כע וויים נישט, וואָס וועהען זענען, און שיט קינדער, איינס אָדער צווי־לינג אָדער דריילינג, אַזוי עפּעס צווישן קיי און שפּיי. דו זיצסט מיט איהם און ערצעהלסט איהם פונ׳ם פּלאַן פון דיין גרויסען ראָמאַן, וועל־כער בעשעפטיגט אַלע דיינע מוחות שוין סך־הכל אַ יאָהר צוואַנציג, און

ער — אַ מאַך מיט דער האַנד, און אָט זאָגט ער דיר, אַז באותו רגע, טאַקי איך דער דאָזיגער מינוט גופא, איז איהם עפּעס אַ קליינינגקייט איינגעפאַלען, אַ פּלאַן צו עפּעס אַנ'ערצעהלונג, — און אין אַ דריי יאָהרען אַרום איז פערטיג אַ דריי־בענדיגער גרויסער ראָמאַן. דאָס איז געווען דער געבוירענער שריפטשטעלער, איינער וואָס האָט גאָרנישט געקאָנט זיין אַ נישט־שריפטשטעלער. און אָט איז דער דאָזיגער רייכטום זיינער געווען צו דערקענען אויך דורך אַ גאַנץ אַנדערע ערשיינונג: ווערהענד אַנדערע, ווען זיי האָבען געהאַט עפּעס אַ שעהנעם איינפאַל, האָבען זיי זיך געהיטען מיט אַלע כוחות, אַז זיי זאָגען נאָר חס־ושלום איהם נישט אויסנוצען אינ'ם פּריוואַט־אומגאַנג מיט אַנדערע, און האָבען זיך איהם אָבגעשפּאָרט ממש פונ'ם מויל, כדי איהם צו פערנוצען געזונדערהייט אין עפּעס אַנ'אַרטיקעל אָדער אַ ווערק — האָט אַ שלום־עליכם פּראָסט געגאָסען פון זיך ווי אַ רעגען פון אַ געלעכערטען הימעל מיט געדאַנקען און איינפאַלען און וויצען אויף רעכטס און אויף לינקס אָהן אויפהער — און דעריבער איז ער אויך געוואָרען אַזאַ וואונדערבאַרער שרייבער פון פּריוואַט־בריעף. אָפט האָט ער געקאָנט צו אַ גוטען ברודער אָנשרייבען אַ בריוועלע פון אַ 20—30 זייטלעך, אַזאַ מין „שלום־לאהובי־בריוועל". ווערהענד אַנ'אַנדערער וואָלט פונ'ם דאָזיגען מאַטעריאַל מאַכען אַ גאַנצען בוך. אויך זיינע פּריוואַט־בריעף זענען דאָך אַ גאַנצע ליטעראַטור!

וואָס האָט געשטערט דעם דאָזיגען געוואַלדיגען טאַלענט פון צו ווערען אונזער ערשטער און גרעסטער?

אמת, שלום־עליכם איז געווען דער „יודישער מאַרק טווען" — אָבער אום צו ווערען אַ גרויסער, האָט איהם אפשר געפעהלט ביי זיך אין האַרצען נאָר נאָך יענער קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו פון אַ מאָראַל, וועלכע מאַכט פונ'ם שריפטשטעלער אַ גרויסען, אַזוי אַז יעדעס וואָרט זיינס זאָל דאַן ווערען אַ מין אורים ותומים. יענעם מאָראַלישע קענען איז פאַר'ן שריפטשטעלער אַ מין חוט־השדרה, וועלכע לאָזט זיין געשטאַלט זיך האַלטען גלייך און הויך. — אמת, שלום־עליכם איז דער, וועלכער האָט אונז בעשאַפען דעם אייביגען טיפּ פון אַ מנחם־מענדעל און האָט אונז געגעבען טוביה דעם מילכיגען — אָבער אום צו ווערען דער שעפער, וואָס זאָל זיין אָנערקענט נישט נאָר פון דעם גרויסען רוב, נאָר אויך פון די עטלי־

כע ווייניגע מבינים, האט איהם אפשר געפעהלט גאר נאך יענעם קענען פונ׳ם פסיכאלאג, וואס ברעכט זיך א וועג אויך אין די בעהאלטענע לע־בענס־ווינקעלעך פון נשמות, וועלכע זענען עטוואס מעהר פערוויקעלט און עטוואס מעהר, וואונדערליך צונויפגעזעצט. עס זענען פאראן אויגענבלי־קען, אין וועלכע דער לעזער קאן זיך בשום אופן נישט פארשטעלען, אז די פסיכיק פון שלום־עליכם איז געשטאנען פיעל העכער פון דער פסיכיק פון מנחם־מענדעלען. — אמת, שלום־עליכם איז געווען דער פערפאסער פון די וואונדערשעהנע קינדער־ערצעהלונגען — אבער אום ער זאל אונז ווערען דער שריפטשטעלער, וואס מיר זאלען זיין ווארט קיינמאל נישט מעהר פערגעסען, האט איהם אפשר געפעהלט גאר נאך יענעם ביסעלע עסטעטישע קראפט, וועלכע מאכט פונ׳ם שריפטשטעלער אויך א קינסטלער. דער געוואלדיג בעגאבטער שריפטשטעלער האט נישט געקענט דעם סוד פון איינהאלטען די ריכטיגע מאס.

עס איז קיין שום ספק נישט, אז די דאזיגע אלע קרעפטען זענען גע־לעגען בעהאלטען אין דער נשמה פון שלום־עליכמ׳ען ווען נישט אין דער פולער מאס, דאן ווייניגסטענס אין זייערע גרונד־שטריכען, אבער דער הו־מאריסט אין איהם האט דאס אלעס איינגעשלונגען — און דא ליעגט איי־גענטליך די געוואלדיגע גרויס פון דעם דאזיגען וואונדערבארען שריפט־שטעלער. ער איז געווען א מין העלד, געקאנט פועל׳ן ביי זיך אלע זיינע טאלענטען איז זיך צו דערשטיקען און צו רעזיגנירען פון זיי און צו בעזיג־גען זיי, אום צו קענען ווערען דער בעסטער הומאריסט, וועלכען אונזער ליטעראטור האט אונז געגעבען, און אפשר גאר דער בעסטער הומאריסט, וועלכען די וועלט בכלל האט פערמאגט אין דער לעצטער צייט.

דען, זעהט איהר, דריי שטופען קען איך ביי א שריפטשטעלער. איך קען איהם דא, וואו ער שטעהט נאך אויף דער פרימיטיוועסטער שטופע און קוקט אויף זיך און אויף דער וועלט מיט אנ׳ערנסט, קנייטשט דעם שטע־רען 24 שעה אין טאג אין משך פון זיבעציג יאהר, נעהמט די לאסט פונ׳ם גאנצען לעבען אויף זיין פלייצע און קרעכצט. די צווייטע שטופע איז דא, וואו ער לאכט פון יעדער ערשיינונג פונ׳ם לעבען, מאכט חוזק פון אלע־מען און פון אלצדינג, אחוץ איין איינציגען אויסנאם: — זיך. זיך אליין נעהמט ער ערנסט. אבער די העכסטע שטופע איז די דריטע: דא וואו ער

איז שוין געקומען ביז צו דער הויך, צו קענען פּועל'ן ביי זיך אָבצולאַכען און אָבצוחוזק'ן פון זיך אַליין. שלום־עליכם, דאַכט מיר, איז דערשטיגען די דאָזיגע מדרגה. ער האָט געפונען די קראַפט אין זיך, זיך לוסטיג צו מאַכען איבער זיך אַליין. ער האָט בעשאַפען מנחם־מענדלען — און אייגענטליך האָט ער זיך אַליין אויסגעשטעלט אויף שפּאָט און געלעכטער. ער האָט געהאַט דעם געוואַלדיגען טאַלענט צו ווערען אַ גרויסער שריפטשטעלער, ער האָט געהאַט אַלע קרעפטען פון אַ שעפער צו ווערען דער אויסגעצייכענטסטער ערצעהלער, ער האָט געהאַט אַלע אייגענשאַפטען פון אַ לירישען דיכטער, אונז צו בעשאַפען וואונדערליכע וועלטען, — און אָט איז שלום־עליכם געקומען און האָט זיך אָבגעזאָגט פון דעם אַלעם — צום נוצען פון זיין לאַכען. ער איז געקומען און האָט אָבגעלאַכט פון אונז, פון זיך, פון דער גאַנצער וועלט...

ער איז געקומען און האָט חוזק געמאַכט פון זיין לעבען, ער איז געקומען און האָט חוזק געמאַכט פון זיין טויט. דען אַ צוואה האָט ער אָנגעשריבען, וואָס דער הומאָריסט אין איהם לאַכט דאָרט אויך נאָכ'ן קבר. אַזאַ מענשען האָבען מיר געהאַט נאָר איינעם.

מענדעלע מוכר־ספרים

א

איך געדענק: מיט דער אײַזענבאַהן, אין דער דריטער קלאַס, פאָהרט א יונגערמאַן און האַלט אין דער האַנד א בוך. דער יונגערמאַן איז זעהר פערטיעפט אין׳ם לייענען. דרויסען ליעגט אויסגעגאָסען דער גליהענדיגער זומער אויף פעלד און באַרג, אויף בוים און שטיין און אויף די טעלעגראַפען־שטאַנגען, וועלכע לויפען פאַרביי, און די פינק־פויגעל און די לערך־פויגעל טשוויטשערען, אז עס נעהמט אזש אָן ביי דער נשמה — דער יונגערמאַן אָבער זעהט נישט און הערט נישט. זיין גאַנצער זין איז געפאַנגען גענומען פון׳ם בוך. עפּעס האָט ער דאָרט פאַר זיך איינעם, א ליב מלמד, וועלכער געהט זוכען פרנסה, דען ער איז געוואָהר געוואָרען, אז עס זענען, ברוך־השם, פאַרהאַן פרנסות אויף דער וועלט אויך חוץ מלמדות. א וואונדערליכער בריה איז דער דאָזיגער מלמד. פון זיין זייט איז קיין מניעה נישטאָ, ער זאָל זיך נעהמען צו וואָס פאַר א מלאכה עס איז, צו א שניט־קראָם אָדער צו א פאַבריק, צו ווערען באַנק־דירעקטאָר אָדער צו האַנדלען מיט אתרוגים. וואָס איז דאָ די נפקא־מינה? א יוד איז, ברוך־השם, פעהיג צו אַלדינג; השם־יתברך מוז נאָר געבען, ער זאָל האָבען א שטיקעלע מזל און אזוי ווייטער. ליב מלמד שטעלט זיך אָב ביי א תבואה־שפּייכלער, נעהמט א האַנדפול ווייצען און זיפּט זי דורך די פינגער, ווי איינער, וועלכער קוקט־דורך א פּראָבע, כדי צו וויסען, וואָס זי איז ווערט. א צווייטער יוד שפּרינגט־אונטער און פרעגט, אויב ער וויל קויפען, און ר׳ ליב דערלאַנגט א שאָקעל מיט׳ן קאָפּ און א ציה מיט דער נאָז, יענעם ציה. פון וועלכען עס הערט זיך א „ניין״אָהן ווערטער. ווער מיר ווייצען, וואָס מיר ווייצען — אלא וואָס דען האָט ער געזיפּט? א קשיא אוויף א מעשה! א יוד דאַרף זיך קענען אויף אַלסדינג, טאָמער מאַכט זיך א מעשה, ער וועט אַמאָל דאַרפען ווערען א תבואה־סוחר, זאָל ער קענען זאָגען: אין ווייצען האָב איך, ברוך השם, א שטאַרקע ידיעה; געננוג ווייצען איז מיר אין מיין לעבען דורך די האַנד געגאַנגען, און אזוי וו. און אזוי וו. ר. ליב ליעגט אין דער אכסניא אויפ׳ן

בעטעל מיט'ן פּנים אַרויף, פּערזונקען אין שלאָף, און בלאָזט און טריימ־
פּייטערט מיט דער לאַנגער און קרומער נאָז ווי אַ שופר, און זיין קאָלעגע
שטעהט איבער איהם מיט אַ ליכט אין דער האַנד און בעטראַכט איהם און
מעסט איהם מיט די אויגען אַלע זיינע אברים. דער גוף, מ'שטיינס־געזאָגט,
עפּעס אַ שטיק שאַרבען, טרוקען ווי אַ טרוקענער בוים, דאַר און אָהן אַ
כזית פליש. די הענד, ווי די דינע, אויסגעדאַרטע שפּענדלעך, און די בלויע
אָדערען זענען אָנגעשוואָלען און טרעטען שטאַרק אַרויס. דאָס פּנים איז אַ
מין אַלטע חורבה : איינגעפאַלענע באַקען, איינגעזונקענע אויגען, אַ לאַנגע
נאָז מיט אַ גאָרב, וועלכע הויבט זיך אויף און שטאַרט אַרויס פון דער מיט,
ווי אַ קוימען פון אַ הויז נאָך אַ שרפה, אין וועלכען דער דאַך איז פער־
ברענט געוואָרען, און נישט ווייט פון דאָרט אַנ'אָרימער, דאַרער בעזעם —
דאָס קורצע, גרוי געוואָרענע בערדעל. דער חבר מיט'ן ליכט אין דער האַנד
קוקט, און פּלוצלינג פערשטעהט ער, און ער בעטראַכט איהם מיט אַ געֿ
פיהל פול פעראַכטונג און טראַכט זיך : „ווי שעהן איז דער דאָזיגער בריה,
ווי גרויס איז די בריה־שקייט פונ'ם דאָזיגען „אַרבייטער" וואָס האָט עס
געטויגט אַזעלכען צו געהן אין דער וועלט אַריין און צו זוכען אַ ניי לעֿ
בען ?". באַלד אָבער זאָגט דער דאָזיגער בעטראַכטער צו זיך אַליין : „און
דו אַליין, צו וואָס האָט דיר געזאָלט דאָס דאָזיגע נאַרישקייט ?" און אַזוי
וו. און אַזוי וו. און אַזוי וו.

דער יונגע־מאַן האָט צופעליג אויפגעהויבען די אויגען פונ'ם בוך און
האָט זיך פער'חלומ'טערהייט אַרומגעקוקט. עפּעס אַ יוד, אויסגעווייקט און
אויסגעדאַרט, זיצט אינ'ם וואַגאָן אויף איינער פון די בענק און רעדט מיט
זיינעם אַ חבר און איז איהם מסביר אַנ'עסק וועגען אַ שטעל פון אַ דירעקֿ
טאָר פונ'ם עלעקטרישען טראַמוויי, צו וועלכער ער בעדאַרף נאָר די האַנד
אויסצושטרעקען, האָט ער זי שוין. אַ צווייטער יוד זיצט אויף אַ צווייטער
באַנק מיט זיינעם אַ בעקאַנטען און בשעת רעדען טאַפּט ער איהם ביי דער
פּאָלע פון זיין קאַפּאָטע און זאָגט איהם מבינות אויפ'ן טוך און וויפיעל
עס איז ווערט און דרך־אגב ווי לאַנג עס וועט אויסהאַלטען. אויף דער דריֿ
טער באַנק שלאָפט אַ יוד מיט'ן פּנים אַרויף און שנאָרכט און בלאָזט, און
זיין גוף איז עפּעס אַ שטיק צעבראָכענער שאַרבען, דאַר און אָהן אַ כזית
פליש.

דער יונגערמאַן האָט געדאַנקענלאָז ווידער אַראָבגעלאָזט די אויגען אין בוך אַריין און האָט ווייטער געלייענט.

וואונדערבאַר! ער האָט גאָרנישט געפיהלט, אז ער האָט געהאַט אויף אַ מינוט מפסיק געווען. אַלעס, וואָס ער האָט דאָ געזעהן אינ׳ם וואַגאָן אַרום און אַרום, איז איהם פאָרגעקומען, ווי עס וואָלט געווען אויך נאָר אַ שורה פונ׳ם בוך אַרויס און דערזעלביגער מחבר האָט אויך זי געשריבען. ער האָט זיך נישט געפיהלט ער זאָל האָבען געהאַט איבערגעריסן.

און דער יונגערמאַן פערטיעפט זיך ווידער אין זיין בוך און לייענט ווייטער; „... די היץ פלאַקערט, אַ הונד ציהט זיך אויס אויפ׳ן בויך און אָטעמט שווער פאַר גרויס וואַרעמקייט. ציימענווייז הויבט ער אויף דעם קאָפּ, שטעקט אַרויס די צונג און דערלאַנגט פּלוצלינג אַ כאַפּ — און האָט אַ פליעג אינ׳ם מויל. אַ הוהן מיט אויסגעשפּרייטע פליגעל קויערט אין אַ ווינקעל, און פון אונטער איהר הערט זיך דאָס פּיפּטשען פון די יונגע היהנ־דעלעך. די דאָזיגע משפחה האָט יעצט איהר אָברוה־צייט נאָכ׳ן אַרומ־לויפען און אַרומנאָרען אינ׳ם מיסט. עס זעהט זיך קיין לעבעדיג נפש, אַלעס איז שטיל און ווי פערגליווערט. קיה פּאַשען זיך אין פעלד, די קינדער זע־נען איינגעשלאָסען אין די חדרים און די גרויסע געניצען און שטרעקען זיך, ווער אין דער היים און ווער אין קראָם, און געהען אויס פאַר אַ טרונק קאַלט וואַסער. אויף אַ וואַנד קלעטערט אַ קאַץ, און פּלוצלינג אין דער מיט וואַנד שטעלט זי זיך אָב, דרעהט אויס דעם פּנים און קוקט און טראַכט, צי זי זאָל ווייטער קלעטערען אָדער צוריק אַראָב. פון ווייטען ציהט זיך אַ גריי־נער פּאַס פון בוימער דאָרט, וואו דער הימעל לאָזט זיך אַראָב...״

דער אייזענבאַהן־צוג האָט זיך אין דער דאָזיגער מינוט אָבגעשטעלט אויף עפּעס אַ סטאַציע אויפ׳ן פעלד. דער יונגערמאַן לעגט אַוועק דאָס בוך אויף אַ ווייל[ע], און קוקט אַרויס דורכ׳ן פענסטערעל. עפּעס אַ הונד ליעגט אין דער זון מיט אַנ׳אַרויסגעהאָנגענער צונג און כאַפּט אַ פליעג. אַ הוהן קויערט אויף איהרע היהנדעלעך. אין פעלד פּאַשעט זיך אַ קוה און שטעקט אַרויס די צונג און זוכט קאַלט וואַסער. אַ קאַץ קלעטערט אויף אַ וואַנד. פון ווייטען לייכט זיך אַ גרינער פּאַס פון בוימער דאָרט, וואו דער הימעל לאָזט זיך אַראָב...

און וואונדערליך! ווען דער יונגערמאַן האָט ווידער אָנגעהויבען לייע־

נען אינ׳ם בוך, האָט ער גאָרנישט געפּיהלט, אַז ער האָט געהאַט מפסיק געווען, די גאַנצע סצענקע, וועלכע ער האָט דאָ געזעהן דורכ׳ן פענסטער, איז איהם פאָרגעקומען נאָר ווי שטיק פונ׳ם בוך אַרויס. דערזעלביגער מחבר האָט אודאי געמוזט אויך ז׳ שרייבען...

און דער יונגערמאַן פערטיעפט זיך ווידער אינ׳ם בוך און לייענט ווייטער: — די גאַנצע ביטערקייט פונ׳ם יודישען לעבען, דאָס גאַנצע פערשאָלטענע גלות־לעבען פון מיליאָנען יודען אין רוסלאַנד וויבעלט און שווירבעלט איהם דאָ אַנטקעגן פונ׳ם דאָזיגען בוך אַרויס. און דאָס אומגליק איז אָהן אַ ברעג, און אַליין זענען זיי זיך שולדיג. און עס איז קיין אויסוועג און קיין רעטונג נישט פאַרהאַן. זאָלען זיי דאָרט אונטערגעהן אין זייער שמוץ! — די שרעקליכע אָרימקייט האָט זיי געמאַכט פאַר מנוולים, אַז עס נעהמט אָן אַנ׳עקעל. די גרויסע, אַלטע טאָרבע — דאָס איז דער הויפּט־עיקר פון אַלע זייערע חלומות און געשעפטען און פּרנסות און בעגריפען און דער אינהאַלט פון זייער גאַנצען לעבען. און זייער לעבען — דאָס איז גאָר קיין לעבען נישט. אַ מפּיל־קינד ביי די אומות־העולם האָט אין זיין קלענסט פינגערעל מעהר לעבען, ווי מיר געפינען אין אַלע רמ״ח גליעדער און שס״ה אָדערען פון דער גאַנצער כנסת־ישראל. ביי דער כנסת־ישראל אין דער ענגער גאַס איז קינדהייט אַ זעלטענהייט. די קינדער פון דער יודענגאַס „זענען אַלטע יודען אין יעדער הינזיכט: אין זייער קליידונג, זייער מדויעריגקייט, זייער זאָרגען און מורא־האָבען און פאָרזיכטיג־זיין, וועלכע ליעגען זיי אויף די פּנימ׳ער אויסגעגאָסען, נאָר מיט׳ן אונטערשייד, אַז זיי זענען נאָך קליין און אָהן בערד און קינדלען נישט; און די קליינע יודישע מיידעלעך זענען אַלטע יודענעס הן אין זייער שפּראַך, הן אין זייער אויפפיהרונג און אונטערטעניג־זיין און איינגעהאַלטענקייט און ליידען־קענען און אפילו אין זייער קלוגהייט, נאָר מיט׳ן אונטערשייד, אַז זיי זענען קליין און נאָך נישט חתונה געהאַטע. קינדער אָהן אַ קינדהייט איז אַ טרויעריגע און שרעקליכע ערשיינונג, וועלכע ברעכט דאָס האַרץ און מאַכט אומעטיג די נשמה, ערוועקט עקעלהאַפטיגקייט און רחמנות צוגלייך!" — און פּלוצלינג, צוזאַמען מיט דעם דאָזיגען בייסעדיגען און ביטערען שפּאָט, וועלכער פרעסט זיך איין ביז אין דער נשמה און גראָבעלט זיך אַריין ביז אין דעם אָבגרונד און רייסט מיט אייזערנע צוואַנגען שטיקער פלייש פון

דער גאַנצער אומה — פּלוצלינג פּליצט אויס אויך אַ גאַנצער ים פון רחמ־נות און פון מיטלייד און עס הערט זיך דער קרעכץ, וועלכער ערשיטערט, און עס בעוועגט דאָס האַרץ ביז צום וויינען...

דער יונגערמאַן לאָזט דאָס בוך אַרויספאַלען פון דער האַנד און פער־מאַכט די אויגען און הויבט אָן צו חלומ'ען: יענער גרויסער עקעל צום דאָ־זיגען לעבען, צום הינמישען, אָהן אַ ברעג און אָהן אַ סוף און אָהן אַ תכלית, נעהמט אויך איהם אַרום. דער בייסעדיגער שפּאַט הויבט אָן צו קאָכען אין איהם און פּלאַצט אַרויס. פּלוצלינג אָבער צעגיסט זיך איבער'ן גאַנצען וועזען אַ שטראָם פון אַ ווייכען, אונענדליכען מיטלייד מיט דעם דאָזיגען צעוועהטאָגטען און געוועהלטען פאָלק, וואָס לייַדט אַזוי אונענדליך און פאַר וועלכען עס איז קיין אויסוועג און קיין רעטונג נישט פאַראַן — און זיין האַרץ וויל איהם פּלאַצען פאַר גרויס וועהטאָג...

און ווידער איז דאָס וואונדער! דער יונגערמאַן האָט גאַרנישט גע־פיהלט, אַז ער האָט געהאַט מפסיק געווען. אויך זיין שפּאַט און אויך זיין מיטלייד זענען נאָר געווען אַ מין „פאַרטזעצונג" פון'ם אינהאַלט פון בוך. ער האָט נישט מעהר געשפּירט קיין שום אונטערשייד צווישען זיך און צווי־שען דעם מחבר פון'ם בוך, און צווישען דעם בוך און צווישען דער וועלט, וועלכע איז אַרום און אַרום איהם — אַלעס האָט זיך דורכגעמישט און צו־נויפגעגאָסען און איז געוואָרען איינס...

דער מחבר פון יענעם בוך האָט געהייסען מענדעלע מוכר־ספרים, און דער יונגערמאַן וועלכער האָט געלייענט, דאָס בין איך געווען.

איך האָב דענסמאָל פּלוצלינג אָנגעהויבען צו פערשטעהן, אַז אַ קינסט־לער, אַזאַ איינער ווי מיר האָבען זיין גלייכען נישט, רעדט צו אונז פון יענעם בוך און פון אַלע אַנדערע ביכער, וועלכע ער האָט אונז געשריבען. ווען ביים לייענען אַ בוך פיהלט דער לעזער נישט דעם אונטערשייד צווישען דער שילדערונג פון טיפּען און אויסן־וועלט און אינער־לעבען און צווישען דער ממשות'דיקער וועלט מיט איהרע בעשעפענישען און איהרע חיות און עופות און איהר זונען־ליכט און נאַכט־פינסטערניש און אַלעס, וואָס אַ מאָ־דערנער מענש טראַכט און פיהלט — איז עס אַ בעוויז, ווי קיין גרעסערער קען שוין נישט זיין, אַז מיר האָבען דאָ פאַר זיך אַ גרויסען קינסטלער. אַזאַ קינסטלער איז אין אונזער מאָדערנער ליטעראַטור גאַרנישט געווען.

זינט דענסמאל זענען די ביכער פון מענדעלע מוכר־ספרים נישט מעהר אראב פון מיין טיש, און איך לייען זיי און לייען זיי אלעמאל אויפס־ניי. אבער וואונדערליך: וואס מעהר איך לייען אין די דאזיגע ביכער, ענטדעק איך אלץ מעהר אין זיי נייעס...

I

דאס ערשטע, וואס פאלט אונז בעזונדערס אין די אויגען אריין ביי מענדעלע מוכר־ספרים, באלד ווי מיר עפענען איינס פון זיינע ביכער און לייענען אין איהם עטליכע שורות, איז, אז זיין קונסט איז אנ'אריגינעלע קונסט, ווי מיר האבען איהר גלייכען נישט ביי קיין שום אומה ולשון. בנוגע צו מענדעלע'ן זענען מיר געוועהנט צו הערען די מיינונג, אז ער היט נישט די אנגענומענע געזעצען פון די ערצעהלונג־שרייבער און איז אייגענטליך גאר קיין „ערצעהלער" נישט, דאס הייסט, ער איז נישט קיין ערצעהלער אין דעם זין, ווי מיר זענען עס געוועהנט ביים לייענען ערצעהלונגען אין אנדערע שפראכען. אבער אט דאס איז די הויפט־זאך, פון וועלכער עס רעדט זיך דא. ער האט נישט קיין שום יניקה פון אנדערע, ער האט נישט פאר זיך קיין שום מוסטער פון אנדערע, ער ארבייט נישט לויט קיין שום פארם פון א קינסטלער, וועלכער איז פאר איהם געווען, נאר אלץ, וואס ער טהוט, טהוט ער פון זיך אליין. ער האט זיין אייגענע ארט פון בעטראכטען, זיין אייגענע ארט פון בעגרייפען און אויפפאסען, זיין אייגענע ארט פון טעכניק, פון מאלען און בויען, פון צייכענען, פון ערצעהלען און פון פערשטעהן־געבען, און אפילו זיין אייגענע ארט, ווי זיך צו בעדיענען מיט דער שפראך — אזוי אז ער קומט אונז פאר כמעט ווי א נאטור־קינסטלער. ווען מיר זאלען נעהמען עפעס אנ'ערצעהלונג פון איינעם פון די בעסטע שרייבער, וועלכע מיר האבען, און זאלען זי איבערזעצען אין אנ'אנדערע שפראך, בין איך זיכער, אז צווישען צעהן לעזער, וועלכער וועט טענה'ן: שעהן — אבער סוף־כל־סוף איז דאך דאס גאנצע נאר א נאכהאמונג פון אונזערע זאכען, נאכדעם ווי דער פערפאסער האט זיך גוט צוגעקוקט צו אונזערע

פאָרמען און האָט זיך זיי אויסגעלערנט; העכסטענס, וועט ער זאָגען, איז דער שטאָף אַ נייער. אָבער ווען מען וועט איהם איבערזעצען מענדעלע'ן וועט ער אַ מינוט נישט וויסען, אויף וועלכער וועלט ער איז. אַלעס וועט איהם פאָרקומען אַזוי ניי און אַזוי פרעמד, און נישט נאָר דער שטאָף, נאָר אויך דער פאָרטראָג און די גאַנצע פאָרם און די גאַנצע אַרט פון דערצעה־לען — און פאָרט וועט ער פיהלען, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַ גרויסע קונסט. מעגליך, אַז צום סוף וועט ער קומען צו דעם שלוס: אפשר איז דאָס יודישע קונסט — אין דעמזעלביגען זין, ווי מען רעדט פון אַ יאַפּאַנישער אָדער איסלאַמישער קונסט וכדומה. און נישט נאָר צווישען פרעמדע, נאָר זיך צווישען אונז אַליין, ווען עס וועט זיין איינער, וועלכער האָט זיין גע־שמאַק אויסגעבילדעט אין דער פרעמדער שולע, וועט ער קומען צום זעל־ביגען שלוס: אַלץ וועט איהם פאָרקומען אַזוי פרעמד און אַזוי ניי און אַזוי וואונדערליך, נאָר נישט ווי ער איז געוועהנט, — און פאָרט וועט ער פיה־לען אין יעדען וואָרט, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַן'אוצר פון קונסט, ווי מיר האָבען זיין גלייכען קיינמאָל איינגאַנצען. ענדליך. זענען מיר געקומען צו דער קונסט פונ'ם יודישסטען יוד. העכסטענס, ווען מיר ווילען שטאַרק זוכען. ווילען מיר ביי מענדעלען געפינען אַ קליינע השפעה פון צערוואַנטעס, און די דאָזיגע השפעה איז נישט נאָר אין דער עהנליכקייט צווישען איהם און דעם גרויסען שפּאַניער אין בעטרעף פון דער סאַטירע און פונ'ם לי־רישען גייסט, נאָר אויך אין אַ געוויסער הינזיכט אין דעם אופן פון פאָר־טראָג. העכסטענס וועט דער, וואָס גריבעלט זיך, קענען געפינען ביי איהם אויך אַ געוויסע איינווירקונג פון גאָגאָל; אַזוי ווייניג ווי יענער האָט זיך אין זיינע פאָרמען געלאָזט בינדען פון אַלגעמיינע געזעצען, אַזוי ווייניג לאָזט זיך אויך מענדעלע בינדען. אפשר אויך אַ קליין ביסעל איינפלוס פון טאָלסטאָי וועט מע ביי איהם קענען דערגריבלען; אַזוי ווי יענער, אַזוי לאָזט אויך ער זיך נישט אריין אין אַבסטראַקטע פּסיכאָלאָגישע חקירות און גריבלענישען, נאָר ער צייכענט איינפאַך דאָס אויסווענינע פונם מענשען, לאָזט איהם רעדען עטליכע ווערטער, לאָזט איהם שווייגען, לאָזט איהם עס אַ זיפץ געבען אָדער אַ לאַך און מיר וויסען אויגענבליקליך וואָס עס טוט זיך אָב ביי איהם אין דער נשמה. אינ'ם גאַנצען און גרויסען אָבער איז מענדעלע דורך און דורך אָריגינעל. און הויפּטזעכליך איז ער מאָלער.

אַזוי ווי ער מאָלט, מאָלט מען נישט אין אייראָפּאַ און מאָלט מען נישט אין אַזיען; העכסטענס מאָלט אַזוי דער קינסטלער אין דער יודען־גאַס, וועלכע אין אַ סינטעזע פון אייראָפּאַ און אַזיען צוזאַמען; אַזוי מאָלט מענדעלע, דער יודישער יוד, ווען ער איז צופעליג אַ קינסטלער.

די הויפּט־מאָמענטען, אין וועלכע מענדעלע'ס קונסט און קענען ווייזט זיך בעזונדערס אַרויס, זענען אייגענטליך די דאָזיגע: ער קען מאָלען דאָס לעבען אין דער יודישער גאַס אין אַלע זיינע ערשיינונגען און מיט אַלע זיינע איינצעלהייטען און מיט אַלע זיינע טיפען, אַזוי אַז עס איז כמעט נישט פאַר־האַן קיין טיפּ, וועלכען ער האָט אונז נישט פאַרגעשמעלט; ער איז אַ ליריש געמיט און ער קען מאָלען נאַטור־בילדער, זומער און ווינטער־לאַנדשאַפטען, פעלד און וואַלד, חיות און עופות און אַזוי ווייטער אין אַ מאָס, ווי מיר האָבען עס נאָך נישט געהאַט ביי קיין שום יודישע דיכטער ביז איהם. ער קען לאַכען דאָס ביטערע גאַליגע געלעכטער פון'ם סאַטיריקער, וואָס שניידט ביז אין האַרץ אַריין, אָבער — באַלד דערויף קען ער דערלאַנגען יענעם גרויסען, געוואַלדיגען קרעכץ, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט אַנ'אונענדליכען מיטלייד און וועלכער מאַכט אונז וויינען. איך קען נישט קיין איינציקען דיכטער ביי אונז, ביי וועלכען עס זאָל, אַזוי ווי ביי איהם, פון יעדען וואָרט אַרויסשרייען יענעם אומבאַרעמהערציגע באַוואוסטזיין, אַז ס'איז נישט פאַרהאַן קיין שום האָפנונג און קיין שום אויסוועג און רעטונג. ווען עס טרעפט אונז עפּעס אַ שרעקליכער פּאָגראָם, צום ביישפּיעל ווי דער קישיניע־ווער, איז אפשר מעגליך, אַז מיר ווייסען דאַן נאָך נישט, ווי זעהר אומגליק־ליך מיר זענען און ווי זעהר מיר זענען אָהן אַ שום שטיקעל האָפנונג, אָבער ווען מיר ענדיגען לייענען אַנ'ערצעהלונג פון מענדעלע'ן, צום ביישפּיעל דאָס „ווינשפינגערל", דאַן זענען פאַרהאַן מינוטען, וואָס אונזער גאַנץ אונמענשליך אומגליק קומט אונז פלוצלינג צום בעוואוסטזיין, אַזוי קלאָר און דייטליך, אַז כאָטש גאָה און וועה משוגע פאַר גרויס צרות, און עס ווילט זיך אָפּט אַרויספּלאַצען מיט אַ יאָמערליך געוויין, ווי אַנ'אומבעהאָלפען קינד — און גראָד די דאָזיגע ערצעהלונג האָט אונז דאָך אַזוי אָפּט לאַכען געמאַכט מיט איהר הומאָר און סאַטירע!

און ווי פערשטעהט מענדעלע דאָס מאָלען פונ'ם לעבען אין דער יודי־שער גאַס! ער האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע יודישע לעבען אינ'ם געסעל־

פונ'ם קליינעם שטעדטעל אין רוסלאנד אין דער ערשטער העלפט פונ'ם פאריגען יאהרהונדערט, און א טייל אויך פון דער צווייטער העלפט פון יענעם יאהרהונדערט, און האט אונז דערפון געגעבען א געוואלדיג בילד מיט אלע איינצעלהייטען און מיט אלע קלייניגקייטען און מיט אלע ברעקעלעך, אז ווען אפילו מיר זאלען שוין זיין ווייט דערפון, צווינגט ער אונז, דאס דאזיגע שרעקליכע לעבען צום צווייטען מאל פון אנהויב ביז'ן סוף מיט דער פאנטאזיע ווידער דורכצולעבען. ווען מיר זאלען צום ביישפיעל אננעהמען, אז עפעס א מבול איז געקומען אוועקגעווישט פון דער ערד די גאנצע יודען־גאס און דאס גאנצע לעבען דארט און האט נישט איבערגעלאזט דערפון קיין שריד ופליט און קיין שום סימן, און נאר דורך א צופאל זענען אונז געבליבען די פיער גרעסערע ערצעהלונגען פון מענדעלע מוכר־ספרים: „פישקע דער קרומער", „מסעות בנימין השלישי", „דאס ווינשפינגערעל", און „שלמה ר' חיים'ס", און נאך א צוויי־דריי פון די קלענערע ערצעהלונגען, — דאן איז ביי מיר קיין שום ספק נישט, אז לויט די דאזיגע איבערבלייבענישען וואלט דער קומענדיגער פארשער גאנץ גוט געקענט ווידער צונויפזעצען זיך די גאנצע קארטע פונ'ם יודישע לעבען אינ'ם געסעל פונ'ם קליינעם שטעדטעל אין רוסלאנד אין דער ערשטער העלפט פונ'ם 19־טען יאהרהונדערט, אזוי אז ס'וואלט איהם נישט פעהלען דערצו קיין קוצו של יוד.

ווילסט אפשר וויסען, ווי דאס געזיכט און ווי די גאנצע געשטאלט פונ'ם יוד האט אויסגעזעהן? ביי מענדעלע'ן קענסט דו עס געפינען! מענדעלע מאלט אונז דעם יוד מיט זיין געזיכט, זיין נאז, זיינע אויגען; זיין געקנייטשטע און נישט־געקנייטשטע שטערען, זיינע הענד און פיס; ער מאלט אונז, ווי אזוי ער דרעהט מיט דער נאז און וואס יעדער דרעה בעדייט, ווי אזוי ער קוקט מיט די אויגען, איין אויג אהער און איין אויג אהין, און וואס יעדער קוק איז דער טייטש, ווי אזוי ער מאכט מיט די הענד און מיט די פיס און וואס יעדער מאך לאזט אונז הערען, ווי אזוי ער געהט און ווי אזוי ער שטעהט און ווי אזוי ער זיצט, ווי אזוי שטעהט דאס קינד און ווי אזוי עס געהט און עס זיצט, ווי אזוי שטעהט די יודענע און ווי אזוי געהט זי און זיצט זי, ווי אזוי שטעהט דער גביר און ווי דער ארימאן, ווי אזוי זיצט דער ראש־הקהל און ווי אזוי רעדט דער כאפער און ווי אזוי שווייגט

דער פראַצענטניק, און אפילו אויך ווי אזוי שלאָפט דער יוד; איך קען נישט קיין איינציגע קערפּערליכע בעוועגונג פונ'ם יודען, וועלכע דער דאָזיגער מאָלער זאָל אונז נישט האָבען געמאָלט מיט זיין דינעם פּענזעל.

ווילסט אפשר וויסען, ווי דעם יודענס בגדים און מלבושים האָבען אויסגעזעהען! געה צו מענדעלע'ן און גיב אַ קוק'! איך קען נישט קיין איינציגען שריפטשטעלער, וועלכער האָט אונז אזוי אויספיהרליך בעשרי־בען די יודישע קליידונגסשטיק, ווי ער. דו געפינסט ביי איהם די קאַפּאָטע און דעם סורטוק, דעם קאַרטוז און דעם שטריימעל, די צאָהל נעהט און די פאָרם פונ'ם שפּאַלט ביים גאַרטעל, די פאָרם פון די ביינערנע און האָרענע קנעפּ, די זיידענע שבת־קאַפּאָטע, דעם פּערל, דעם אויסגעקראַכענעם פוטער מיט'ן געלען אונטערשלאַג, וואָס קוקט ארויס פון די לעכער, און מיט'ן אויסגעקראַכענעם קראַגען און מיט די סטראָקעס אין די עקען ארום און ארום; דו געפינסט ביי איהם די פאָרם פון דעם יודישען דאַמען־הוט מיט די ווינפערלעך און מיט'ן פויגעל און מיט די פעדערען, די פאָרם פון דעם האָר־באַנד פאַר פרומע יודענעס מיט די בענדער, וואָס זענען מיט אַ שפּיל־קע צוגעשטאָכען אָדער מיט אַ שלייף פערקניפּט אונטער דער גאָמבע, און די בענדער פלאַטערען אויף אַלע זייטען; דו האָסט ביי איהם די פּאַרוקע, וואָס גרייכט דער יודענע ביז טיעף אין די אויגען אריין און ביז צו די אייערען און דעם האַלז מיט די אוירינגלעך און פּערעל און בראָשקעס און עכטע אָדער נאָכגעמאַכטע בריליאַנטען צוזאַמען מיט דער זיידענער פעלע־רינע און מיט די קרויזען איינע איבער דער אַנדערער, און מיט'ן גלאַטיגען אויסגעפּלעטעטען שאַל־טוך און מיט'ן טערקישען טוך — דאָס עפּעל־טוך — וואָס די מחותנים פון חתנ'ס צד שיקען דער כלה אַ מתנה; דו זעהסט ביי איהם די יודען מיט די באָרוועסע פיס אָפּען ארויס מיט די קניען און מיט די אָרעמעס און מיט'ן האַריץ, אזוי אז ס'איז געגנוג פאַר זיי נאָר אַ סימן פון קליידער — עפּעס אַ שטיקעל זאַק, אַ שטיקעל הויזען און אַ שטיקעל צעפליקטע קאַפּאָטע, וויל אין דער יודישער גאַס מעג זיך דער יוד געהן אפילו אין אַ הוילען טלית־קטן, ארויס מיט דער ברוסט און אין צעריסענע זאָקען מיט הויזען אָפּען פון פאָרענט, און דער גאַנצער בגד מעג זיין אויס־געשמירט מיט פעטס פון קוגעל און טשאָלענט און פלעקען פון אייער־גע־לעכלעך צוזאַמען מיט דעם, וואָס ער רינט איהם פון מויל און נאָז, און אַ

קראַנץ פון בלאַטע הענגט איהם אונטען אַרום און אַרום, ביז עס ווערט אויס־
געטרוקנט און פאַלט אַראָב פון זיך אַליין. בכלל האָט דער יוד אויף זיך
נישט קיין בגדים, נאָר שמאַטעס, געפליקטע, געלאַטעטע שמאַטעס, אַזוי אַז
עס האָט זיך אויסגעבילדעט אין דער יודען־גאַס אַ טיפּ פון פליק־אַרבייט
פון אַלטע הויזען, קאַפּאָטעס, היטלען, מענער־קליידער און דאַמען־קליידער,
יאַרמאָלקעס, היטלען, מענטעלעך און טיילמאָלס אויך פאַנטאָפעל און שוך־
וואַרג.

ווילסט אפשר וויסען, ווי די הויז־כלים און ווי דאָס גאַנצע ביסעל
אָרימקייט פון אַ יודישער שטוב האָט אויסגעזעהן ? פרעג־אָן ביי מענדע־
לע׳ן. מענדעלע צייכענט אונז די יודישע שאַפע, דעם וואַנדזיינער, דאָס
בעטעל מיט זיין אייבּיגען כריקען ; ער צייכענט די סאָפקע, די קרומע און
לאָמע, וואָס קוים זי האַלט זיך נאָך, ביי וועלכער דער צו־אַטענער איבער־
צוג איז צעריסען און פון די לעכער קריכען אַרויס, ווי די קישקעלעך, שטי־
קער פאַקולעס און באַוועלנע קאָלטענעס און עפּעס אַ דראָט פון אַ צעבראָ־
כענער ספּרענזשינע, און זי האָט אַ בייכעל מיט גאַנצע בערג און מיט איינגע־
זונקענע מהאָלען ; ווען דער יוד פּרובט אַרויפקריכען אויף דעם דאָזיגען
געלעגער, הויבט זיך אָן די מוזיק פון אַ מאָדנער סקריפּעריי, און ער מוז אַ
מינוט לאַנג זיך אָבשטעלען און ער וואַגט זיך נישט אַ קעהר צו געבען, כדי
די דאָזיגע בייזע נישט מעהר נאָך צו דערבייזערען און דאַדורך איבערצו־
וועקען אַלע, וואָס שלאָפען שוין. און אַזוי צייכענט אונז מענדעלע אויך
אַלע מיני טישען און בענקלעך און בעזעמס און שויפלען און לאָפּעטעס
און מולטערס און שטויסלען און די אַנדערע כלי־מכשירים, וואָס די יודישע
בעל־הבית׳טע האָט אין איהר קיך. ער פערגעסט אויך נישט די פּיער פּאָר
קופּערנע לייכטערס, דעם הענגעללייכטער מיט די זעקס רעהרען, די צוויי
קופּערנע טעפּ און די פינף קופּערנע פאַנען, די צינערנע טעלער, וואָס זענען
אויסגע׳סדר׳ט אויפ׳ן געזימסעל, דעם טוץ טעמביקענע לעפעל, די צוויי קי
דוש־בעכער, דעם הדס, דאָס חנוכה־לעמפּעל און נאָך און נאָך.

און ווילסטו וויסען דאָס אויסזעהן פון דער יודישע גאַס אַליין — זיי
מוחל, קוק זיך איין ביי מענדעלע׳ן : די הייזער אַליין האָבען עפּעס אַ מאָד־
דעם פּאַסאָן. לויט זייער פּאַסאָן און זייער שטעהן איז צו דערקענען, אַז זיי
האָבען, אַ פּנים, נישט קיין שלום צווישען זיך : שטעהסט דו דיר אַרוים

אַביסעל פון דער רייהע — שטעה איך מיר דערפאַר, אויף צו להכעיס, אַריין אינעוועניג אַריין — האָב איך מיר, אויף צופּענקעניש, אַ ליטערעל פון אויסעווייניג, ניש'קשה ווער עס בעדאַרף, איז נישט חולה אַרויפצוקלעטערען; און הויבסט דו דיין צעבראָכענעם און משונה'דיגען דאַך אין הימעל אַריין — לעג איך מיינעם דוקא אין דער ערד אַריין, און ווועמען עס געפעלט נישט, האָט אַ ברירה נישט צו קוקען! — דאָס איז אָבער נישט אַלעס. פאַר די דאָזיגע הייזער אַליין האָבען מיר די רינשטאָקעס מיט די משונה'דיגע ריחות פון אַלעם אומריינעם, וואָס מען גיסט יעדען אָוועט אין זיי אויס. סאַמע פאַר דער נאָז, ביי די טהירען פון די הייזער, ליעגען גאַנצע בערג און בערגלעך מיסט און ביינער און פּערעיפּוש'טע איבערבלייבענישען פון עסענוואַרג. די חזירים, יענע פיינע בריות, וועלכע געפינען, ברוך־השם זייער פּרנסה בריוח אומעטום, נאָרען אַרום אין די דאָזיגע בערגלעך און מעלה־גרה'נען מיט אַ מאָדנעם כראָקען פאַר לויטער תענוג. נעבען זיי שטעהען אַלערליי הינד, אָרימע און הונגעריגע, בלינדע און לאָמע און פּערקאָלטאַנעוואַטע, און שנאַפּען אַרום אין יעדען ווינקעלע, און פּלוצלינג ווערט אַ גרויס געוואַלד, עפּעס אַ הונד האָט זיך צעווערטעלט מיט אַ חזיר און האָט איהם געביסען, און פון נאָהנט און פון ווייט קומען אָנצולויפען די קליינע הינטלעך און עס ווערט אַ געבילעריי אויף אַ האַלבע שעה אַרוים. נאָך מעהר: לויט דעם אומריינעם, וועלכעס שווימט אַרום אין דער נאָהנטער קאַלוזשע קענסט דו אַלעמאָל וויסען, וועלכער טאָג ס'איז אין דער וואָך. איז דער קאָליר פון דער קאַלוזשע געלבליך־גרוי און עס שווימען דאָרט אַרום שופּען פון פיש, קישקעלעך און שפּיץ־פּיסלעך פון היהנער און העהנער, אַביסעל האָר און אָבגעזענגטע קאָפּימעס — זייט וויסען, רבותים, אַז ס'איז פרייטאָג; נעהמט, זייט מוחל, אייער שעפּעל און אייערע ריטער און געהט אין מרחץ אַריין! שווימען אַרום אין דער קאַלוזשע שאָלען פון אייער, פון ציבעלעס און פון רעטעך, אָדערען פון לעבער, פּליספּעדערען פון הערינג און אויסגעסמאָטשקעטע ביינער — גוט שבת אייך, יודען, זאָל אייך דער קוגעל גוט בעקומען! און זעהט איהר דאָרט אַרומשווימען טשאָלענט־רעשטלעך, פערדאַרטע שטיקלעך טייג, אַ פערפוילטע שמאַטע און אַנ'אויסגעקראָכענעם בעזעם — האָט איהר אַ סימן, אַז ס'איז זונטאָג און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. דאָס יודישע עסענוואַרג פון דער גאַנצער וואָך שפּיגעלט זיך אָב

אין דעם קאָליר און אינ׳ם ריח פון דער קאַלוזשע; עס שפּיגעלט זיך דאָרט אָב דאָס יודישע לעבען.

און אזוי ווי מענדעלע לאָזט אונז איבער לזכר עולם דאָס בילד פונ׳ם אויסערען לעבען פונ׳ם יודען אינ׳ם רוסישען שטעדטעל אין דער ערשטער העלפט פונ׳ם 19־טען יאָהרהונדערט, אזוי לאָזט ער אונז איבער, אין אַ פיעל גרעסערער מאָס, דאָס אַלגעמיין־בילד פון די יודען אַליין אין דער דאָזיגער צייט; ער מאָלט אונז אַלע זייערע געשעפטען און פּרנסות און התנהגות און מעשים אינ׳ם לויף פון די 24 שעה פונ׳ם מעת־לעת דורך דאָס גאַנצע יאָהר, פון ראש־השנה ביז ראש־השנה — : אַלע יענע סוחרים און קבצנים און מעקלערס און קרעמערס און בעלי־טובות און תקיפים און ראשי־קהל און בעלי־טקסא און שתדלנים און כאַפּערס און חזנים און בעלי־תפילות און ישיבה־בחורים און משכילים און פּראַצענטיקעס און קליינע סוחרים און הענדלערס און הענדלעריקעס מיט מענשען־פּלייש און בעלי־בתים און לומ־דים און שוסטערס און שניידערס — עס איז כמעט נישט פאַראַן ביי יו־דען קיין איינציגער טיפּ, וועלכען מענדעלע זאָל נישט האָבען געמאָלט. דאַכט זיך, זייער צאָהל געהט אין די הונדערטער. און נישט נאָר טיפּען, נישט נאָר מענשען פונ׳ם אַלטעגליכען לעבען — אָפּט מאָלט ער אונז אויך אויס־נאַהמס פיגורען, „אָריגינאַלען” הייסט עס, מענשען וועלכע מען זעהט זיי נאָר זעלטען. מאַכען מיר די בעקאַנטשאַפט פון אזא מענשען, ווענען מיר איהם קיינמאָל נישט מעהר פערגעסען.

ווען מיר קוקען זיך צו צו דער רייכער געשטאַלטונגס־קראַפט פונ׳ם דאָזיגען שריפטשטעלער, ווי מערקווירדיג לייכט ער טאַקט פיגורען און פיהרט זיי אונז פאָר, ווי אָפט עס איז גענוג פאַר איהם, ווען ער לאָזט עפּעס אַ פאַר־שוין אַ מאַך געבען מיט דער נאָז אָדער אַ דרעה מיט׳ן גראָבען פינגער אָדער אַ ציה מיט׳ן שטערען און אַ לעבעדיגער מענש שטעהט פאַר אונז שוין פערטיג — קומט אונז דאַן אַ מאָדנער געדאַנק אין קאָפּ אריין: ווער ווייס, אויב דער דאָזיגער מענדעלע איז נישט געבוירען געוועז, אום צו ווערען איינער פון די גרעסטע שוישפּיעלער פון דער וועלט. זעהען מיר אָבער זיין קראַפט אינ׳ם מאָלען, הויבען מיר אָן צו גלויבען, אַז אפשר מעהר נאָך ווי אַ שריפטשטעלער שטעקט אין איהם דער מאָלער: אַ פּאָרטרעטיסט און אַ

לאַנדשאַפט־מאָלער. ער האָט דעם מערקווירדיגסטען זין פאַר ליניען און פאַר פאַרבען.

אין סך הכל זעהען מיר אָבער ביי מענדעלען נאָך אַנ'אַנדערע וואונ־דערליכע ערשיינונג: זיין ענטוויקלונגס־צייט האָט וואונדערליך לאַנג גע־דויערט — ווי ביי קיין שום אַנדערען שריפטשטעלער. מענדעלע איז נישט מיטאַמאָל געוואָרען דאָס, וואָס ער איז. ווען מיר דערמאָהנען זיך, למשל, אַז דער דאָזיגער שריפטשטעלער האָט אָנגעהויבען מיט אַנ'ערצעהלונג „למדו היטב" אָדער „האָבות והבנים", ווילט זיך כמעט נישט גלויבען, אַז פון אַ שריפטשטעלער, וועלכער האָט אַמאָל געשריבען די דאָזיגע זאַכען, האָט זיך געקאָנט אַמאָל אַרויסוויקלען דער דאָזיגער, וועלכער האָט אונז צום סוף געשריבען „שלמה ר' חיים'ס". מיר גלויבען נישט זאָגאַר, אַז דער, וועלכער האָט געשריבען „דאָס קליינע מענשעלע", און אפילו „די קליאַטשע", וואו ער איז נאָך געווען פובליציסט און מוסר־זאָגער, זאָל קענען זיין גע־וואָרען צולעצט יענער גרויסער קינסטלער, וועלכער האָט אונז געקאָנט אָנ־שרייבען „פישקע דעם קרומען" און „דאָס ווינשפינגערל". ווען מיר נישט אַ מינוט לאַנג זיך האַלטען ביי דער מיינונג, אַז, אום צו ווערען דאָס, וואָס ער איז געוואָרען, האָט ער געמוזט צוערשט אַלט ווערען? „אַזוי ווי עס פאַרהאָן געבוירענע יונגע־לייט, — זאָגט טאָמאַס מאַן אין אַנ'אָרט — וועלכע ווערען גיך פערטיג און וואַקסען נישט און מכל־שכן אַז זיי ווערען נישט אַלט, סיידען אין דעם זין וואָס זיי האָבען זיך אַליין אײנגאַנצען אי־בערגעלעבט, אַזוי זענען פאַרהאַן, ווי עס ווייזט אויס, נאַטורען, פאַר וועל־כע די אַלטערס־צייט איז די איינציג ריכטיגע און פאַסענדע, אַ מין „קלאַ־סישע זקנים", וואָס זייער בערוף איז צו ווייזען דער וועלט אויף דאָס פאָל־קאָמענסטע פון אַלע אידעאַלע מעלות פון יענע עלטערע יאָהרען, דעם טיפען בליק, דאָס פערשטענדניש פאַר אַלסדינג, דאָס שטרעבען גערעכט צו זיין אין אַלסדינג, דעם ריינעם הומאָר און די העכערע חכמה". צו די דאָזיגע זקנים, ווי עס ווייזט אויס, געהערט מענדעלע, ער האָט געמוזט לאַנג לעבען, ביז זיין נאַטור איז אינגאַנצען פערטיג געוואָרען. עס איז כאַ־ראַקטיריסטיש: זיין לעצט ווערק, וועלכעס ער האָט געשריבען שוין כמעט אַלס אַ זיבעציגער, איז גלייכצייטיג אויך זיין בעסט ווערק.

איבריגענס איז די דאָזיגע שווערע און לאַנגע ענטוויקלונג אויך דער

פראָדוקט פון דער צייט און פון דער אומגעבונג. שטעלט אייך נאָר פאָר: אין אַ העק, אַ גאָט־פערלאָזטען שטעדטעל אין דער ליטא, ווערט ביי יודען געבוירען מיט אזוי פיעל צעהנדליגער יאָהרען צוריק אַ גאָט־בעגנעדיגטער, גרויסער קינסטלער, אַנ'אמת'ער דיכטער. קיינער ווייס דאָס נישט, קיינער פערשטעהט דאָס נישט. ער אַליין, דורך אַ סך אַ סך יאָהרען, פערשטעהט עס פונקט אזוי ווענינ ווי די אַנדערע. ער ווייס נאָר, אז די וועלט איז אזוי ענג. און אָפט גאָר ווייס ער, אז זי איז אזוי ווייט. וויפיעל אזעלכע דיכטער־נאַטורען, מאָלער, מוזיקער און קינסטלער זענען אין גרויסע יסורים דער־שטיקט געוואָרען אין דער יודען־גאַס, און קיינער ווייס אפילו נישט, אז זיי זענען געווען? עס הענגט אָב פון טויזענד צופאַלען. דאָס קליינע יונגעלע האָט גע'חלום'ט און פאַנטאַזירט און געלאַכט און געוויינט — און דאָס לעבען האָט איהם געבראַכט צו גאָר וואָס אַנדערס. ער איז געוואָרען אַ יו־דישער בחור, אַ יודישער יונגערמאַן, ווי טויזענד אַנדערע, און נאָר דאָס הארץ האָט אָפט גענאַגט און מאָדנע געפּיקט. און געקומען איז אַ צייט, וואָס אַליין האָט ער געגלויבט, אז דאָס דאָזיגע, וואָס לעבט ביי איהם פער־באָרגען אין האַרצען, שטערט איהם אין לעבען, און ער האָט אַליין געפּרובט עס צו דערשטיקען יאָהרענלאַנג ווערט ער נאָך געוואָרפען, ווי אין אַ כף־הקלע, איינמאָל אהין און איינמאָל אהער, און צום סוף ווערט ער אַ שריי־בער, ווי צעהנדליגער אַנדערע אין זיין צייט, און ער ווייס נישט, אז ער האָט אין זיין מינדעסט נעגעלע מעהר טאַלענט ווי יענע אַלע צוזאַמען. זיין העכסט שטרעבען איז דענסמאָל, ער זאָל האָבען די זכיה און זאָל ווערען אזוי גרויס ווי איינער פון יענע „גרויסע”, ווי למשל גאָטלאָבער אַליין — און ער שרייבט מאמרים אינ'ם „המגיד” און ער רעדט וועגען דעם, וואָס אַלע אַנדערע רעדען, וועגען דעם „חינוך”, און ער טענה'ט וועגען דעם, וואָס אַלע אַנדערע טענה'ן, וועגען די „בילדונג”, און ער גיעט דעם עולם ווי־סענשאַפטען, ער גיעט זיי די „תולדות הטבע”, און ער זאָגט מוסר טאָג ווי נאַכט און ער איז אויפ'ן בעסטען וועג צו ווערען אַ שטיקעל לייט: אַ יודי־שער שרייבער, ווי איינער פון די דעמאָלסדיגע יודישע שרייבער. עס מאַכט זיך נאָר אַמאָל נאָך אַ שטיקעל סיבה, אז דער דיכטער אין איהם ווערט צייט־טענווייז וואָך און מאַכט איהם אַ שטיקעל שטריך אין דעם רעכנונג. עס

קומט אין מיטען דערין אַנ'עכט מייסטער־שטיק פון אַ קינסטלער־נאַטור. נישקשה; ער זוכט עס צו דערשטיקען. ער ווערט אַ מין ערצעהלער־פובליציסט, אַ מין דראַמאַטיקער־פובליציסט, אַ מין משורר־פובליציסט. ער קריעגט זיך מיט די בעלי־טובות און מיט דער טאַקסע און שרייבט אַלעגאָריעס און שרייבט זאַגאַר אַ „יודעלע" און אַ „פרק שירה". איינמאָל אָבער, אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען, פאַלען אַראָב די דאָזיגע שלאַקען און עס קריכט אַרויס דער קינסטלער פון גאַטס גנאָר, דער גרויסער און גאַנצער, און מיר זעהען איהם פול און גאַנץ. אַ הויכגעוואַקסענע קינסטלער־געשטאַלט ווי מיר האָבען ביז איצט איהר גלייכען נים געהאַט.

עס איז אַ מערקווירדיגע לעבענס־ענטוויקלונג. די איינצעלהייטען זענען בעלעהרענד.

II

קאַפּוליע. ווייסט איהר וואָס קאַפּוליע איז? עפּעס אַ גאַט־פערלאָזען געסט איז עס אין סלוצקער אויעזד, אין מינסקער גובערניע. דאָס איינציגע, וואָס אבראַמאָוויטש ווייס דערפון צו דערצעהלען, איז, אז „די נאַטור־ערהאַבענהייט איז איהר געגעבען געווען, וועלדער־פּראַכט און טהאָלען און שעהנע פעלדער האָבען זי אַרומגערינגעלט". דאָרט איז ער געבוירען. ווען? — דאָס איז ווידער אַביסעל יודישליך. דעם טאָג ווייס מען נישט גענוי, עס האָט איהם קיינער נישט פערשריבען, דען „אויף אַזעלכע קלייניגקייטען האָט מען דענסמאָל ביי יודען, און בפרט אין די קליינע שטעדטלעך, נישט געקוקט". עס איז נאָר „אַ קבלה אַזעלכע אין זיין פאַמיליע", אַז ער איז געבוירען אינ'ם יאָהר 1836 דעם 20־טען דעקאַבר. דער טאַטע, ר' חיים משה, איז אַ יוד אַ למדן, און דערביי קען ער אויך גוט לשון־קודש. דאָס קינד האָט אַ לעבהאַפטע פאַנטאַזיע און חלומ'ט אַסך און קלערט אַסך. נאַטירליך ווערט עס אוועקגעריסען פון די חלומות און אָבגעגעבען אין אַ חדר, וואו עס לערענט 12 שעה אַ מעת־לעת. די 8־שטונדען־אַרבייט איז אין יודישע חדרים נאָך נישט געווען איינגעפיהרט. אַלט זייענדיג ניין יאָהר, קען דער קליינער שלום־יעקב דעם גאַנצען תנ"ך אויסווענדיג. די ביבעל בעשעפטיגט טאָג און נאַכט זיין פאַנטאַזיע. פלוצלינג אָבער ווערט ער פון איהר אוועקגעפיהרט.

צו דעם „עוג מלך הבשן" פון אַלע ליטעראַטורען — צו דעם תלמוד. "דאָרט אָנקומענדיג, בין איך מיר פאָרגעקומען ווי איינער, וועלכער קומט צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען אויף אַ יריד: ער ווערט דערשראָקען, זעהנדיג די טויזענדער פערשידענע סחורות און כלים און געגענשטאַנדען, און ער ווערט פערטויבט פון דעם גרויסען געטומעל און גערודער. קונים לויפען, סוחרים רעש'ן, מעקלערס שרייען און אַלעס לויפט און פּילדערט... מיט מיין איינגעבוירענער נייגונג אַלסדינג צו פערקערפּערען, האָב איך געפּלעגט מיר לעבעדיג פאָרצושטעלען יעדען פאַרשוין, וועלכער קומט פאָר אין דער גמרא. דער תנא־קמא און דער האי־מאן־דאָמר האָבען זיך מיר פאָרגעשטעלט ווי אַ פּאָר שטאָלצע, בייזע יודען מיט פלאַמענדיגע פּנים'ער; די רישא, די סיפא און די מציעתא — ווי דריי יודענעס, וועלכע בייסען זיך און רייסען אַרום דעם גאַנצען טאָג; און ערשט די בוגרת און די אילונית און די נערה שנתפתתה און דער חרש, שוטה וקטן און דער זב מיט דער זבה, און אויך די צוויי, וועלכע האַלטען פעסט דעם טלית, און דער אָקס, וועלכער האָט געשטויסען די קוה, און דער שור המועד מיט'ן שור תם — אַלע, אַלע זענען מיר געשטאַנען לעבעדיג פאָר די אויגען, יעדער מיט זיין בעשטימטער, פעסטער געשטאַלט". — די הלכה האָט אויף דעם יונגען קינד אָנגעוואָרפען אַ טויט־שרעק, דען „איך האָב מיך געשראָקען פאָר די טורעמס, וועלכע פליהען אַרום אין די לופטען, און פאָר די בערג, וועלכע הענגען אויף אַ האָר, און פאָר די איבעריגע איבערנאַטירליכע וואונדער אויפ'ן פעלד פונ'ם האַרבען פּלפּול". אָבער „די אגדה איז פאָר מיינעטוועגען געווען אַ וואונדערליכער שפּאַציער־גאָרטען, וועלכען איך האָב ליעב געהאַט. נישט אַ פּאַרק איז געווען דער דאָזיגער גאָרטען, וועלכער איז פיין אָבגעטאָקט און ווערט פיין אָבגעהיטען, אַ פּאַרק מיט אַ פּאַרקען אַרום און מיט פערשלאָסענע טהירען און טויערען און מיט פיין אָבגעהיטענע פלאַנצען, יעדעס פלענצעל אויף זיין אָרט, וואו די נאַטור איז געבונדען אין קייטען דורך מענשליכע הענד. נאָר אַ ווילדער וואַלד איז דאָס געווען, אַ ווייטער, ווייטער וואַלד, אָהן אַ צוים און אָהן אַנ'אָרדנונג אַלע פלאַנצען און געוויקסען ווילד צונויפגעמישט. דאָרט זענען פאַרהאַן בלומען אָהן אַ צאָהל, ווילדע געוויקסען און צניעות'דיגע פעלד־בלימעלעך, אַלעס אויסגעמישט — די ליליע פון שרון און די רויז פון די טהאָלען זענען אַרומגעלינגעלט פון שטאַכעל־גראָז, און

טויזענד־פאַכיגע גרעזער און צעהנטויזענד־קאָליריגע בלומען־טעפּיכער גי־
סען זיך אויס פאַר'ן אויג. די פאַנטאַזיע שפּאַציערט זיך איך דעם דאָזיגען
גאַרטען אַרום פריי און ווילד און בעוואוסט וואונדער. ציטעטנווייז בייגט זיך
איין דער הימעל און שלעפּט אַראָב אויף דער ערד דעם געטליכען שטאַט
מיט זיינע צעהנטויזענד מלאכים, און צייטענווייז הויבט זי אַרויף אין דעם
הימעל אַריין דעם גאַנצען ערד־קוגעל און לאָזט מענש און מלאכים זיך קור־
שען".

די אגדה, די מדרשים און די וואונדער־מעשה'לעך און פערשידענע ספ־
רים האָבען די פאַנטאַזיע פונ'ם יונגעל געהאַלטען אין איין אויפרעגען ;
אָבער אויך דאָס אַבסטראַקטע לערנען, די סברא און די שאַרפע לאָגיק פון
דער הלכה האָבען געוועקט זיין שכל : „... פון איין זייט האָט זי (די גמרא)
געשאַרפט מיין שכל דורך דאָס קלערען און דורך די גראַדע סברא און האָט
מיך געמאַכט צום דענקער, וועלכער אונטערזוכט יעדע זאַך און ברענגט זי
אַרויס אויפ'ן שכל הישר, און פון דער אַנדערער זייט האָט זי אין מיין פאַנ־
טאַזיע אויפגעוועקט וואונדערליכע בילדער און האָט מיך פעהיג געמאַכט
פאַר דעם הייליגען גייסט פון דער מליצה". נישט דער ערך מעהר האָט דאָס
דאָזיגע לערנען געווירקט אויך זיין פאַנטאַזיע. זיין פאָטער האָט איהם גע־
פלעגט וועקען פאַרטאָגס, איידער דער מאָרגענשטערען איז אויפגעגאַנגען,
און זיי זענען ביידע מיט אַ זיסען חשק געגאַנגען אין בית־מדרש אַריין, דאָס
פריה־אויפשטעהן, און בפרט אין דער ווינטער־צייט, איז אַביסעל שווער
אָנגעקומען דעם יונגען קינד, דערפאַר אָבער איז דאָס פערגעניגען אַ פאַר
מינוט שפּעטער געווען אונגעווענדליך. אַבראַמאָוויטש דערצעהלט אונז דעם
איינדרוק, וועלכען דאָס דאָזיגע פריה־אויפשטעהן האָט אויף איהם געמאַכט.
„אַ געטליכע שטילקייט אין אַלע גאַסען. די גאַנצע שטאָדט איז פערזונקען
אין שלאָף. די לבנה און די שטערען אויף זייער וואַך אין הימעל סוד'ען
זיך — און איך האָרך און האָרך. דערנסמאָל האָב איך געזעהן גאַנץ דייט־
ליך דעם מלאך גבריאל, אויסרופענדיג און אָנזאָגענדיג אינ'ם טויער פון
הימעל די שטונדען פון דער נאַכט. די מלאכי־צבאות שוועבען און שוועבען,
און הויבען־אָן זיס צו זינגען. באַלד דערויף ווערען די טויערען פון גן־עדן
מיט אַ גרויסען רעש געעפענט, און דער גאָט פון כבוד קומט אָן. די בני־אלים
דערבליקען דעם מלך פון דער הייליגקייט, בלייבען זיי פערציטערט שטיל,

יעדער ביי זיין מחנה, יעדער ביי זיין פאָהן, עס ריהרט זיך נישט קיין פליע־געל, עס בעוועגט זיך נישט קיין ליפּ. פּלוצלינג דערלאַנגט גאָט אַ שטורם מיט כוח, דער אויבערשטער לאָזט הערען זיין שטים אין אַ געוויין. ער וויינט ביינאַכט אויף זיין בית־מקדש, וועלכער איז חרוב, אויף ירושלים זיין פּראַכט־שטאָדט, וועלכע איז פערוויסט, אויף זיין פאָלק, די טייערע ציונ׳ס קינדער, וועלכע בלאָנדזשען אַרום, און אויף די אָרימע שכינה, וועלכע געהט מיט זיי צוזאַמען אין גלות און ליידט מיט זיי צוזאַמען. יעדעס אויג לאָזט אַרויס אַ טרעהר — און דאָס איז דער טוי אויף ערד און די נאַכט־ראָסע אויף מייִנע לאָקען... און ווען עס דערהערט זיך דאָס דאָזיגע געוויין פון גאָט, ציטערען די צדיקי־עולם און זיי וויינען ביטער צוזאַמען מיט די מלאכי־השלום. איך אַליין אָבער בין פול מיט גרויס הייליגקייט און איך נעהם זיך צום לערנען מיט׳ן גאַנצען חשק. מיט אַ זיס קול׳כעל הויב איך אָן מיין גמרא און זינג מיר מיין שיעור. איך האָב ליעב גאָט׳ס תורה און וויל וויסען אַלע סודות פון דער גמרא, די אָדערען אויף מיין שטערענדעל ווערען מיר אָנגעשוואָלען און איך קלער טיעף אַריין אינ׳ם לערנען". — דער דאָזיגער איינדרוק מוז זיין געווען אַ זעהר מעכטיגער, דען נאָך אין איינער פון זיינע לעצטע ערצעה־לונגען, אין „שלמה ר׳ חיימ׳ס", קעהרט ער זיך צו איהם צוריק און שיל־דערט איהם נאָך ברייטער און שטאַרקער.

מיר אָבער קענען און פערשטעהען די דאָזיגע וואונדערליכער סימנים: די נשמה פונ׳ם דיכטער הויבט־אָן צו דערוואַכען.

און דאַן ווידער... „מיין ליעבסטע האָב איך אינ׳ם געדיכטען וואַלד געזוכט, אין דעם שטילען שאָטען, אויף דער גראָז־לאָנקע און ביים רוהיגען וואַסערעל, און זי האָט מיר דאָרט איהר גאַנצען אוצר געוויזען און האָט זיך געשפּיעלט מיט מיר אומעטום. איך בין איהר נאָכגעשפּרונגען אויף די בערג, נאָכגעקלעטערט אויף די בוימער, און בין געזעסען מיט איהר ביי דער שאָף־פּאַשע און מיר האָבען זיך איינגעהערט צו דעם ליעבליכען בלעקענען פון די סטאַדעס. די נאַכטיגאַל האָט מיר איהרע ליעדער געזונגען און די טורטעלטויב האָט מיר, צוזאַמען מיט טויזענד אַנדערע פויגעל, די מוזיק געמאַכט; זיי האָבען מיר דאָס ליעבעס־ליעד געזונגען פאַר מיין שענסטע, די מאַכטער פון גאָט, וועלכער בעשאַפט דאָס אַלעס. און די ליעבע, וועלכע האָט מיר אין האַרץ געברענט ווי אַ פייער, איז געווען אַ ליעבע פון לויטער

גייסט, איינגאנצען אהן א פליוט, עפּעס הייליגעס, איינגאנצען אהן א קערפּער א פערבארגענע ליעבע צו אלדאס גוטס, צו אלדאס שעהנע און ערהאבענע, וועלכע דערפרעהט דעם מענשען און מאכט איהם קליין און מאכט איהם גרויס און לאזט איהם ווערען גוט און איידעל און לאזט איהם ליעב האבען אלע מענשען"...

אוי, אוי, קענען מיר און פערשטעהען מיר די דאזיגע סימנים!

דאס שטעדטעל אבער, וואו דאס קינד האט געלעבט מיט זיינע עלטער־רען, איז געוועזען עפּעס א פערווארפענער העק... „אנ׳איינזאם נעסט אין א גאט־פערלאזענעם ווינקעל, און איך אב אין מיין תמימות געגלויבט, ווי א היהנדעל אין דער אייערשאל, אז באלד הינטער קאפּוליע, פוןביידע זייטען, הויבט זיך אן דער מדבר מיט די „הרי־חושך" און מיט דעם „סמבטיון" און מיט די שלאנגען און עקדישען און די איבעריגע משונה׳דיגע חיות. די קליינע הייזער אין מיין שטעדטעל זענען מיר פארגעקומען ווי פּאלאצען, און די שוהל און דער קלויז ביי אונז — ווי זיי וואלטען נישט האבען זייער גלייכען. די „פּני" אין שטאדט, האב איך געמיינט, זענען די איידעלסטע בעשעפעניש און די קלוגסטע אויף דער גאנצער וועלט, און ווער שמועסט, ווען זיי האבען געהאט לאנגע בערד און א שעהנעם שטעל, דען דענסמאל האב איך געגלויבט, אז וואו זקנה, דא תורה און חכמה, און ווער עס האט א קוה אדער א ציעג, דער איז רייך ווי קורה. דער שופר און די קאטערינקע, וועלכע האט צופעליג פערבלאנדזשעט צו אונז ווי עפּעס א וואונדערליכע זאך, און די איינפאכע כלי־זמר, מיט וועלכע מען האט געפלעגט שפּיעלען ביי אונז אויף חתונות, האבען זיך מיר אויסגעוויזען ווי דאס שענסטע און העכסטע, און איך האב געמיינט, אז עפּעס בעסערס איז שוין גארנישט פאראן. אוי, ווי ערהאבען מוז זיין דער בעל־תוקע, וועלכער קען די קונץ פון בלאזען, און נעהמט ביי יעדערען ארויס די נשמה מיט זיינע וואונדערליכע קשר׳ק׳ען!..."

דער פאטער שטארבט איהם, ווען ער איז א יונגעל פון א יאהר 14—15, און די צייט פון עלענד און נויט הויבט זיך אן. ביי דער מאמען, דער אריימער אלמנה, קען ער נישט לענגער בלייבען, און די נאהנטסטע קרובים שיקען איהם אין די ישיבה אריין, „כדי עס זאל נישט ווערען פון איהם קיין פּוסט־און־פּאסטניק". אין דער ישיבה אין סלוצק לערענט ער ביי דעם בעוואוסטען ר׳ אברהם־ברוך, דאן ווערט ער דער תלמיד פונ׳ם ראש־ישיבה,

דעם חריף ר' מיכל מ"ס. שפּעטער לערענט ער אין ר' יונה'ס בית־מדרש ביי ר' אברהמ'עלע. ער מאַכט־דורך דעם גאַנצען בעקאַנטען קורס: שלאָפט אויף דער באַנק אינ'ם בית־מדרש, עסט ברויט מיט זאַלץ און קריגט אַמאָל א „טאָג" אויך. דאַן קומט ער קיין ווילנא און לערענט ביי דעם בעריהמטען ר' סענדערעל אין ר' מעלה'ס ישיבה און דאַן אויך אין גאונ'ס בית־מדרש. דערווייל האָט די מוטער צום צווייטען מאָל חתונה געהאַט; איהר מאַן האָט געהאַלטען אין אַרענדע די מיהל אין א דאָרף נישט ווייט פון קאַפּוליע — און שלום־יעקב האָט זיך אומגעקעהרט צו דער מוטער אין דאָרף אריין און האָט דאָרט געלערנט מיט דעם שטיעף־פאָטערס יונגלעך, אום נישט בחנם ברויט צו עסען. און ווידער הויבט זיך אָן די אַלטע מעשה —: „דאָרט, וואו מיין שטיעף־פאָטער האָט געוואוינט, זענען געווען וועלדער אַרום און אַרום, גרויסע, אַלטע וועלדער מיט אַלערליי חיות. ביינאַכט האָבען די הונ־געריגע וועלף געשריגען און אויך דער בער האָט זיך אָפּט בעוויזען פויגעל האָבען שטענדיג געזונגען, און די וואסער־עופות האָבען פון געמויזעכץ ליעבלעך אונטערגעהאַלטען. דורכען וואַלד האָט זיך געשלענגעלט א גרויסער טייך און איז דערגאַנגען ביז צו דער מיהל. דאָרט האָט ער זיך צעגאָסען אין א מעכטיגען וואסער־שטאָרץ און האָט מיט געוואַלדיגען רוי־שען געדרעהט די רעדער, אז פונ'ם גערויש פון דער מיהל און דעם גע־ברויז פונ'ם וואסער האָבען די אויערען געקלונגען".

און דאַן ווידער: — „אין דעם דאָזיגען איינזאַמען, פערלאָזענעם ווינ־קעל איז מיר מיין מוזע ערשיענען... מיט כשוף האָט זי מיך געצויגען, איך זאָל איהר נאָכגעהן אין וואַלד אריין ביז אונטער דעם גרינעם בוים, וואו עס איז שטיל און הייליג. מיט די וואַלד־בוימער האָט זי מיר א בונד געשלאָסען און מיט די פויגעל פון הימעל און מיט די חיות האָט דאָס יונגעל געמאַכט זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּראָבעס: א ליריש געדיכט איבער די שעהנקייט פון דער נאַטור, ווי „דער טייך פּלאַפּעלט צו איהם און דער ווידער־קול פון וואַלד ענטפערט". אָבער אויך דער שפּאַט האָט איהם שוין יענע טעג געגומען און ער האָט אָנגעשריבען א מין דראַמא אין גראַמען אין דער פאָרם פון לוצאַטאָ'ס „לישרים תהלה", אָבוואָהל „איך האָב דענסמאָל גאָרנישט גע־וואוסט, וואָס א דראַמא איז, און איך האָב קיינמאָל נאָך אַזעלכע ספרים נישט געהאַט געזעהען". זעלבסטפערשטענדליך האָבען די אַלע פּראָבען קיין שום

ליטעראַרישען ווערט נישט געהאַט, אָבער אויך אין זיי איז שוין געווען צו דערקענען די צוויי גרונדשטריכע פון זיין אייגענטליכען טאַלענט: זיין נייגונג צום ליריזם און זיין נייגונג צו דער סאַטירע.

באַלד אָבער האָט עס איהם אָנגעהויבען ציהען און ער האָט אַליין נישט געוואוסט וואו אהין, און ער האָט נישט געקענט מעהר איינזיצען אויף איין אָרט. ער האָט זיך אומגעקעהרט קיין קאַפּוליע. אין קאַפּוליע האָט ער אָנגעטראָפען איינעם אַ בעטלער, מיט'ן נאָמען אברהמ'על כראַמאַי (אַ זכר אויף „פישקע דער קרומער"). דער דאָזיגער בעטלער איז אויסגעווען אַ האַלבע וועלט, און מיט זיינע מעשיות וועגען ווייטע שטעדט און וואונדערליכע מדינות — למשל, וועגען וואָהלין — האָט ער אויפגעקאָכט די פאַנטאַזיע פונ'ם יונגען קינד. זיין נשמה האָט איהם געצויגען צו עפּעס אַ פאַנטאַסטיש־ראָמאַנטיש לעבען אין ווייסטע צווישען פרעמדע בעשעפענישען, און ער האָט בעשלאָסען זיך צו לאָזען מיט'ן דאָזיגען ר' אברהמ'על אין די וועלט אריין (אנ'אָנגעהערעניש צו „מסעות בנימין השלישי"). שטעדט און שטעדטלעך האָבען זיי צוזאַמען דורכגעוואַנדערט דורך ליטא און דורך דעם גאַנצען דרום־מערב־קאַנט פון רוסלאַנד, איבער וואָהלין, אוקראַינע און פּאָדאָליע" און גענעכטיגט האָט מען אין אַ „הקדש" אָדער אין אַ בית־מדרש (אביסעל „פישקע דער קרומער" און אַביסעל „קליין מענשעלע") און גע־גאַנגען איז מען איבער די הייזער. אויף דער דאָזיגער נסיעה, אינ'ם צעבראָ־כענעם וועגעלע מיט דער אָבגעשונדענער שקאַפּע, איז געלעגט געוואָרען דער גרונדשטיין צו מענדעלע מוכר־ספרים'סביידעל מיט דער קליאַטשע, מיט וועלכער ער פאָהרט־דורך איבער'ן גאַנצען יודישען תחום אין דער לענג און אין דער ברייט. דער יונגעל איז געוואָרען אין די הענד פונ'ם קרו־מען שנאָדער נישט קיין שלעכטער עסק צו קלייבען נדבות און, כדי דאָס געשעפט נאָך צו פערגרעסערען, האָט ער איהם געוואָלט פערקויפען אויך פאַר אַ חתן (מאַטעריאַל פאַר פערשידענע עפּיזאָדען אין „ווינשפינגערעל"). „שפּעט ביינאַכט האָט אברהמ'על פערשלעפּט זיין פּאַרשוין אין אַ פּוסטע קרעטשמע, וואָס האָט זיך געפונען ווייט פון דער שטאָדט, אין אַ העק, וואו קיין לעבעדיגען מענשען האָט מען נישט געזעהן. די קרעטשמע איז געווען אָהן פענסטער, אָהן טהירען, נאָר עפּעס אַנ'אַלטע חורבה, וואו קיין מענשען האָבען שוין הונדערט יאָהר נישט געוואוינט... פּלוצלינג האָט אָנגעהויבען

שטאַרק דונערען און בליצען, דער הימעל האָט זיך געעפענט און עס האָט געכליאַפּעט דער רעגען ווי פון אַ צעבער. די גאַנצע קרעטשמע האָט גע־שוואומען אין וואַסער אָט־אָט, האָט אויסגעוויזען, ווערען אַלע דערטרונקען, און אָט פון איין ווינקעל פאַלט גאָר איין די גאַנצע קרעטשמע, וועלכע שטעהט אַזוי אויך אויף היהנערשע פיסלעך" — אין אַזאַ מינוט האָט דער בעטלער געסטראַשעט דעם יונגעל, אַז ווען ער וועט זיך עקשנ'ען און וועט נישט ווערען אַ חתן פאַר דעם מחותן. וועלכען ער האָט פאַר זיינעטוועגען אויסגעזוכט אין דער שטאָדט, וועט ער איהם לאָזען דאָ אַליין אויפ'ן פעלד. אין עטליכע טעג אַרום איז דער קליינער שלום־יעקב געבליבען איינער אַליין, פערלאָזען אויפ'ן פעלד, נישט וויסענדיג, וואו איין וואו אויס. מיט גרויס מיה האָט ער זיך געשלעפּט, ביז ער איז געקומען קיין קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק. דאָרט האָט ער געפּרובט ווערען אַ משורר ביי אַ חזן (עפּיזאָד פון „קליין מענשעלע"). דאַן איז ער אין דער דאָזיגער שטאָדט געזעסען אין בית־מדרש און האָט געלערענט תורה, און אַלע לומדים אַרום און אַרום האָבען געקוקט אויף איהם מיט גרויס דרך־ארץ. דאָרט איז ער בעקאַנט געוואָרען מיט אַנ' אַלטען מאַן, אַ זעהר אָנגעזעהענעם אין דער גאַנצער שטאָדט צוליעב זיין יראת־שמים און זיינע מעלות און מדות (דער אָריגינאַל פון ר' אברהם אין „ווינשפינגערעל"). דער דאָזיגער אַלטער האָט דעם יתום ליעב בעקומען, און האָט איהם גע'עצה'ט, ער זאָל, וועיל ער קען גוט לשון־קודש, אַריינ־געהן אַמאָל בסוד צו איינעם אַ געלעהרטען משכיל, וועלכער וואוינט הינטער דער שטאָדט (עפּיזאָד פון „קליין מענשעלע"). דער קליינער אבראַמאָוויטש האָט איהם געפאָלגט און איז דאָרט אַהין געגאַנגען. דער דאָזיגער משכיל איז געוועזען דער העברעאישע דיכטער **אברהם־בער גאָטלאָבער**.

קיין גליקליכער צופאַל האָט שוין נים געקאָנט זיין אין דעם יונגען אבראַ־מאָוויטש'עס לעבען, ווי דאָס דאָזיגע אַריינגעהן אין דעם דאָזיגען הויז — אָבער גלייכצייטיג האָט פאַר איהם אויך קיין אומגליקליכערער צופאַל נישט געקאָנט זיין, פון איין זייט איז ער דאַדורך געקומען דירעקט און אָהן אַסך אומוועג צו דער ליטעראַטור, פון דער אַנדערער זייט אָבער איז ער דאַדורך פערשלעפּט געוואָרען אין אַ ריכטונג, פון וועלכער ער האָט זיך גאַנצע צעהנד־ליגער יאָהרען נישט געקאָנט בעפרייען. ווער ווייס: ווען דער צופאַל וואָלט אבראַמאָוויטש'ען דענסמאָל גראָד האָבען געבראַכט אין אַ קרייז אַריין, וואו

מען וואָלט איהם האָבען אויפגעמאַכט די אויגען אויף זיין אייגענטליבען ווערט און אויף דעם אמת'ען געטליכען פונק, וועלכער לעבט אין איהם, ווער ווייס, זאָג איך, אויב דער דאָזיגער אַבראַמאָוויטש וואָלט נישט האָבען אונז געגעבען זיינע מייסטער־ווערק שוין אין ערשטען פּעריאָד פון זיין שריפטשטעלעריי. אַזוי אָבער האָט ער ערשט געמוזט דורכמאַכען דעם גאַנ־צען גלגול־מחילות פון דעם יודישען מחבר־ליטעראַט פון דער דעמאָלסדי־גער צייט!

מיט'ן אריינקומען אין גאָטלאָבער'ס הויז הויבט זיך אָן אַ ניי קאַ־פּיטעל פון אַבראַמאָוויטשעס לעבען. אין דעם דאָזיגען הויז האָט ער געפו־נען אַן'אוצר פון ספרים, וועלכע ער האָט געשלונגען ווי אַ הייס־הונגעריגער. גאָטלאָבער'ס טאָכטער האָט איהם דעם ערשטען אונטעררי‌כט געגעבען אין רוסיש און דייטש, און ביי איהר האָט ער געלערענט אויך די אָנפאַנגען פון אריטמעטיקאָ. אין יאָהר 1856 האָט ער געמאַכט זיין עקזאַמען אַלס לעהרער און איז אָנגעשטעלט געוואָרען אַלס קאַזיאָנע לעהרער אין דער שטאָדטי־שער שולע. ארום יענער צייט האָט ער געדרוקט אינ'ם „המגיד" זיין ערשטע ארבייט: אַנ'ארטיקעל וועגען חינוך און אַז יודען דאַרפען לערנען רוסיש און דאַרפען קענען וויסענשאַפט. דאַן איז ער אריבערגעפאָהרען קיין בערדיט־שעוו, און דאָרט האָט ער אָנגעהויבען זיין ליטעראַרישע קאַריערע. ער האָט געשריבען זיינע קריטישע בראָשורען „משפט שלום" און „עין משפט". אינ'ם גייסט פון יענער צייט האָט ער פערפאַסט, פריי לויט לענץ, אַ העַ־ברעאישע זאָאָלאָגיע אין דריי חלקים מיט'ן נאָמען „תולדות הטבע". אין יאָהר 1867 האָט ער אָנגעשריבען זיין ערשטע ערצעהלונגעל מיט'ן נאָמען „למדו היטב". און אַ יאָהר שפּעטער האָט ער עס פערגרעסערט און האָט עס געדרוקט מיט'ן נאָמען „האָבות והבנים" (1868) — די ערשטע בעלעטריסטי־שע פּראָבען.

אביסעל שפּעטער געהט אַבראַמאָוויטש אריבער צו אַ מין נייער טע־טיגקייט. ער הויבט־אָן. אונטער דעם פּסעוודאָנים „מענדעלע מוכר־ספרים", צו שרייבען אויף יודיש פאַר די גרעסערע מאַסע, „אום נוצען צו ברענגען": אום זיי אויסצובעסערען און אום זיי צו בעלעהרען. ער שרייבט „דאָס קליי־נע מענשעלע" — אַנ'ערצעהלונג, וועלכע ווייזט אין אָנהויב (די מעשה

מיט דעם קליינעם מענשעלע, וועלכער זיצט אינ'ם מענשענס אויג) די שענסטע פּאָעטישע קוואַליפיקאַציעס, וועלכע ווערט אָבער דאַן אַ שטרייטשריפט געגען די ראשי־הקהל, די קליינע מענשעלעך, אין די קליינע רוסישע שטעדט. דאַן שרייבט ער די ערשטע פּראָבע פון „פישקע דעם קרומען”, און דאַן, „די טאַקסע” — די שאַרפסטע קריטיק געגען אונזערע תקיפים, די שטאָדט־בעלי־טובות. צוליעב דעם דאָזיגען בוך מוז ער עוקר זיין פון בערדיטשעוו, וואו ער האָט דאַן געוואוינט, ווייל די דאָרטיגע ראשי־קהל האָבען זיך געפונען בעליידיגט, און ער בעזעצט זיך אין זשיטאָמיר, וואו ער האַלט עקזאַמען און ווערט לעהרער אין דער דאָרטיגער ראַבינער־שולע. אַרום יענער צייט שרייבט ער „די קליאַטשע” — דאָס מערקווירדיגע בוך, אין וועלכען ער האָט, ווי נאָך קיין שום צווייטער שריפטשטעלער ביי אונז געפיהרט דעם קאַמף געגען אַלע אונזערע בעדריקער אין דרינען און אין דרויסען. עס איז די גיפטיגסטע סאַטירע אויף דעם לעבען פון דער כנסת־ישראל. און דערביי ווערט דאָס בוך געטראָגען פון אַ דיכטער־פאַנטאַזיע, ווי זי איז ביי אונז איינציג. דעם קינסטלער אָבער אינ'ם מאָדערנעם זין דערקענט מען נאָר אין דער וואונדערבאַרער קראַפט פון נאַטור־שילדערונגען און פּייזאַזשען. דאַן האָט ער געפּרובט שרייבען אויך עטליכע לייכטע זאַכען אין גראַמען („יודעל”, זמירות ישראל” און „פרק שירה”). באַלד דערויף האָט ער געשריבען די ערשטע פּראָבע פון זיין שאַרפער סאַטירע „מסעות בנימין השלישי” — די געשיכטע פון אַ יודישען מין דאָן קישאָט, און דאַן ווידער אַ דראַמאַ מיט'ן נאָמען „דער פּריזיוו”. אין יאָהר 1881 איז ער אַרויסגעפאָהרען קיין אָדעס, וואו ער איז אָנגעשטעלט געוואָרען אַלס פיהרער פון דער דאָרטיגער תלמוד־תורה.

און ווידער איז אַבראַמאָוויטש איבערגעגאַנגען צו עפּעס אַ נייעס. ער האָט אָנגעהויבען אין זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט זיך צו ווייזען פון אַ נייער זייט: פון אַ ריין קינסטלערישער. ער האָט אָוועקגעלאָזט דאָס פּאָלעמישע און דאָס פּובליציסטישע און דאָס קריטישע און איז געקומען צו זיין העכסטער פאָרם, צום ריין קינסטלערישען. אַרום יענער צייט האָט ער געשריבען, צום גרעסטען טייל אויף העברעאיש, די מייסטערהאַפטע קליינע ערצעהלונגען, דעמאָלס האָט ער אויסגעאַרבייט, גלייכצייטיג אויף יודיש און אויף העברעאיש, יענע פיער גרויסע ערצעהלונגען, וואָס וועלען בלייבען

אויף אייביג אַ שאַץ אין אונזער ליטעראַטור: „פישקע דער קרומער", „מסעות בנימין השלישי", „דאָס ווינשפינגערעל" און „שלמה ר' חיים'ס"! צום ערשטען מאָל האָבען יודישע לעזער געזעהען אַזעלכעס, וואָס זיי האָבען נאָך קיינמאָל נישט געזעהען: אַ קינסטלער מאָלט זיי דאָס לעבען פון דעם עלענדען פאָלק אין קאַבצאַנסק און אין גלופּסק און אין טונעיאַדאָווקע — כל ישראל איז איין קבצן. די צרה איז אַ צרה, פון וועלכער עס איז קיין אַנטרינען נישטאָ. עס איז אַ פערשאָלטען גלות־לעבען, אַ הינטיש לעבען...

קוקט מען צוריק אויף די שריפטשטעלערישע טעטיגקייט פון אַבראַמאָוויטשען, זעהען מיר זי פאַר זיך איינגעטיילט שטרענג אין דריי פעריאָדען.

אין ערשטען פעריאָד: עס נוצט איהם נישט זיין גאַנצער טאַלענט און זיין גאַנצע פּאָעזיע; די דעמאָלדיגע צייט מאַכט איהם פאַר אַ שרייבער, ווי הונדערט אַנדערע זענען געווען, מיט דיזעלביגע ציעלען און דיזעלביגע וואונשען. ער שרייבט זיינע מליצות, ער האַלט מלחמה מיט די „מורדי אור" און מיט חסידים און חסידות, ער שרייט געוואַלד, אַז מען מוז לערנען וויסענשאַפטען, און וועלכע צרה עס זאָל נישט זיין געקומען אויף יודען אין זיין לאַנד, ווייס ער, אַז עס איז נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבען זיך נישט געבילדעט. זאָלען זיי זיך נאָר בילדען — וועלען זיי באַלד און גיך געהאָלפען ווערען. אַרום יענער צייט שרייבט אַבראַמאָוויטש זיין „משפט שלום", „האָבות והבנים" און קאָמפּילירט אַ נאַטורוויסענשאַפטליך ווערק „תולדות הטבע".

אין צווייטען פעריאָד ווערט אַבראַמאָוויטש בעל־מלחמה און מאַראַליסט. די איינגעבוירענע פּאָעזיע און דער מערקווירדיגער זין פאַר נאַטורשעהנהייטען שטערען אפילו אַביסעל; אָבער נישקשה, ער שטרענגט זיך אָן, זיי אַנטשוויגען צו מאַכען, ווי ווייט ער קען נאָר. „די קליאַטשע" — ווען מען זאָל בעזייטיגען פון איהר די פילע שעהנע, לירישע שטעלען, וועלכע זענען טיילמאָלס אמת'ע פּערעל פון פּאָעזיע, און די וואונדערבאַרע בעשרייבונגען פון נאַטור־שעהנהייטען, וועלכע זענען אָפטמאָל גאַנצע אוצרות פון קונסט, בלייבט אונז איבער אַן'אַפּאָלאָגעטיש־פּובליציסטישע שריפט מיט מערקווירדיגע טענדענצען. „מיט וואָס פאַר אַ יושר קען מען — פרעגט ער פשוט — יענעם נישט לאָזען עסען, אָטעמען פריי, סיידען ביז ער וועט

זיך אויסלערנען עפּעס קונצען? איטליכעס בעשעפעניש, וואָס ווערט גע־
בוירען, איז קודם־כל אַ לעבעדיגע זאַך, פערזאָרגט פון דער נאַטור מיט אַלע
חושים, מיט אַלע אברים, טאַקי נאָר פון זיינעטוועגען, בכדי דורך זיי צו
בעקומען אַלסדינג, וואָס עס בעדאַרף נויטיג האָבען צום לעבען"... „איך
בין דיר מוחל דיין רחמנות! — רופט ער אויס אין אַנ'אַנדער אָרט — איך
וויל נישט, אַז דו זאָלסט אויסאַרבייטען, מען זאָל מיך נישט אַזוי פּלאָגען,
מען זאָל מיר געבען מיין בעדערפעניש צו דערהאַלטען די נשמה, טאַקי נאָר
גלאַט פאַר רחמנות, ווייל עס איז פשוט אַ צער־בעלי־חיים. איך וויל אפילו
נישט, דו זאָלסט אויסבעטען פאַר מיר אַלע נויטיגע זאַכען צום לעבען און
מהאי־טעמא, וואָס מען האָט און מען קען האָבען פון מיר נוצען. דאָס זע־
נען אַלטע מעשיות, אַלטע ליעדלעך, וואָס איך האָב זיי שוין געהערט אין דער
וועלט זינגען אין פערשידענע צייטען". דער שטאָלצער טאָן און די גאַנצע
האַלטונג דערמאָהנען אונז אביסעל גבריאל ריעסער, לודוויג בערנע און
זייער גלייכען. אביסעל וויטער הערען מיר דאָס דאָזיגע אין נאָך אַ שאַר־
פערער פאָרם: „איך וויל גאַרנישט הערען קיין רחמנות, קיין קונצען, איך
בין ווי אַלע אַנדערע, אַ לעבעדיג בעשעפעניש און האָב ווי זיי אַ פּראַווע, דאָס
רעכט צו לעבען. האָט יענער אויף מיר רחמנות, הייסט עס אַזוי פיעל, ווי
איך לעב נאָר אין זיין זכות, ער האָט יאָ דאָס רעכט צו לעבען און איך נישט:
אינגאַנצען וואָס איך האַלט מיך, וואָס איך זשיפּע, האָב איך עס צו פער־
דאַנקען איהם, נאָר איהם, אין דער צייט, אַז מיר ביידע זענען גאַנץ גלייכע
בעשעפעניש מיט איינערליי בעדערפעניש. לאָזט מיך יענער לעבען, ווייל איך
ברענג איהם נוצען, הייסט עס אַזוי פיעל, ער איז דער תכלית, דער עיקר
דען איך לעב נאָר, מחמת דער מיט טויג איך איהם. פאַר מיר אַליין וואָלט
איך נישט בעדאַרפט גאָר בעשאַפען ווערען. איך וויל אָבער לעבען גלייך
ווי אַנדערע, גלאַט ווייל איך בין אויך אַ בעשעפעניש פאַר מיר"... „אין דער
וועלט הערשט איין געזעץ פאַר אַלע בעשעפעניש, פאַר אַלע מענשען גלייך,
אַזאַ געזעץ, וואָס קיינער יהיה מי שיהיה, איז נישט אימשטאַנד עס איבער־
צומאַכען, וואָס אַקעגען איהם העלפט נישט קיין שרייען, קיין רעדען, קיין
דרשות און קיין שום מיטעל; אַזאַ געזעץ, וואָס איז שטאַרקער פון אַלע
שטאַרקע, מעהר עקשן פון אַלע עקשנים, וואָס אַז מען שטעלט זיך איהם
אַקעגען, זוכט עס זיך אויס טויזענדער אַנדערע וועגען. טויזענדער המצאות

און הסברות, כדי זיך צו דערהאלטען — איך מיין דעם דאָזיגען בעקאַנטען געזעץ, וואָס אלע ווילען עסען, וואָס איטליכער וויל דערהאַלטען זיין לעבען, עס מעג זיך זיין אויף וועלכען אופן, מיט וועלכע מיטעל עס וויל זיך" — אין דעם דאָזיגען פעריאָד רעדט אבראַמאָוויטש נאָך אַלץ אין אלעגאָריעס און משלים; זיין ליעבסט ווערטעל איז דענסמאָל: „נישט דאָס בין איך אויסען". ער האַלט וכוחים, ער זאָגט מוסר, ער שטראָפט, ער קריעגט זיך מיט דאָס זייניגע און מיט פרעמדע, ער זוכט די סיבות פון יעדער זאַך און יעדער ערשיינונג — און שטערט איהם אמאָל זיין פּאָעטישער גייסט אין זיינע חקירות, דערשטיקט ער איהם. אין דעם דאָזיגען פעריאָד איז ער אונ־זער בעסטער פּובליציסט. ער איז אַ שטרייטער און אַ מאָראַליסט.

און אזוי קומט מענדעלע צום דריטען און לעצטען פעריאָד פון זיין שריפטשטעלעריי. דאָס קינסטלערישע אין איהם נעהמט סוף־כל־סוף די אויבערהאַנד, און עס בעוויזט זיך דער ריינער קינסטלער, אזעלכער, ווי ביי יודען איז זיין גלייכען נישט געווען. ער זאָגט נישט מעהר קיין מוסר, ער קריעגט זיך נישט מעהר מיט אונזערע שונאים פון דרויסען און מיט אונ־זערע תקיפים פון דרינען, ער שרייבט נישט מעהר קיין אלעגאָריעס, נאָר ער מאָלט דאָס לעבען אין דער יודישער גאַס, אזוי ווי זיינע אויגען זעהען עס, און עס איז נישט פאַרהאַן קיין זאַך, וועלכע ער זעהט נישט, און עס בלייבט נישט קיין פּונקט, וועלכער איז איהם פאַרבאָרגען, און עס איז נישט דאָ קיין בעוועגונג, וועלכע איז איהם אונבעקאַנט; אַלץ זעהט ער און ווייס ער. און אַלץ מאָלט ער, און דער פּאַן פון דעם דאָזיגען געוואַלדיגען געמאָ־לעכץ איז דער שרעקליכער, מורא'דיגער דלות, אין וועלכען אַ גאַנצע אומה, אַ צעבראָכעלטע און צעוועהטאָגטע, טרינקט זיך, און עס קומט ארויס יענע געוואַלדיגע, שרעקליכע טראַגעדיע, וואָס נעהממ'אַן ביים האַרץ און פערסמ'ט די נשמה. עס איז געווען גענוג פאַר אונזערטוועגען די נעמען פון זיינע שטעדט, אום צו וויסען, וואו דאָס אומגליק הויבט זיך אָן: קאַבצאַנסק, גלופּסק און טונעיאַדאָווקע. די נעמען זענען סימבאָלען. כל־ישראל איז איין קבצן. די גרויסע יודישע אלטע טאָרבע — דאָס איז אונזער אומגליק. דער יוד מוז זיך לערנען מוותר זיין אויף דעם ביסעל עולם־הזה און ברעכען די „תאוה" פון עסען „דער יצר־הרע פון עסען איז אַ געמיינע „תאוה". ער טאָר נישט וויסען פון דער פרייד פון קינדער־יאָהרען און פון דער

שעהנהייט פון דער נאַטור, און ער מוז לעבען אין דער וועלט פון פאַנטאַ־זיעס. די דאָן־קישאָטען מעהרען זיך ביי איהם, יענע „בנימין השלישי׳ס" וועלכע פאָהרען אין די וועלט אריין, און דאָס לעבען אין דער „קבלה" און אין דער „זוהר"־וועלט ווערט פאַר איהם עפּעס נאַטירליכעס. די סאַטירע פונ׳ם גרויסען דיכטער ווערט וואָסאַמאָל שטאַרקער, וואָסאַמאָל גאַליגער, און עס צעשפּיעלט זיך דער גרויסער שפּאַט און ער ווערט אַזוי ביטער.

די פיגור פון אבראַמאָוויטשען אין זיין אַלגעמיינעם כאַראַקטער שטעלט זיך אונז אַלזאָ פאָר אַזוי: אַ יוד ווערט געבוירען אין עפּעס אַ פּערוואָרפען שטעדטעל, ווי טויזענד אַנדערע פון זיינע ברידער, קיינער וויים נישט וואָס עס לעבט אין איהם, און ער וויים עס אַמוועניגסטען — און דערביי איז זיין נשמה אַ נשמה פון אַ גרויסען פּאָעט. ווען ער קומט אין די וועלט אריין און הויבט־אָן זיך זיין וועג צו זוכען, ווערט ער אַזוי ווי די פיעל אַנדערע צווי־שען זיינע ברידער, וועלכע עס איז אויסגעקומען צו ווערען שריפטשטעלער. ער ווערט אַ מוסר־זאָגער, אַ קעמפּער פאַר אויפקלערונג, אַ מליץ־יושר, ער ווערט אַביסעל ריב״ל, אַביסעל צווייפעל און אַביסעל גאָטלאָבער. אין אַ געוויסער בעציהונג שטעהט איהם זיין פּאָעטישער זין ווי אַ שטערעניש אויפ׳ן וועג, ער אָבער בעזיעגט זי און דערשטיקט זי. שטעלט אייך אָבער פאָר, ווי גרויס האָט געמוזט זיין דער דאָזיגער פּאָעטישער זין און די דאָזיגע נייגונג צו קונסט, אז ער האָט זיי פאַרט נישט געקאָנט בעגראָבען, אַזוי אַז סוף־כל־סוף האָבען זיי זיך דורכגעבראָכען. ער איז שוין העכער פערציג יאָהר אַלט געווען, ווען ער האָט אָנגעהויבען אַלס ריינער קינסטלער, אַזוי אַז ער האָט נישט מעהר בעוויזען צו געהן אין פרעמדע פּיסטריט און ער איז געווען געצוואונגען, צו ערפינדען פאַר זיך אַ נייע טעכניק און אַ נייע פאָרם און אַ נייעם פאָרטראָג. און דאָס גרעסטע וואונדער איז, אַז דאָס בעס־טע, וואָס ער האָט בעשריבען, האָט ער געשריבען שוין אַלס זעכציגער, זי־בעציגער! „פישקע דער קרומער", „מסעות בנימין השלישי", „דאָס ווינש־פינגערל" און „שלמה ר׳ חיים׳ס" זענען און בלייבען די גרעסטע מייסטער־ווערק פון אונזער ליטעראַטור.

III

„פישקע דער קרומער". אַלס ספּור־המעשה פאַר זיך איז „פישקע" שוין אַביסעל צו איינפאַך. בכלל צייכענט זיך דאַך נישט מענדעלע אויס אַלס מעשה־שרייבער מיט פערוויקעלטע און פערציקעלטע געשעהעענישען; על־פּי־רוב האָבען מיר אין זיינע מעשות קיין שום „האַנדלונג" נישט, און זיי זענען אַזוי איינפאַך, אַז ווען עס זאָל קומען אַנ'אַנדערער, וואָס בעזיצט נישט דעם טאַלענט פון מענדעלע, וועט ער גאָרנישט וויסען, וואָס מיט דעם דאָזיגען שטאָף אָנצוהויבען. אייגענטליך געפינסט דו דאָרט גאָרנישט דאָס, וואָס מען רופט „קאָמפּאָזיציע", און געפינסט נאָר אַ צונויפשטעלונג פון בע־זונדערע מעשה'לעך, שטיקלעך, עפּיזאָדען, בעטראַכטונגען, נאַטור־שילדע־רונגען און וואונדערשעהנע שטעלען. די אייגענטליכע מעשה פון פישקע, דיענט אינ'ם מרחץ אין דער קהלה גלופּסק, און חברה מאַכט איהם חתונה מיט דער „בלינדער יתומה", וואָס בעט נדבות ביי דער „טויטער שוהל". דערנאָך לאָזען זיך ביידע, מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע אָרימעלייט, געהן איבער די הייזער און וואַנדערוועז פון שטאָדט צו שטאָדט און פון הקדש צו הקדש. דאָ קומען פאָר קאַרטינעס און סצענעס פון יודישע אָרימעלייט. און דערנאָך: פישקע דער קרומער האָט עפּעס נישט אַזאַ שטאַרקען שלום־בית מיט זיין ווייב, וועלכע חבר'ט זיך אַביסעל מיט אַנ'אַנדערען אָרימאַן, מיט דעם „רויטען ממזר", און ער אַליין, פישקע, דערטאַפּט צווישען חברה אַ האָרבאַטע מיידעל, און ביידע פערליבען זיך מיט־אַ מין פערליעבעניש, וואָס איז פּשוט גאָרנישט צו דערטראָגען, און יעדעס מאָל, ווען פישקע נעהמט זיך דערצו, אָבצו'גט'ן זיין ווייב, קומט אַלעמאָל אריין עפּעס אַ שטן אין דער מיטען, ביז טאַקי די האָרבאַטע איז נעלם געוואָרען פון איהם, דורך דעם רויטען ממזר'ס אַ שפּיצעל, און אונזער פישקע פאָהרט דאָס איצט זי זוכען... און אַזוי ווי ער זיצט אויף דער בויד, פאָהרענדיג קיין גלופּסק, זי זוכען, ענדיגט זיך פלוצלינג דאָס בוך.

דאָס איז די מעשה גאָר אינגאַנצען. דאַכט זיך, עפּעס נישט אַזוי שטאַרק פערוויקעלט, און, מי יודע, ווי וואונדערליך אויסגעטראַכט. און אויך די פערליבעניש איז עפּעס נישט אַזאַ נאַטירליכע זאַך און אַזוי ספּעציעל יודיש־ליך ביי יודישע אָרימעלייט אין הקדש, אַזוי אַז מען קאָן מיינען, דאָס דאָ־

זינגע איז נאָר אַ צוטשעפּעניש, בכדי לקיים מצות־עשה פון שרייבען אַ ליע־בעניש אויך. נאָר מען מוז זיין אַ מייסטער ווי מענדעלע מוכר־ספרים אַז דאָס אַלעס זאָל ווערען רעכט. מען מוז קענען שרייבען ווי ער און דערצעהלען ווי ער, אַז דאָס אַלעס זאָל זיך אַזוי לעגען גלייך אויפ'ן מוח און זאָל קרי־כען גלייך אינ'ם האַרץ, ביז מען זאָל אָנהויבען צו מיינען און צו פיהלען, אַז אַלץ איז אַזוי נאַטירליך און דאָס אַלעס מוז אַזוי זיין.

נאָר אַפילו דאָס דאָזיגע קליינע מעשה'לע מיט פישקע דעם קרומען, דאַכט זיך, איז ביי מענדעלע מוכר־ספרים גאָרנישט דער עיקר; דער עיקר איז די גאַנצע סביבה: דאָס לעבען פון יודישע אָרימעלייט, וואָס געהען איבער די הייזער שנאָרען — אַ בילד, וועלכעס נעמהט אָן ביי דער נשמה. די שנאָרעריי הערט פלוצלינג אויף צו זיין אַ שנאָרעריי, און ווערט אַ מלאכה, אַ מין פּראָפעסיע, אַ געשעפט ווי טויזענד אַנדערע מיט מאָסקוועער ציץ, און די מענשען וואָס בעשעפטיגען זיך דערמיט, זענען מענשען ווי טויזענד אַנ־דערע, ווי למשל די מענשען, וועלכע זענען וואַלד־סוחרים אָדער פּערזיכע־רונגס־אַגענטען אָדער מלמדים אָדער ווינקעל־אַדוואָקאַטען, און צווישען זיי זענען פאַרהאַן גוטע און שלעכטע, און שטעלען גאָרנישט פאָר קיין שום בעזונדערען טיפּ. און אויך זייער עזות און זייער כיטראָסט און זייער גנב'יש לשון זענען זאַכען, וועלכע מיר געפינען ביי יעגעם סוחר. מענשען מיט ווייכע ווייבערישע נשמות, ווי פישקע און ווי זיין האָרבאַטע מיידעל, זענען, דאַכט זיך, כלל וכלל נישט פאַרהאַן אין אַזאַ כאַליאַסטרע, און מען קען זיך גאָר־נישט ערקלערען, בנוהג שבעולם, ווי זיי קומען דאָרט אַריין און ווי אַזוי עס קענען אַזעלכע ריינע נפשות דאָרט אויסוואַקסען און זיך דערהאַלטען אין זייער ריינקייט. און די אַלע איבעריגע אָרימעלייט — אוי, ווי עסט זיך אונז צו, צוקוקענדיג זיך צו זייער לעבען! מיר זענען קלאָמפּערשט פון דער היים אויס נאָך געוועהנט אביסעל, רחמנות צו האָבען אויף עלענדע, אָרימע מענשען, און דאָ זעהען מיר עלענדע, אָרימע מענשען, וואָס מיר טאָרען אויף זיי אַפילו רחמנות אויך נישט האָבען. עס זענען לויטער עזות־פּנים'ער, גנבים הולטייעס, געמיינע יונגען, וואָס מיר זעהען דאָ פאַר אונז, און די גאַנצע קדושה, וועלכע האָט אַמאָל גערוהט אויף אָרימקייט און אויף עלענד, ווערט פערשוואונדען פאַר אונז און פליהט אַוועק ווי אַ לייכטער רויך... אונ־זערע חלומות און אונזער פּאָעזיע און אַ „סאָציאַלע פראַגע" שטאַרבען אויס,

און קברים עפענען זיך פאַר אונזערע אויגען — לויטער קברים, לויטער קברים.

זעלבסטפערשטענדליך: מיר ווילען גאָרנישט זוכען ביי מענדעלע׳ן אַ „מעשה״ מיט אַלע פּליטערלעך, מיט פערוויקלונגען און מיט עכטע ליעבעס און מיט געטאַקטע טיפּען, און מיר ווילען גאָרנישט פרעגען קיין לאַנגע קשיות וועגען קאָמפּאָזיציעס, דען דערפאַר האָבען מיר דאָך עפּעס אַנ׳עסק מיט מענדעלע׳ן מיט אַ יוד מיט אַ שפּיציג געל בערדעל, וואָס הויבט שוין אָן ביסלעכווייז גרוי צו ווערען. און אַזאַ יוד ווען מיך הערען ווי די גרויע קאַץ, ווען איך וועל אָנהויבען מיט איהם צו שמוסען וועגען דינים און חוקים. „נישט דאָס בין איך אויסען״ — וועט מיר מענדעלע אַ מאַך טהון. פישקע דער קרומער איז אייגענטליך גאָרנישט דער העלד פון דער ערצעהלונג „פישקע דער קרומער״, און איהם מיט זיין האַרבאַטע מיידעל און מיט זיין כאַליאַסטרע פּטר׳ט מען אָב אין עטליכע בלעטלעך. איהם נעהמט מען אַרויף אויף אַ בויד, וועלכע פאָהרט קיין גלופּסק, און מען זעצט איהם אַוועק צווישען צוויי יודען, צווישען מענדעלע מוכר־ספרים און צווישען אַלטער מוכר־ספרים, און מען לאָזט איהם ערצעהלען זיין מעשה׳לע, און אַ סוף, אַנ׳עק, — דער עיקר איז דאָס שטיק לעבען אינ׳ם בוך, די פערשידענע בילדער, די וואונדערליכע קאַרטינעס, די שעהנע שטיקלעך, דאָס פּיהלען פון דעם יודישען האַרצען און דאָס דענקען פונ׳ם יודישען מוח, וואָס דאָס דאָזיגע בוך איז פול מיט זיי פונ׳ם אָנפאַנג ביז׳ן סוף. נישט די קייט איז דאָ דער עיקר, נאָר די איינצעלנע רינגען. באַלד דאָס ערשטע בלעטעל ווייזט אונז, אַז דער, וואָס ערצעהלט, איז אַ מייסטער.

אַ בויד געהט זיך אויף דעם טראַקט קיין גלופּסק. דאָס פערדעל איז גאַנץ יודישליך, דאָס הייסט הונגעריג און קראַנק, מיט קאַלטענעס און מיט אָבגעריבענע קניען; דאָס יודעל, וואָס זיצט אין דער בויד, איז אָבער גאָרנישט פערדיש — עס איז מענדעלע מוכר־ספרים, מיט אַ בייטש אין דער האַנד און אָנגעטהון אין טלית און תפילין, און אַ קאָפּ האָט דאָס דאָזיגע יודעל, פּשוט אויף רעדער. פערשטעהט מען דאָך, אַז אין מיטען דאַווענען דרעמעלט מען אַביסעל איין. די בויד קריכט דערוויל אַריין אין אַ קאַלוזשע, און פערטשעפּעט זיך בינתים אין דער אַקס פון אַ צווייטער בויד, וועלכע איז אויך גראַד אָנגעקומען. דאָרט אויף דער צווייטער בויד זיצט אויך אַ

יוד אין טלית און תפילין מיט א בייטש.ביידע ווערען אין כעס און כאפען זיך איינער צום אנדערען שלאגען — אך, מען דארף אנקוקען די דאזיגע גבורים, גבורי ישראל, מיט זייער כעס און זייער וועלען שלאגען! פערשטעהט מען דאך, אז מענדעלע דערקענט באלד דעם צווייטען, אז דאס איז גאר ר׳ אלטער יקנה״ז, אויך א מוכר־ספרים ווי ער, און ר׳ אלטער דערקענט ר׳ מענדעלע׳ן, און איך פערשטעה, ביידע וואלטען מסתמא ארויפפאלען, איי־נער אויפ׳ן צווייטען, קושען זיך, ווען די של־ראש׳ן וואלטען נישט שטערען. און דאס הויבט זיך אן די מעשה מיט די בוידען; ווי שלעפט מען זיי ארויס פון דער קאלוזשע? מילא, פערשטעהט מען דאך, אז א יודענס כוח איז נישט צו אזא ארבייט. דא קומען גראד אונטערגעפאהרען גוים, פראסטע פויערים, די ידים ידי עשו מאכען שוין אלעס רעכט, זיי שלעפען ארויס די בוידען, און לאכען אפילו אב אביסעל פון די „פראקליאטיע זשידי" מיט זייערע תפילין, נאר מ׳שטיינס־געזאגט, פאר וועמען מען האט זיך דא צו שעהמען" — און די בוידען פאהרען זיך זייער וועג.

און נאך דער דאזיגער הערליכער קארטינע קומט א צווייטע: צוויי יו־דען, מענדעלע און אלטער, וואס רעדען מיט זייער לשון, זייער דרך, זייער עהרליכקייט, זייער גנבה, און איינער גיט א „טאפ אין וואגען" ביים צוויי־טען, צו דערגעהן ווי דער מסחר זעהט אויס ביי איהם — א, ווי כאראקטע־ריסטיש איז יעדעס ווארט און ווי נאטירליך יעדע בעוועגונג! מיר דאכט זיך איך האב ערשט נעכטען געזעהן דעם דאזיגען מענדעלע דורכ־פאהרען אויף דער פראנציסקאנער־גאס, און קאן שווערען, אז היינט נאכמי־טאג וועל איך זעהן אויך אלטער׳ן, דארט אונטען אויף דער גזשיבאווסקא־גאס, בשעת ער וועט געהן קויפען סמאלע צו שמירען די רעדער, און וועט זיך איילען כדי נישט עובר מנחה צו זיין, און וועט א רייב טהון די הענד אן דער וואנד און וועט זיך אוועקשטעלען נעבען וואגען דאוונען...

און דאן אנדערע סצענעס: ר׳ אלטער ליעגט אופ׳ן וואגען ראקום. „רויט ווי א צוויק" און שוויצט. „שוויצען איז א יודישע זאך". די זון ברענט, און דא פאהרט מען דורך פעלדער מיט תבואות, און עס שמעקט און מען הערט שפיעל־פויגעלעך זינגען. ר׳ מענדעלע, אין בלויזען טלית־קטן, ליעגט פער־טראכט — און דא הויבען זיך אן נאטור־שילדערונגען, פעלד־פאעזיע, און וואלד־פאעזיע, ווי נאר א געוואלדיגער פאעט קען זיי שרייבען. עס שמעקט

און עס זינגט אַרויס פון יעדער שורה און עס „קיצעלט ביי דער נשמה” און מיר ווייסען נישט, וואו דער כשוף שטעקט. ר׳ מענדעלע זיצט אין דער בויד, און כדי ער זאָל מסיח דעת זיין פון זיין הונגער, קוקט ער זיך צו צו גאָט׳ס שעהן וועלטעל... „דער הימעל איז בלוי, לויטער, אָהן אַ פּיצעל וואָלקען. די זון בראָט, סמאַלעט, עס וויהעט נישט קיין ווינטעלע, מען פיהלט נישט קיין לופטעלע, די תבואה אויף די פעלדער, די בוימער אין די וועלדער שטעהען שטיל, ווי צוגעקאָוועט, קיין שאָקעל אַפילו זיך נישט צו טהון. קיה אויף דער פּאַשע ליעגען מיעד, אויסגעשטרעקט די העלזער, שאָקלען צו־ווילען די אויערען, קייען און מעלה־גרה׳ן, אַנדערע גראָבען אונטער זיך די ערד מיט זייערע הערנער, שאַרען מיט די קאָפּיטעס און רעווען, שרייען פאַר גרויס חיץ. דער בוהיי פעררייסט דעם עק, לויפט גאַלאָפּ, וואַרפענדיג דעם קאָפּ אין אַלע זייטען, שטעלט זיך פּלוצלינג אַנידער, אַנגעבויגען דעם שטערען הארט צו דער ערד, שמעקט, פּאָכט מיט די נאָזלעכער, לאָזט אַרויס אַ ברום, סאָפּעט און דריגעט מיט די פיס. נעבען אַנ׳אַלטער, אויסגעקרומטער און האַלב־פערדאַרטער ווערבע, איבער־געשפּאָלטען פון דער העלפט אַמאָל פון־דונער, שטעהען פערד, איינער אויפ׳ן אַנדערען פערלעגט די קעפּ, צו מאַכען חאַטש עפּעס אַ שאָטען, און שמייסען מיט די ווייךלען, פטור צו ווע־רען, ווי ס׳איז, פון די בייזע פליעגען. — אויף אַ צווייגעל אין דער הויך וויעגט זיך אַ סראָקע, אויסזעהנדיג פון דערווייטענס ווי אָנגעטהון אַ ווייס טלית׳ל, מיט פּאַסען תכלת פּאָרענט, און דאַוועגט שאָקלענדיג זיך, זי בוקט זיך” פאַלט תחנון מיט׳ן קעפּעל, שפּרינגט אַביסעל אונטער, ניט אַ פּאָר מאָל אַ קליין קראַקעלע, בלייבט דערנאָך ווייטער שטעהן אָהן לשון, שטרעקט אויס דאָס העלזעל און קוקט, גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אריין, מיט פער־שלאָפענע אויגעלעך. אויף דעם גאַנצען וועג איז שאַ־שטיל, מען זאָל דאָס הערען ערגעץ אַ שאָרך, אַ פּיפּס, מען זאָל דאָס זעהן פליהען ערגעץ אַ פויגעל, נאָר קאָמאַרען, מיקען, טראָגען זיך ווי די רוחות, אין דער לופט אַרום, פליהען טאַנצענדיג פאַרביי די אויערען, טהוען אַ גרילץ, אַ זשוזשע, איינ־רוימענדיג אַפּעס אַ סוד, און באַלד טאַקי מאַרש ווייטער; נאָר צווישען היי, צווישען תבואות דאָרט שמוצערען די גרילען, זומזען צימבעלען, און געהען מיט די טאַצען... ס׳איז היים, ס׳איז שטיל, וואונדערליך שעהן. שאַ! גאָטס בעשעפעניש רוהען”... פיעל אַזעלכע קאַפּיטלען קען איך נישט אין

דער וועלט־ליטעראַטור, און די דאָזיגע עפּישע ברייטקייט, וועלכע פערגעסט נישט קיין שום פּרט און קיין שום קליינינקייט, אפשר וועלען מיר איהר גלייכען געפינען נאָר ביי די אַלטע דיכטער.

און דאַן מנחה־צייט. „אַ געשמאַק ווינטעלע הויבט־אָן צו בלאָזען און אויפ'ן הימעל וויזען זיך שטיקלעך וואָלקען, אויף וועלכע מען האָט, ווי אויף טייערע געסט, שוין אַ לאַנגע צייט אַרויסגעקוקט. די בוימער הויבען פּאַמעליך אָן זיך צו שאָקלען, איינער צום אַנדערען איינגבויגען דעם קאָפּ, און פיהרען צווישען זיך אַ שמועס אויף זייער לשון, נאָכדעם אַז זיי האָבען אַזוי לאַנג געשוויגען שטיל. דאָס ווינטעלע האָט אויפגעוועקט די שלאָפעדיגע תבואה, אַלע זאַנגען כאַפּען זיך, ווי יונגע קינדער, אויף מיט אַ קול און צעקושען זיך גאָר פריינדליך. גאָטס בעשעפעניש ריהרט זיך אומעטום: אויפ'ן פעלד, אין וואַלד און אין דער לופט. איינס נאָך דאָס אַנדערע טרעטען שפּיעלפויגעלעך אַרויס, אויף צווייגלעך, בוימלעך, נידריג און גאַנץ הויך, פּוצען זיך די פעדערלעך, אַ וויש מיט דעם שנעבעלע, אַ טרעסע, אַ שאָקעל, און הויבען־אָן די זיסע זמירות, צו זינגען, צו שווישטשען. באַבעט־שקעס, רייך געקליידעט אין אַלטעס סאַמעט, מאַרע־אַנטיק מיט טייערע ציה־רונג, כאַפּען אַ טענצעל, שוועבענדיג אין דער לופט, הויבען זיך, דרעהען זיך און מאַכען חן, צוויי בושלעס, גוואַרדייציעס, מיט לאַנגע, רויטע פיס, שטעהען אויפ'ן גראָז, פערררייסענדיג די קעפּ אין דער הויך און קוקען מיט גדלות. עפּעס אַ קונדס, אַ פויגעל, שטיפט, פליהט פון איין בוים צום אַנדערען, מאַכט „קוקו, קוקו!", ווי ער שפּיעלט זיך אין בעהעלטעניש. איהם ענט־פערט אָב פון צווישען ווייץ און קאָרן אַנ'אַנדער מין פויגעל עפּעס. „פּיק־בער־וויק, פּיק־בער־וויק!", ווי גערעדט: אייביג וועסט דו מיך דאָ נישט כאַפּען, כאָטש שיט מיר אָן זאַלץ אויפ'ן עק, פּאַקט זיך, ר' קרוב, ווייטער און אַוועק, אַוועק!... נישט ווייט אין אַ וועלדעלע קנאַקט דער סאָלאָוויי, צולאָזט זיך אויף זיין העלזעלע, מאַכט זיסע שטייגער און שפּיעלט גאָר מחיה. איטליכער, וואָס קען נאָר עפּענען אַ מויל, האַלט דעם וועלט־בעריהמטען חזן אונטער. זשאַבעס אפילו פון די מיכלעך ערגעץ טערעליקען, אפילו פליעגען, ביענען האָבען נישט געשוויגען, און דער זשוק, דער שיגעץ, דער אָנכאַפּער, האָט פליהענדיג אויך געזשוזשעט. דאָס איז געווען אַזאַ קאָנ־צערט, וועלכען מען האָט געמעגט אויף בילעטען געהן הערען... די גאַנצע

וועלט איז עפּעס ווי לעבעדיג געוואָרען און בעקומען אַ פרעהליך פּנים. אַ פרייד, אַ פערגניגען צו הערען, צו זעהן, צו שמעקען די זיסע ריחות פון אַלע זייטען. — ר' אַלטער, ס'איז גוט! ר' אַלטער, ס'איז שעה'ן! עס ציהט עפּעס ביי דער נשמה, עפּעס רעדט עס צום הארצען: גאָט'ס וועלטעל איז שעהן, גאָט'ס וועלטעל ליבט! עס ציהט און גלוסט זיך אריינוואַרפען זיך עפּעס אהין, אהין, מיט הענד און מיט פיס..."

און דאַן די וואונדערליכע סצענעס אין וואַלד און אין דער קרעטשמע. דאָס לייכטע שכרות מענדעלע'ס, ממש אויף אַזוי פיעל ווי אַ יוד קאָן זיין שכור. זיין אַריינקומען צום וואַלד־שרייבער. די אַכסניא און די לבנה פּאָר־זיע, דער מלמד און די בעל־הבית'טע. דער בעל־הבית, וואָס איז אַ שטיקעל שמענדריק, און דאָס פערהערען דעם יונגעל — עס זענען לויטער סצענעס פון אַ מייסטער געשריבען. און אַזוי פערציהען זיך די סצענעס ביז'ן סוף בוך, ביז מען נעהמט אַרויף אויף דיביידלעך אויך פישקע דעם קרומען, וועלכען מען טרעפט אין וואַלד, און מען זעצט איהם אַוועק, איינמאָל אויף אַלטער'ס בויד און איינמאָל אויף מענדעלע'ס בויד, און מען לאָזט איהם זיין מעשה'לע דערצעהלען. און אַזוי געהט עס ווייטער, ביז מען קומט קיין גלופּסק, און אַזוי ענדיגט זיך דאָס בוך.

אין דעם דאָזיגען בוך האָבען מיר אַלזאָ נישט צו זוכען איין מעשה, נאָר אַסך מעשה'לעך, אַסך עפּיזאָדען, שטיקלעך סצענעס און קאַרטינעס. מענדעלע מוכר־ספרים איז נישט קיין מעשה־דערצעהלער — ער איז אָבער אַ אונפערגלייכליכער מייסטער, וועלכער צייכענט אונז אַלץ, וואָס אַ מענשען־אויג קאָן זעהן, און אַלץ, וואָס אַ מענשען־אויער קאָן הערען. אָבער דאָס, וואָס ער צייכענט אונז, דאָס איז קולטור־היסטאָריע פון אַ גאַנץ פּאָלק אין אַ געוויסען אָרט און אין אַ געוויסער צייט, צוזאַמען מיט טיפען־צייכנונ־גען אין אַלע זייערע איינצעלהייטען. אָבער אויך די אַרט פון זיין פּאָרטראַג איז איינציג; ער פערשטעהט שעהן און אַנגענעהם און מיט דער גאַנצער ביטערקייט פון אַ ליידענדער נשמה צו שרייבען. און אויס דעם גאַנצען שרייבען, עס מעג זיין ווי סאַטיריש און וויציג, קלאָגט אָבער אַרויס דער טרויעריגער ניגון, וועלכער זינגט זיך איהם אין האַרצען, איבער דעם עלענד און מוראדיגע טראַגעדיע פון זיין פּאָלק. מענדעלע זאָגט פון זיך אין דער הקדמה צו דער דאָזיגער ערצעהלונג: „מיר חלום'ט זיך נאָר בעטלערס וכו'

וואוהין איך זאָל מיך נישט קעהרען און ווענדען, זעה איך פאַר מיר די טאַרבע וכו'. אוי, אַלע די טאַרבע, די יודישע טאַרבע!"...

אין דער דאָזיגער ערצעהלונג, אין דער לעצטער בעאַרבייטונג, האָט אונז מענדעלע מוכר־ספרים צום ערשטען מאָל געוויזען, ווי ווייט זיין קראַפט גרייכט אַלס מאָלער און צייכנער און דיכטער, בשעת ער קומט אונז דערצעהלען דאָס אומגליק פון זיין פאָלק. דער שרעקליכער דלות פון אַ גאַנצער אומה פייפט אונז אַקעגען פון יעדען ווינקעלע — אַנ'אומה, וועלכע טרינקט זיך און זינקט אין אַ ים פון צרות, די צרות פון קבצנות, און דער דיכטער רייסט פון איהר פּאַסען פלייש לעבעדיגערהייט דורך זיין ביטערסטען שפּאָט, און דערביי צייכענט ער אונז, אַלס צולאָג, נאַטור־שעהנהקייטען מיט אַ קונסט, וואָס האָט נישט איהר גלייכען. אָבער אין דער דאָזיגער ערצעהלונג האָבען מיר נאָך אַסך אַלעגאָריעס און אָנשפּילונגען; דאָס ווערטעל „נישט דאָס בין איך אויסען" שפּיעלט נאָך אַ גרויסע ראָלע; די טיפען פון די מענשען זענען נאָך אַביסעל שוועבנדיג און פליהענדיג אין די לופטען און זענען נישט גענוג פעסט און בולט; מעהר פעסטע און מעהר בולטע טיפּען האָט ער זיך געלאָזען פאַר שפּעטער.

שוין אין „מסעות בנימין השלישי" זענען די געשטאַלטען מעהר פונ'ם רעאַלען לעבען, אויבוואָהל דער אינהאַלט אַליין איז מעהר פאַנטאַסטיש. די מדת־הדין איז אָבער אין דער דאָזיגער ערצעהלונג פיעל גרעסער פון דער מדת־הרחמים; דער סאַטירישער שפּאָט איז דאָרט אונדערבאַרמעליך און אָהן אַ גרעניץ. דאָס ווייכע און דאָס הארציגע איז כמעט אינגאַנצען פערשוואונדען, און די בייטש שלאָגט אויף רעכטס און אויף לינקס...

דאָס שטעדטעל איז טונעיאַדאָווקע — ווידער אַ גאָט־פערלאָזען נעסט, וואָס קומט מיט דער וועלט אין דרויסען כמעט נישט אין בעריהרונג. קומט אַמאָל אַ פרעמדער דאָרט אַהין, קוקט מען אויף איהם פון אַלע פענסטער ארויס, ווי אויף אַ חידוש. דער גרעסטער טייל פון איהרע איינוואוינער זענען גרויסע אביונים, שרעקליכע קבצנים, רחמנא לצלן; דאָס גאַנצע גליק איז, וואָס זיי זענען משונה'דיקע בעלי־בטחון. פרעגסט דו אַ טונעיאַדאָווקער: רב יוד, מיט וואָס אייגענטליך דערנעהרט איהר זיך און וואָס איז אייער פרנסה? — וועט ער שטעהן אַ פערדרעהטער און וועט דיר נישט וויסען, וואָס צו ענטפערען. און נאָר נאָכדעם ווי ער וועט זיך אַביסעל בערוהיגען,

וועט ער דיר שטאַמעלדיג ענטפערען כהאי לישנא: — דערנעהרען? מיט וואָס איך דערנעהר מיך למשל? הבל־הבלים! עס איז דאָ אַ גאָט, זאָג איך אייך, למשל, וועלכער זיצט און שפּייזט אַלע זיינע בעשעפעניש, און אין זיין גרויס גוטסקייט האָט אונז עסען נישט געפעהלט און וועט אונז קיינמאָל נישט פעהלען, זאָג איך אייך, למשל. „פאָרט אָבער, וואָס איז אייער געשעפט? וועלכע אומנות אָדער וועלכע פּרנסה האָט איהר?“ — געלויבט און געבענשט זאָל זיין זיין הייליגער נאָמען. אַזוי ווי איהר זעהט מיך אַ לעבעדיגען פאַר אייך. למשל, האָט מיר השם־יתברך געגעבען אַ טייערע מתנה: איך האָב אַ שעהנעם קול־נגינה און קען דאַוונען פאַר'ן עמוד, דאַוועען איך מוספים אין די ימים נוראים אין אַ שטעדטעל אין דער דאָזיגער סביבה. איך בין אַ קונציגער מוהל, און אַ מצה־רעדלער איינס אין דער וועלט, און טייל־מאָלם שדכ'ן איך שידוכים, שדכ'ן איך. איך האָב אויך אויף עולמות — ווי איהר זעהט מיך, למשל, פאַר אייך אַ לעבעדיגען — אַ שטאָדט אין שוהל. אגב האָב איך ביי מיר אין דער היים — בלייבען זאָל עס צווישען אונז בסוד — אַביסעל משקה, למשל, אַ טאָפּ בראָנפען צו פערקויפען, פון וועלכען איך האָב אַביסעל שפּע, און אויך אַ ציעג האָב איך אַ מעלקעדיגע, עס זאָל איהר קיין בייז אויג נישט שאָדען. איך האָב אויך אַ שטיקעל קרוב, אַ נגיד, וועלכער העלפט מיר אמאָל, ווען עס איז ענג, מיט גוטען אָדער מיט בייזען. חוץ דעם זאָג איך אייך, למשל, דער בורא יתברך שמו איז אַ אָב הרחמים און ישראל זענען רחמנים בני־רחמנים, זאָג איך אייך, למשל, און וואָס זאָל זיך אַ לעבעדיגער מענש בעקלאָגען?...

דער יוד, ווען ער עסט דאָרט, עסט ער העכסטענס אַ שטיקעל שוואַרץ־ברויט און אַ קרופּניק; דאָס איז שוין דער פיינסטער מאַכל. ווער שמועסט, ווען איינער האָט די זכיה און האָט נאָך אַ שטיקעל ווייסע חלה מיט אַ ראָסעלפליש אין פרייטאָג; דאָס איז אודאי און אודאי שוין אַ מאַכל־מלכים, וואָס ס'איז נישט דאָ קיין בעסערס. און ווען דו דערצעהלסט זיי, למשל, ווע־גען לאַקאָמסטוועס און עסענוואַרג, וואָס עס גיעט אויף דער וועלט אַ חוץ פיש און יויך און טאָפּגעבראָטענס און צימעס, קומט עס אוים ביי זיי אַזוי משונה־ווילד, אַז מען הויבט אַזש אָן אָבצולאַכען און חוזק צו מאַכען פון דיר, ווייל דו גלויבסט אַזוי ליכט אין אַלע שמועות און ווייל פאַר דיר איז אפילו רעכט, אַז אַ. קוה זאָל זיין געפלויגען איבער'ן דאַך און זאָל האָבען

געלעגט אנ׳איי !... און אמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז עפּעס אַ יוד האָט גע־ברענגט אין שטעדטעל אריין אַ טייטעל, איז דאָס גאַנצע שטעדטעל געלאָפען אויף הידושים, צו זעהן דעם דאָזיגען וואונדער. מען האָט גענומען אַ חומש און מיטן פינגער אָנגעוויזען, אַז דער טייטעל, דער דאָזיגער טייטעל, שטעהט דערמאָהנט בפירוש אין דער תורה! אַ קלייניגקייט — די דאָזיגע פּרי, דער טייטעל, איז פון ארץ־ישראל !... מען האָט איהם אָנגעהויבען צו בעקוקען — און ארץ־ישראל איז אַרויפגעשוואומען פּראָסט פאַר זייערע אויגען: אָט געהען זיי אַריבער איבער׳ן ירדן! אָט איז די מערת המכפלה! אָט איז דער מוטער רחל׳ס קבר! אָט איז דער כותל מערבי! אָט קאָכען זיי זיך אָב אייער אין די הייסע חמי־טבריא! און אָט בעשטייגען זיי דעם הר הזיתים, עסען באָקסער און טייטלען אָהן אַ שיעור, און שיטען זיך אָן פולע זעקלעך ארץ־ישראל־ערד! אוי, אוי, האָבען זיי אָנגעהויבען קרעכצען און אין די אויגען האָבען זיך געשמעלט ביי זיי טרעהרען...

אין יענער צייט האָט דאָס גאַנצע שטעדטעל אַרומגעכאַפּט אַ מין ווילדע, משונה׳דיגע תאוה קיין ארץ־ישראל, און זיי האָבען טאָג און נאַכט גערעדט נאָר פון משיח׳ס קומען און האָבען טאָג און נאַכט געזעהען סימנים, אַז די גאולה געהט — און גאַנץ בעזונדערס האָט די דאָזיגע תאוה אַרומגענומען בנימינ׳ען, אַ יונגענמאַן פון טונעיאַדאָווקע, וועלכער האָט געהאַט זיין פאַנטאַזיע צוהיצט מיט דעם אָנלייענען זיך ספרים, ווי דער „צל עולם", „אלדד הדני", „מסעות בנימין מטולידה", „שבחי ירושלים" און נאָך אַזעלכע. און דער דאָזיגער יונגערמאַן האָט זיך בעשלאָסען צו מאַכען אַ רייזע אַרום די וועלט, אַזש ביז׳ן סמבטיון און די רויטע יודעלעך און ארץ־ישראל און די בני־משה און די עשרת השבטים און אלכסנדר מוקדון... תרגום־לשון קען ער דאָך — און וואָס בעדאַרף ער מעהר. איי, עסען? וועט ער געהן איבער די הייזער...

נאַטירליך, גלויבט דער יוד פון טונעיאַדאָווקע, אַז טונעיאַדאָווקע איז די גאַנצע וועלט, און אַז אונטער דער שטאָדט, דאָרט איז שוין עק וועלט. דאָרט הויבען זיך שוין אָן די מדבריות און די סמבטיו׳ס מיט די שלאַנגען און עקדישען און פיפערנאָטערס מיט די אויפגעריסענע משונה׳דיגע פּיסקעס און מיט אַלע חידושים און נפלאות, וואָס שטעהען בעשריבען אין יענע

הייליגע ספרים. אונזער בנימין השלישי האָט זיך מיטגעקומען דעם גאַנצען פּאָרראַט, וועלכען מען האָט נויטיג צו אַזאַ נסיעה, נישט כלי־זין און נישט מאַשינדלעך מיט אינסטרומענטען, נאָר טלית און תפילין מיט׳ן רייזע־זעקעל, מיט׳ן סידור „דרך החיים״ און אַ „חק׳על״ און אַ „תהלימ׳על״, און האָט אָנגערעדט אַ צווייטען יונגענמאַן, זיין חבר מענדערעל, וועלכען מען האָט גערופען „סענדערעל די יודינע״, צו מאַכען מיט איהם צוזאַמען די נסיעה, און אַזוי האָבען זיך ביידע אַרויסגע׳גנב׳עט שטילערהייט פון דער שטאָדט און זענען אַרויס אין די וועלט אַריין... אמת, פון נאַטור איז אונזער בנימין. דער וועלט־רייזענדער, געווען אַ משונה׳דיגער בעל־פחדן. ער האָט מורא געהאַט אַרויסצוגעהן איינער אַליין ביינאַכט אין גאַס אַריין. און שלאָפען איינער אַליין ביינאַכט אין אַ צימער וואָלט ער נישט פאַר קיין שום הון דעלמאַ. אַרויסגעהן אַ טריט אונטער די שטאָדט איז פאַר איהם שוין געווען בהזקת סכנה; ווער וויים, וואָס דאָרט קען זיך טרעפען חס־ושלום. פאַר אַ הינטעל, מעג עס זיין ווי קליין, האָט ער מורא געהאַט אימת־מות — אָבער זעלבסטפערשטענדליך איז אַזאַ משונה׳דיגע בריה גראָד דער ריכטיגער, אום צו מאַכען אַ רייזע אַרום דעם ערד־קוגעל...

נאַטירליך: דערגעהנדיג ביז צום ערשטען דאָרף, האָבען זיי געמיינט, אַז זיי זענען שוין פון יענער זייט וועלט; דערזעהנדיג דאָס ערשטע פרעמדע שטעדטעל, האָבען זיי גערעכענט, אַז דאָס איז שוין דאָס בעריהמטע סטאַמ־בול; אָנקוקענדיג גנילעפיאַטקע אין גלופּסק, איז ביי זיי געווען פּעסט, אַז דאָס איז דער סמבטיון אָדער דער אוקינוס מיט אַלע זיינע משונה׳דיגע וואונדער; די לאָדקע, וועלכע שווימט אַרום אויפ׳ן וואַסער, איז געווען ביי זיי אַ מין געוואַלדיגע שיף, און דער פיהרער פון דער לאָדקע — אַ מין קאַפּיטאַן, וועלכען זיי האָבען אויסגעפרעגט אויף האַלב תרגום־לשון וועגען אַלע חיות און עופות און וואונדערליכע בעשעפענישען, וואָס זענען פאַראַן אינ׳ם דאָזיגען שרעקליכען ים. און אַזוי זענען אונזערע לייט אַרומגעפּאָה־רען און געמאַכט זייער נסיעה אַרום די וועלט, גלויבענדיג, אַז משיח׳ס־צייטען זענען שוין געקומען....

די סאַטירע איז שטאַרק און בייסענדיג, אָפּט אפשר שוין גאָר צו בייסענדיג. די גאַנצע פּוסטקייט פונ׳ם יודישען לעבען אינ׳ם קליינעם שטעדטעל קומט אונז אונדערבאַרעמדיג צום בעוואוסטזיין: דאָס גרויסע עלענד, וואָס

ציהט דעם מענשען אוועק דאָס לעצטע ביסעל רעאַלען באָדען פון אונטער די פיס און לאָזט איהם נישט מעהר איבער ווי נאָר דאָס פוסטע פאַנטאַזיע־לעבען, נאָר הוריות און חלומות. און נישט נאָר איינער — ניין, א גאַנץ פאָלק איז פער׳משפט צו לעבען אזא לעבען פון לויטער פאַנטאַזיעס און הוריות און חלומות. עס געהט א שוידער אריבער איבער די ביינער. און דערביי איז דאָס בוך פול מיט די הערליכסטע נאַטור־שילדערונגען און מיט די מייסטערהאַפטעסטע בעשרייבונג פון יודישע טיפען און יודיש לעבען, פונ׳ם ערשטען בלעטעל ביז צום לעצטען.

מיר פערלאָזען אָבער דאָס דאָזיגע בוך און קומען צו דער גרעסטער קאַנווע, וועלכע מענדעלע מוכר־ספרים האָט אונז אויסגעשטיקט: צום „ווינשפינגערעל". די דאָזיגע ערצעהלונג איז די איינציגע אין אונזער ליטעראַטור, וועלכע האָט געפּרובט אונז געבען א פולשטענדיג און אומפאַסענד בילד פון אונזער גאַנצען גלות־לעבען מיט אַלע אונזערע מענשען, גרויסע און קליינע, יונגע און אַלטע, מענער און פרויען און סוחרים און קרעמער און לומדים און דאָס גאַנצע כלי־קודש און אַלץ, וואָס מיר פערמאָגען אין אונזער יודישער נאָס. אין דער דאָזיגער ערצעהלונג האָבען מיר שוין רעאַלע טיפען, ממש פון טעגליכען לעבען, און עס איז דאָרט קיין איינציגער טיפ נישט פאַרהאַן, פון וועלכען מיר זאָלען זיין גלייכען נישט האָבען געזעהען אין אונזער נעסעל נעכטען אָדער אייערנעכטען. אויב אין „פישקע דער קרומער" האָט מענדעלע מוכר־ספרים וועלכער האָט אין זיין לעבען קיין אַנדער אידעאַל נישט, ווי נאָר דאָס שטיקעל ברויט, האָט ער אונז אין „ווינשפינגערעל" שוין געוויזען דעם יוד אויף אויף דער העכסטער מדרגה: דעם יוד מיט זיין גאַנצען רוחניות און מיט זיין גאַנצען נשמה־לעבען. די דאָזיגע ערצעהלונג איז דער גאַנצער כולל, וועלכען מענדעלע מוכר־ספרים האָט אונז געגעבען. אָט די דאָזיגע ערצעהלונג האָב איך געהאַט אין זינען, ווען איך האָב אויבען געזאָגט, אז ווען א מבול זאָל אוועקוואַשען פון דער ערד דעם גאַנצען בעשטאַנד און בלייבען זאָל אונז נאָר דאָס דאָזיגע איינציגע בוך, וועלען מיר גאַנץ גוט לויט איהם זיך קענען צוריק אויפשטעלען דאָס גאַנצע אַלגעמיינ־בילד פונ׳ם יודען און פון יודישקייט אין רוסלאַנד אין קליינעם שטעדטעל אין דער ערשטער העלפט פונ׳ם פאַריגען יאָהרהונדערט. די פאָרם, וועלכע אבראַמאָוויטש האָט זיך אויסגעוועהלט אין דער דאָזיגער ערצעהלונג,

איז די איינפאַכסטע: די פאָרם פון אַ ביאָגראַפיע פון אַ יוד, פון הערשעלע, זייט זיין געבורט — און אין אַ געוויסער הינזיכט, נאָך איידער ער איז געבוירען — ביז ער ווערט אַ פאַרטיגער מענש. אַנ׳אַרט „דוד קאָפּערפילד”. און ביים מאָלען דאָס לעבען פונ׳ם דאָזיגען יודישען קינד, מאָלט ער אונז דרך־אגב אויך די גאַנצע אומגעבונג און די שטאָדט און די מענשען און זייערע געשעפטען און זייער פיהלען און טראַכטען, און אויך אַלע כלל־געשעהענישען, וואָס פלעגען פאָרקומען ביי יודען אין דער דאָזיגער צייט; נישט פאַרהאַן קיין איינציגע זאַך, וועלכע איז דאָרט נישט געמאָלט. און וואָס דעם אופן פון שרייבען בעטרעפט — האָט די דיכטערישע קראַפט דאָ איהרע וואונדער געוויזען נאָך מעהר ווי אין די פריהערע ווערק.

דער אָרט פון דער מעשה איז קאַבצאַנסק. וואָס מען וויל, מעג מען אויך קאַבצאַנסקער יודען זאָגען: זיי זענען עפּעס נישט אַזעלכע גרויסע בריות, טהוען אין דער וועלט נישט־אויף עפּעס אַזעלכע גרויסע חכמות, מ׳שטיינס־געזאָגט, זייער לעבען, שטערבען־אָב די וועלט עט, אַזוי, מיט גאָרנישט, און קומען אָב מיט שהי־פּהי — דאָס און נאָך אַזעלכעס מעג מען זאָגען. נאָר אין דעם ענין פון פרוכפּערען און מעהרען זיך, קען מען צו זיי חלילה גאָרנישט האָבען. זיי זענען דערין געוואָרענט, נישט ערגער פון אַלע אַנדערע יודען. שונאים אפילו קענען נישט לייקענען. אַז איטליכער קאַבצאַנסקער יוד איז אַ מטופל, אָהן עין־הרע, מיט אַסך קינדערלעך. ווען דאָס קינד ווערט געבוירען, פאַלט זיינע עלטערען נישט איין צו טראַכטען אפילו אַ ווייל, צו וואָס האָבען אַזעלכע קבצנים ווי זיי אַראָבגעבראַכט אויף דער וועלט אַ לעבעדיג בעשעפעניש, אויף צרות נאָר פאַר זיך און אויך פאַר איהם. די מאַמע האָט געטהון איהר זאַך, איהם געטראָגען און געהאַט, פּשוט, אָהן חכמות. אויף דערויף איז זי דאָך אַ יודענע, זי זאָל קינדלען. אפילו אַ הוהן, להבדיל, טהוט דאָך, וואָס גאָט האָט געבאָטען: לעגט זיך, קוואָקעט, נישט פרעגענדיג קיין קשיות. דעם טאַטען ווידער האָט עס אויך נישט אַזוי שטאַרק אויסגעמאַכט. מילא, איז דאָ נאָך אַ נפש. אַי וואָס, ער איז אַ קבצן, און נאָך אַ צוגעקומען מויל בעדאַרף דאָך פּיקען? נישמעהר, גאָרנישט, לאָז קהל זאָרגען. וואַרטען אויף דרך־ארץ, ביז מען וועט פאַר אַ יודישער נשמה אָנגרייטען דאָ פריהער אַלסדינג, וואָס איז נויטיג צום לעבען, און דערנאָך ערשט זי אָבאַכטען אַהער צום גרייטען — דאָס קען אַ יוד נישט. אַ יוד,

אז ער וועט זיך נישט שטופען מיט געוואלד, וועט ער מעגען אייביג טאקי דארטווארטען. עפעס נישט אזא מציאה, די וועלט זאל אהן איהם, חלילה, זיך נישט קענען בעגעהן. האט ער זיך אבער שוין דורגעשטופט און איז שוין דא מיטביידע פיס, שטופט ער זיך, מיט גאט'ס כח ווייטער, ווייטער. ער שטופט זיך, קוועטשט זיך מיט אלע קרעפטען, פארענט־ארום, הינטען־ארום, אליץ־איינס, דורך טהיר אדער דורך פענסטער, שטופט אזוי אב דאס גאנצע לעבען און גארנישט. בקיצור: — איז צוגעקומען א ניי בעשעפעניש, וועט די וועלט פאר איהם שוין זארגען. אמת, די קאבצאנסקער בעלי־בתים זענען גרויסע אביונים, האבען נישט, איהר זאלט זאגען, א צעבראכענעם גראשען ביי דער נשמה. אין קאבצאנסק אליין איז פאר זיי נישטא קיין שום פרנסה. סיידען איינער צום אנדערען מיט א טארבע אין די הייזער ארומצו־געהן. זאל פרובען איינער מאכען עפעס א געשעפטעל, באלד טהוט איהם טאקי דער איבעריגער עולם נאך, איינער ביים אנדערען דעם ביסען פונ'ם מויל ארויסנעהמען — מיר נישט, דיר נישט. די גאנצע יניקה זייערע איז פון דער פרעמד. קאבצאנסק שיקט קיין גלופסק געוועהנליך ארויס אלערליי סארטען סחורות: מלמדים, בעהעלפערס, מעקלערס, בטלנים, צוגעלעגערטע אויך פריש־צאפעלדיגע איידעמלעך אזעלכע ערשט אראב פון קעסט, יודען אזוינע און אזוינע, וועלכע דאס הארץ נאר גלוסט: מיט כתבים, מיט מי־הוש'ן, זיידענע, גילדענאדערדיגע, בעלי־תפלות, שופר־בלאזערס; יודענעס כל המינים; זאגערינס, וויינערינס, שפרעכערינס, אויסגעקינדעלטע, ווייבער מיט אייער, פסח־דיג גענזען־שמאלץ, פעדערען־פליקערינס, נאך אין רעכטען קינדלען. היינט א מיש־מאש בחורים, דיענסטמיידלעך, מיידען מיט צוגע־דעקטע קעפ, ווייבלעך אזוינע און אמען אזוינע אהן א שיעור. די דאזיגע לעבעדיגע סחורה גילט אין גלופסק משונה שטארק, האט דארט א גרויסען אבגאנג, און קאבצאנסק פון איהר זייט, וואס ארבייט נעשמאק לטובת הכלל, פאבריצירט אזא סחורה צו בעגליקען די וועלט, איז זיך דערמיט זעהר מיחס. דעריבער הייסען אלע קאבצאנסקער יודען מיוחסים. אז מען בעגעגענט — א יודען, עפעס א ווילדען בעל־גאוה, האט מען דעם בעסטען סימן, אז ער מוז זיין א קאבצאנסקער...

אט אין אזא מין שטעדטעל איז הערשעלע געבוירען געווארען, ביי זיין טאטען דעם מלמד לייזער־יענקעל און זיין מאמען מלכה־טויבע, זייענדיג א

קינד, האָט ער געמיינט, ווי אַ וואָרעם זיצענדיג אין כריין, אַז קיין בעסערס פון קאַבצאַנסק איז גאָר נישטאָ. קאַבצאַנסק אַליין טאַקי איז איין שטאָדט אויף דער גאַנצער וועלט, דער פּופּעק איהרער, פּונקט אין רעכטען מיטען. ווייטער, אין דער זייט, איז שוין מדבר, פּערלעגטע ערטער מיט ווילדע היות. מענשען, וואָס מענשען הייסען, אתה־בחרתנו־קעס, סאַמע צימעס, זענען נאָר דאָ. פאַר זיי אַליין שיינט די ליכטיגע זון ביי טאָג, די לבנה און שטערען ביינאַכט און גאָט האָט מעהר נישט צו טהון נאָר גיט זיך אָב מיט זיינע קאַבצאַנסקער יודען. ער גיט רעגען — יודישע ציעגען זאָלען האָבען פּאַשע; קאַלוזשעס וואַסער — בכדי זיי זאָלען פערשפּאָרען אָפּפּרעסען דאָס שטרוי פון יודישע דעכער; ער גיט טרוקענע שעהנע פּאָגאָדע — כדי די ווייבער זאָל גוט זיין צו געהן פרייטאָג אין יאַטקע, אין מאַרק אַריין, איינצוקויפען אויף שבת; ער מאַכט אַ גרויס גערעטעניש אין קאַרטאָפלעס, ציבעלעס און קנאָבעל — כדי יודעלעך, נעבעך, זאָלען האָבען, וואָס צו עסען. הכלל, ער דרעמעלט נישט און שלאָפט נישט, דער היטער פון ישראל, ער אַרבייט מעשים, קעהרט אַ וועלט, נאָר צוליעב זיי, צוליעב זיי. דערפאַר בלאָזען איהם יודען שופר, זינגען איהם אַ מלך עליון, שפּרינגען קדושה, מאַכען פון זיין כבוד וועגען אַ לאָקשען־קוגעל אויף שבת, קניידלעך און כרעמזלעך פּסח און געהען אַ טענצעל צו די הקפות שמחת־תורה... נאָך איין שטאָדט, אמת איז אמת, איז איהם געווען בעקאַנט, וועלכע האָט געשוועבט פאַר איהם עפּעס ווי אין דער לופטען, געשוויבעלט און געגריבעלט מיט גאַנצע מחנות מלאַכים, פליגעל־אַדיוטאַנטען און קוריערען פון גאָט ברוך־הוא צו די קינדער ישראל — דאָס איז די הייליגע שטאָדט ירושלים, וואו יודען האָבען אַ פייג, איילבערטען, טייטלען, מילגרוימען, און ציעגען עסען דאָרט באָקסהאָרן. נאָר, אוי־וועה! ירושלים איז אַצינד וויסט און חרוב און אויס שטאָדט, און יודישע קינדער זענען אין גלות. ווען ער האָט געזאָגט דאָס וואָרט גלות, האָט ער געמיינט דערמיט גאַווריליאַ דעם שבת־גוי, וואָס שנייצט־אָב שבת די ליכט, נעהמט אַראָב פונ׳ם טיש די מעשענע לייכטער און הייצט ביי יודען די הרובעס; אָדער טעקלע וואָס וואַשט גרעט, שווענקט־איבער געלגרינע ווינדעלעך פאַר יודישע קינדער און מעלקט די קיה; אָדער קאָנדראַט דער שכור, וואָס פאַר אַ גלעזער בראָנפען פערקויפט מען איהם דעם גאַנצען קאַבצאַנסקער המץ; אָדער דעם פּריץ, וואָס יודען האַלטען ביי איהם אַרענ־

דעם, דערנעהרען זיך דערפון מיט ווייב און קינדער, און מוזען נעבעך פון יוצא וועגען איהם צאהלען אמאל ראטע; אדער, ערגער נאך פון אלע, מיט־קא, דעם קליינעם שייגעצעל, און זשוקעל, זיין קליין הינטעל, פאר וועלכען נישט נאר קליינע יונגלעך האבען געציטערט, נאר אויך יודען מיט בערד, בעווייבטע, גרויסע תקיפים, פלעגען פאר איהם האבען דאס גיין יעהריגע און פאר איהם פאר א מייל אנטלויפען. נאר ווען זיי פלעגען איהם ווארפען א ביינדעל און זשוקעל פלעגט סלוזשען, שטעהן אויף די לאפקעס און דרע־הען מיט דעם וויידעל, פלעגען די דאזיגע יודען ווערען אביסעל דרייסטער, און בשעת זשוק פלעגט קנאקען דאס ביינדעל מיט די שארפע הינטישע צייהן, פלעגען זיי זיך מאכען קוראזש, אנריהרען איהם פון דערווייטענס מיט א שפיץ פינגער, א גלעט צו טהון איהםביים קעפעל, און, אז מען איז יא שוין א שטיקעל השוב, פלעגען זיי פרובען דערוויל טאקי אנצורייצען איהם אויף אנדערע: אטו־נא, קוסיי! — ווי דער שטיינער איז פון יודען תקי־פים...

און עס הויבט זיך אן א רייהע פון סצענקעס, איינע שענער פאר דער צווייטער: לייזער־יענקעל'ס בעציהונג צו הערשעלען; דאס שטרענגע גע־זיכט, דער שטרענגער טאן — און די גרויסע ליעבע אין הארץ. דאס פא־מיליענלעבען אין די דאזיגע קרייזען; אין הארצען איז לייזער־יענקעל גע־ווען גוט צו זיין ווייב, גוט ווי די וועלט, נאר ארויסווייזען עס בעשיינפער־ליך האט ער עס זיך געהאלטען פאר א אום־כבוד, „עפעס פריקרע, נישט שעהן פאר א יודען. ער — איז דאך ער, א מאנספערשוין, א יוד, און זי איז זי, פארט נישט מעהר, נאך אלע זאכען, ווי א נקבה, א יודענע". לייזער־יענקעל און זיין ווייב מלכה־טויבע אלס מלך און מלכה אין די סדרים־נעכט — דאס אלעס זענען אמת'ע פערעל. די קינדער־יאהרען הערשעלע'ס זענען וואונדער־ליכע קינדער־יאהרען — כמעט ווי די קינדער־יאהרען פון מענדעלע'ן אליין, א קינדהייט מיט א לאנגער שורה פון א גרויסער פאעזיע און פון גרויסע חלומות און פון א גרויסער שעהנער אויסגעלאסענקייט. בכלל זענען א זעל־כע סצענעס פונ'ם קינדער־לעבען עפעס נייעס אין אונזער ליטעראטור, און זיי בערוישען מיט זייער שעהנקייט. א מייסטער־שטיק איז דאס קאפיטעל, ווי הערשעלע טרעט אריבער די שוועל פון די קינדער־יאהרען און ער ווערט א „קליין יודעל". א וועלט פון פאנטאזיעס און חלומות וואקסט־אויס פאר

זיינע אויגען. גאַנץ באַזונדער די וואונדער־מעשיות וועגען דעם אַלטען ר׳ שמעלקע מיט זיין ווינשפינגערל, אין וועלכען ס׳איז געווען איינגעקריצט דער שם המפורש — אַ שלח־מנות פון אליהו הנביא צו ר׳ שמעלקען — אַזוי אַז וואָס ר׳ שמעלקע האָט זיך געוואונשען, איז זאָפאָרט מקוים געוואָרען. גאַנץ קאַבצאַנסק זיצט און הונגערט, קיין פרנסה איז נישטאָ, חאָטש צעריים זיך, און עס בלייבט נישט איבער ווי נאָר איין מיטעל: צו האָפען, אַז השם־יתברך וועט זיי צושיקען אַ ווינשפינגערל — און זיי פערברענגען אַ לעבען, צוהיצט און צופלאַקערט די גאַנצע פאַנטאַזיע, און זיי וואַרטען אויף אַ ווינשפינגערל. און דאַן די מייסטערהאַפטע סצענע, ווי די קאַבצאַנסקער זיצען אין בית־מדרש און דערצעהלען מעשיות: וועגען גוג־ומגוג, וועגען אַרמילוס הרשע, וועגען משיח בן־יוסף מיט דעם רשע אַרמילוס, וועגען די ערשטע תקיעה, ווען די טויטע שטעהען אויף תחית־המתים — דער דלות אין קאַבצאַנסק שווישטשעט — אַ שרעק, און די יודישע קינדער זיצען מיט פערלעגטע הענד און חלומ׳ען און קרעכצען און זוכען וואונדער פון הימעל; זיי וואַרטען אויף אַ מופת. און דאַן דאָס וואונדערליכע פערהעלטניש פון הערשעלען צו אַ קליין מיידעלע, אַ שכנ׳טע, ביילע — אַ מין שטילע ליעבע, וואָס נאָר זייביידע האָבען זי געפיהלט און קיין מענש האָט פון איהר נישט געוואוסט. וויל מען אָבער וויסען, ווי וועיט די קראַפט פון אַ מייסטער גרייכט, אַ סצענע אויסצומאָלען, אַ אידיליע, וועלכע מען וועט זי קיינמאָל נישט מעהר פערגעסען, ווען מען האָט זי אַ מאָל געלייענט, מוז מען זיך בעקאַנט מאַכען מיט דער פאָלגענדער סצענע:

„איך די הייזער ברענט נישט קיין ליכט. טהיר און טויער זענען אָפען. מען עסט וועטשערע פאַר דער לבנה. נאָך דער וועטשערע שיטען זיך, ווי די מורעשקעס, ארויס פון די הייזער מאַנסבילען אָהן קאַפאָטעס, אין די איין טלית־קטנ׳ס, ווייבער צעשפיליעט, נאָר אין די אונטערשטע קליידלעך, קינדער אויסגעטהון האַלב־נאַקעט. שכנים, אַ גאַנצע קופע, לעגען זיך אויס אין דרויסען, יונג און אַלט, קינד און קייט, אַלע אינאיינעם. גילדענע פאַסען פון דער לבנה שלאָגען זיך דורך ערגעץ צווישען דעכלעך, ציהען זיך איבער קעפ, איבער פיס אין דער קופע מענשען, קריכען ווייטער, ווייטער, טאַנצענדיג אויף ווענד, אויף פּלויטען, און ווייזען־אָן דאָ אַ קאַץ, וואָס דראַפּעט זיך, נישטערט אויף אַ דאַך, דאָרט קיה אויסגעשטרעקט אויף דער

גאַס, מעלה־גרה׳ן, אונטערשמייסענדיג זיך פאַמעליך מיט די ווידלעך, און קייכען, זיפצען מיט אַ כריפ, עפּעס ווי פונ׳ם בויך. די ערשטע עטליכע מי־נוט איז איטליכער בעשעפטיגט מיט זיך, מען געהנעצט, שלוקערצט, מען טרייבט פליה און מען קראַצט זיך. ווייבער הויבען דערווייל אָן דעם שמועס וועגען דער היינטיגער וועטשערע, איטליכע מיט איהרם: ביי דער זענען די שטשיפּקעס בע׳טעמ׳ט געווען אַזוי, אַז דער מלכות האָט עס געמאַכט עסען, ביי יענער איז דער אַרבעס צעקאָכט געוואָרען אַזוי ווייך, ווי מאַרך, אַז מען האָט געלעקט די פינגער. איינע דערצעהלט דאָס גרויסע גליק, וואָס זי האָט געטראָפען: פאַר אַ גראָשען האָט זי געהאַנדעלט אין מאַרק אַ מציאה— אַ רעטיך, גרויס ווי דער קאָפּ, פון וועלכען מען האָט גענוג געגעסען אין דער פריה, אויך אַצינד אויף דער נאַכט, און ס׳איז נאָך איבערגעבלי־בען אַ היבשער שטיק אויף מאָרגען, מען זאָל לעבען און געזונד זיין! אַלע רעדען הויך אויף אַלערליי דינע, קוויטשעדיגע קולות. די מאַנען ברומען לעת־עתה אונטער, מישען זיך אַריין נאָר ווי פון יוצא וועגען, גלאַט אַזוי מיט אַ וואָרט. זיי לעגען זיך דערנאָך מיט דעם בויך אַרויף, און, פערקוקענדיג זיך אויף דעם אויסגעשטערענטען בלויען הימעל, נעהמט מען זיך געשמאַק שמוע־סען, וואָס טהוט זיך אַזוינס דאָרט אויבען. די לבנה ווייזט זיך אויפ׳ן אָרט, וואו דער עולם ליעגט; מען קוקט אין איהר אָן די ליכטיגע צורה פון יהור־שע און איטליכער מאַכט: אוי, אַ נאָז מיט אויגען!... איציק און בערעל, וואָס האַלטען זיך פאַר שטיקלעך שטערענזעהער, חקרנים, טייטלען מיט פינ־גער אויף דעם „אַלף־בית" פון די שטערען און האַמפּערען זיך וועגען דעם „תיו" און „חית". דער איבעריגער עולם טהוט צוליעב זיי ביידע. איטליכען פון די צוויי חקרנים, וואָס טייטעלט איהם מיט אַ פינגער, גיט מען גערעכט, שווערענדיג זיך: יאָ, אמת טאַקי, איך זעה, זעה, ווי איך בין אַ יוד! — אַי, אַי! — צושרייט זיך שטאַרק פערוואונדערט אַ יוד — עפּעס אַזוי פיעל שטערען דאָרט, דאָרט אין די געפלעקטע, ווייסליכע פאַסען, אָנגעזעצט ווי מאָהן! אַזוי פיעל רענדלעך ווינש איך מיר צו האָבען... — געהט שוין, געהט! — מאַכט דער אַנדערער — איך לאָז פאַר וועלוועלער, פאַר איט־ליכעס שטערענדעל אַ קאָפּיקע. — עס געפינען זיך בעלנים אויף נאָך וועל־וועלער, צוויי, פינף, צעהן פאַר אַ גראָשען. און בשעת יודען טאַרגעווען זיך דאָ אַזוי, רעכענען, צעהלען, לאָזען אַראָב די מקחים און וואַרפען דעם

קורס פון די שטערען, זיצט דאָרט אין דער זייט איינער עפּעס אַליין, דרש׳ענט און זאָגט גלייכע ווערטלעך. די ווייבער אַרום איהם שרייען קלאָמפּערשט: „פע, געגוג!״ פּערשטעקענדיג זיך די אויערען, הערען זיך אָבער זעהר גוט צו און קייכען פאר געלעכטער... קינדער זיצען אויך נישט לעדיג, קיצלען זיך, דערלאַנגען איינער דעם אַנדערען אַ קלאַפּ, שנעל אין דער נאָז הינטען אַרום. דער פון דער נאָז טהוט אַ קוויטש, יענער פון׳ם שנעל מאַכט זיך צום תם, נעבעך גאָר אַ צדיק אין פּעלין, און בייזערט זיך קלאָמפּערשט: אַש! אַש! — מאַמעס שעלטען די קינדער: בענומען זאָלען זיי, חלואי, ווערען, און זענען זיי אגב טאַקי מכבד מיט אַ קניפּ. די טאַטעס וואַרפען אַוועק די טאָרגעס און פאַלען פּלוצים פון׳ם הימעל אַראָב אויף דער ערד. דעם האָט אַ זשוק זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין באָרד, יענעם — אין די פּאות, דעם דריי־טען קריכט עפּעס אונטער׳ן העמד דאָרט אויפ׳ן רוקען. אַ רויטע קוה, אַ פּרעסעדרין, פון וועלכער עס האָט זיך אָבגעטהון דער שלאָף, פּערקריכט, ביי שטשיפּען גראָז, אין דער זייט גאָס ביז צו דער גאַנצער עדה יודען, דרעהט זיך צו זיי אויס מיט דעם הינטען, מחילה, און פיהרט זיך עפּעס אויף, פע, נישט מיט דרך־ארץ. אַלע זידלען זי מיאוס אָב, טרייבען זי און שרייען: היידאַ! אין איין קול. זי דרעהט זיך געשווינד אויס פון יודישע הענד און לויפט אַהין אין איהר רוה אַריין. דערפון שפּינט זיך עפּעס אַ לאַנגער שמועס: וועמענס קוה איז דאָס? וויפיעל מילך גיט די קוה? וויפיעל איז די קוה ווערט? „שאַ, וויפיעל, מיינט איהר, יודען״, טהוט פּלוצים איינער אַ פרעג, „זאָל ווערט זיין די גאַנצע קאַבצאַנסקער טשערעדע, שוין מיט די ציעגען אינאיינעם?״. איינער שאַצט עס אַזוי פיעל, דער אַנדערער — אַזוי פיעל, דער דריטער ווינטשט זיך דאָס צו האָבען, וויפיעל עס איז ווערט מעהר. איטליכען בעזונדער כאַפּט־אָן אַ ווינשעניש, און מען ווינשט, ווינשט, ביז די צונג ווערט מיעד רעדענדיג און מען הערט פון דערווייטענס, ווי איינער בראָפּעט שוין אָהן עין הרע געשמאַק. די מאַנען טרייבען די ווייבער: קומט שלאָפען! די ווייבער מיט זייער חן קווענקלען זיך קלאָמפּערשט: עס גלוסט זיך זיי גאָרנישט געהן אין בעט אַריין און זיי וואָלטען די גאַנצע נאַכט געזעסען דאָ אין דרויסען געשלאָפען. אַ יונג פּאָר־פּאָלק געהט אַוועק באַלד טאַ־קי, די איבעריגע מאַכען שהיות, דינגען זיך, ביז פון ערגעץ אַ ווינקעלע שפּרינגט אַרויס פּלוצים אַ ציעג, וועלכע אַ פּאָר ווייסע־חברה־ניקעס האָ־

בען איבערגעשראָקען, אונטער׳גנב׳ענענדיג זיך שטילערהייט צו איהר אויף דער פריזבע דאָרט; זיי נאָך איהר, און זי אין גרוים איילעניש, יאָגעניש, פוץ אריין צווישען די קופע יודען. עס ווערט א מהומה, א קאָכעניש, מען גיט זיך א הויב אויף גיך, און בטלנ׳דיג חלומות, צעלויפט מען זיך געשווינט, איינער נאָך דעם אנדערען, נישט זאָגענדיג אפילו „א גוטע נאכט!״—

דאָס איז איינע פון די מייסטערהאַפטסטע סצענעס, וועלכע אבראמאָוויטש האָט אונז געמאָלט.

אין דער דאָזיגער ערצעהלונגען פאסט אָן און מאָלט אונז אבראמאָוויטש אויך די יודישע נשמה, דעם שוואַר־פונקט פון דעם יודענס גייסטיגען לעווען. וועהרענד ער האָט אין די ביז־איצטיגע ערצעהלונגען געזעהן נאָר דעם דלות און ווי ווייט דער דאָזיגער דלות האָט פערקרימט דעם יודענס גוף, האָט ער דאָ אריינגעבליקט אין די טיעפענישען פונ׳ם יודענס נשמה און האָט דערבליקט די ליכטיגקייט פון איהר. דער יוד מיט זיין תורה, דער יוד מיט זיין זינגען וועהרענד ער זינגט זיך און דערקלערט זיך אליין דעם פירוש־המלות פון „הבן יקיר לי אפרים. א טייער זוהנדעל איז מיר אפרים לעב, אם ילד שעשועים, א קינד א טרייסט כי מדי דברי בו, ווען איך רעד פון איהם זכור אזכרנו עוד, קומט ער מיר אויפ׳ן זינען אלץ מעהר, על כן המו מעי לו, דאָס הארץ געהט מיר אוים נאָך איהם, רחם ארחמנו נאום ה׳, א גאָט׳ס רחמנות, נעבעך, אויף איהם״, דער יוד אין סליחות־צייט און דער יוד אין די ימים־נוראים — דאָס אלץ האָט ארויסגעריסעןביים קינסטלער פון הארצען טענער, וואָס לאָזען אונז דערציטערט ווערען, הערענדיג זיי.

און בילדער יאָגען בילדער, און איינס שענער פאַר׳ן אנדערען.

הערשעלע פאָהרט מיט׳ן פאָטער, וועלכער דאַווענט אין גלופסק מוספים די ימים־נוראים, אהין קיין גלופסק. הערשעלע בלייבט דאָרט לערנען אין בית־מדרש, און דער פאָטער פאָהרט צוריק אהיים קיין קאבצאנסק. הערשעלע ווערט א יתום, און ער לערנט און לערנט אין די גאַנצע שטאָדט האָט איהם ליעב. „רבונו של עולם! וואָס ליעגט אזוינס אין דיין הארטער באַנק אין בית־מדרש, אז דער, וואָס נעכטיגט אויף איהר איבער א נאכט מיט דעם קולאַק צו־קאָפּענס, שטעהט דעם אנדערען טאָג אויף עפּעס גאָר אנ׳אנדער מענש, ווי ניי געבוירען? שוין יעקב אָבינו, אז ער האָט אין וועגדענסמאָל, ביי זיין אוועקלאָזען זיך פון דער היים, אונטערגענעכטיגט אין

„יענעם אָרט" אויף א הארט געלעגער, צושפּארענדיג דעם קאָפּ אויף א שטיין — האָט באלד ביים אויפשטעהן אין דער פריה געשפּירט: אין זה, נישט אַנדערש, כי־אים בית־אלהים, דאָס איז א בית־מדרש, וזה שער השׁ־מים, און דאָ איז א טויער צום הימעל! ליעגענדיג אויפ'ן הארטען געלעגער גאָר אין דעם ערשטען בית־מדרש, נאָך אָהן וואנד, אָהן א דאך און אָהן א'אונטער־איווען, האָט ער שוין דערזעהן — פייערדיגע מלאכים, וואָס האָבען איהם אין די אויגען זיך געדרעהט ארויף און אראָב, עפּעס אויף א הויך לייטערעל פון דער ערד ביז העט־העט אין הימעל אריין"... אזוי זאָגט אבראמאָוויטש שירה לכבוד דעם אַלטען בית־מדרש...

און דאַן: „עס ציהט זיך גאָט'ס גרויסע וועלט אין דער לענג, אין דער ברייט, אָהן א סוף און אָהן אַנ'עק. אין דער מיט וועלט, אויף דער קיילעכדיקער ערד, איז דאָ א קליין פּלעקעלע, ווי א פליעג האָט איבערגע־לאָזט — דאָס איז גלופּסק. אין דעם דאָזיגען פּלעקעלע איז דאָ א פּינ־טעלע — א באַנק. און אין דעם ברעקעל פּינטעלע ליעגט נאָך א פּיצענקעלע פּינטעלע — א מין בעשעפעניש אזוינס, וואָס הייסט הערשעלע" — און פון הערשעלעס נשמה געהען ארויס פעדימלעך, און ציהען זיך, ציהען זיך, העט־העט, אזש קיין קאבצאַנסק, און די נשמה קלעטערט, קאראבקעט זיך אַהין, אהין — אהיים, עס סוד'עט זיך א הארץ מיט א הארץ, שושקעט זיך א נשמה מיט נשמה, גיסען זיך איינער פאַר דער אַנדערער אויס און שמועסען זיך איבער שטיל אָהן ווערטער...

און נאָך א סצענע: ביי אַנ'אָרימאַן, א טאַנדעטניק, אין דער היים. די מאַמע מיט די טעכטערלעך זענען ביי דער הויז־ארבייט, ווען דער מאַן איז אינדערהיים נישטאָ, און די מיידלעך העלפען דער אָרימער מאַמע אין דער אָרימער ווירטשאַפט און מאַכען דעם שרעקליכען דלות אביסעל וועניגער שרעקליך. א גרויסער העלער ליכט־שיין ברעכט זיך אריין אין דעם דאָזיגען אָרימען הויז. אהערליכע אידיליע, ווי די דאָזיגע, לייענט מען זעלטען.

הערשעלע אָבער ענטוויקעלט זיך דערווייל מעהר און מעהר און ווערט א הערשעל. א הערליכער מענש וואַקסט אויס. ער פאָהרט קיין אויסלאַנד און ווערט אגעלערענטער. קומענדיג צוריק אהיים, פאָהרט ער אויך אין זיין געבורט־שטאָדט. נאַטירליך קומט ער דאָרט אָן נאָך א פּראָגראָם — א

פּאָגראָם אין קאַבצאַנסק, ווייל די קאַבצאַנסקער עקספּלואַטירען דאָס לאַנד!...

אין דער דאָזיגער ערצעהלונג האָט אַבראַמאָוויטש ארומגענומען נישט נאָר דאָס גאַנצע יודישע לעבען פון עק ביז עק מיט אַלעם, וואָס טהוט זיך אָב דערין אין לויף פון 24 שעה, בייטאָג און ביינאַכט, אין דערוואַכען און שבת אין יום־טוב, נאָר ער איז אויך געוואָרען דער מאָלער פון טיפּען, — א גאַנצע מחנה פון אָריגינעלע, מערקווירדיגע מענשען. פיגורען ווי רייזע די בעל־אַכסניא׳טע, טריינע־סאָסיע די קעכין, דער אַלטער ר׳ אברהם מיט׳ן „זוהר" און מיט דער לירישער נשמה, דער יונגעל משה׳לע, שמואל׳יק דער טאַנדעטניק — הויפּטזעכליך ווי ער ברענגט־צו דעם שבת־קודש אינדערהיים בקדושה ובטהרה — שניאור־וואָלף דער כאַפּער, ר׳ רפאל לובלינסקי דער משכיל׳דיגער סוחר — א מין למדן־ווניק פון די בעהאַלטענע משכילים — ר׳ אשר דער מעקלער מיט זיין מין רעדען און זיין גאַנג און זיין פרנסה, לייב־צי דער רויטער, וועלכער באַרגט געלד אויף פּראָצענט, ער און זיין ווייב און זיין איידעם און זיין שעהנע טאָכטער, וועלכע ווערט א געלערנטע, האָ־דעל די מעקלערין פון די לעבעדיגע סחורה, מענדי, וועלכער איז א מין „אַל־פאָנס", לוי־בחור מיט׳ן גוטען הייזעל, זיין ווייב שיינצע די „מוהמע", „די מערקין" און די „פירשטין" און מאַלווינקע און די איבעריגע מיידלעך אין איהר הויז, רחלין דער אַקציזניק און ריבקין דער סטודענט און מיכאל סאַ־פיר דער פּאָדריאַדטשיק — דאָס זענען אַלץ טיפּען, א גאַנצע מחנה פון אָריגינעלע, מערקווירדיגע מענשען.

נאָך מעכטיגער אָבער ווייזט זיך אַבראַמאָוויטש אין זיין לעצטער ער־צעהלונג, אין „שלמה ר׳ חיים׳ס" — „א בילד פון יודישען לעבען אין דער ליטאָ".

אַלעס, וואָס מיר געפינען אין די פריהערדיגע דריי ערצעהלונגען בע־זונדער, געפינען מיר אין דער דאָזיגער איינער ערצעהלונג צוזאַמען; די שאַרפע בייסענדע סאַטירע געגען די שרעקליכע הוילקייט אינ׳ם לעבען פון אַנ׳עדה פון אומגליקליכע; דאָס גרויסע, הייסע רחמנות אויף דעם אונענד־ליכען אומגליק פון גאַנץ פאָלק; דער ריינער לירישער טאָן, וועלכער צוגיסט זיך ווי א פיידעל און לאָזט דערציטערען אַלע פעדים פונ׳ם הארץ, און יענע ווייכקייט און זיסקייט, וועלכע בערוישען דורך זייער עכטקייט; די נאַטור־

שילדערונגען אין זייער אונענדליכער פראכט; די פערשידענסטע טיפען, אַלטעגליכע און אויסנאהמליכע, מיט זייער חיצוניות און זייער פנימיות — נאָר איז דאָס בילד פון׳ם „דלות״, ווי מיר קענען עס פון „פישקע דעם קרומען״, געוואָרען דאָ אַ סך בולט׳ער, און דער שפּאָט, וועלכער שניידט אום׳ברחמנות אויף רעכטס און אויף לינקס אין „מסעות בנימין השלישי״, איז דאָ געוואָרען אַ סך שאַרפער, און דאָס גרויסע מיטלייד מיט דער יודי־שער נשמה און מיט דעם עלענד און אומגליק פון אַ גאַנץ פאָלק האָט דאָ געפונען זיין אויסדרוק טייזענד מאָל שאַרפער ווי אין „ווינשפינגערל״. דאָס איז דאָס בוך איבער אַלע ביכער, וואָס אבראַמאָוויטש האָט אונז גע־שריבען.

די ערצעהלונג האָט די פאָרם פון אַנ׳אויטאָביאָגראַפיע. די מענשען, וועלכע קומען דאָרט פאָר, דערקענט מען זאָפאָרט, אַז זיי זענען לויט לעבע־דיגע מוסטערען: ר׳ חיים דער טאַטע פון׳ם קליינעם שלמה און שרה זיין מאַמע און ליפא דער מלמד. אַ פאָרטרעפליך געצייכענטע פיגור איז די פי־גור פון יאכנע־סאָסיע אָדער „לייבציכע״, אַ יודענע אַ מייסטערין אויף וואונ־דערליכע מעשיות צודערצעהלען, און אַזוי אויך פראדעל דאָס קליינע מיי־דעלע (זעהר ענהליך צו דער הערליכערביילע אין „ווינשפינגערל״). אָדער די פיגור פון אייזיק חקרן, מיט לייזקע און ר׳ נחום רויזעבער מיט זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל, און הערצעל קייל׳ע׳ם דער סטאָליאַר, אין וועלכען עס לעבט אַ קינסטלער־נשמה, וואָס רייסט זיך תמיד אַרויס צום ליכט, און נאָך און נאָך— לויטער מערקווירדיגע פיגורען. דער גאַנצער שאַץ פון מענשען, וועלכע די יודען־גאַס האָט אַרויסגערופען, איז דאָ אויפגעצעהלט.

און בילדער — איך מוז איינס פון זיי דאָ ברענגען. דער איינדרוק פון׳ם דערלעבטען מוז זיין געווען זעהר שטאַרק אין דער נשמה פון׳ם קליי־נעם אבראַמאָוויטש אַלס קינד, אַז נאָך אין די שפּעטסטע יאָהרען און נאָכ־דעם ווי ער האָט שוין דאָסזעלבע אין אַנ׳אַנדער אָרט אמאָל געצייכענט, האָט ער זיך געפיהלט געצוואונגען, עס נאָך אַ מאָל צו דערצעהלען:

„נאָך דעם ערשטען משמר אַרום האַלבע נאַכט, אַזוי שטעהט געשריבען וויעהט אַ צפון־ווינטעלע און די וואַכען פון די מלאָכים בייטען זיך דאָרט אין הימעל. עס גיט, אָט דאָס ווינטעלע, דעם מלאך גבריאל אַ ריהר, און ער שרייט אויבען זעקס קולות אויס, לייענט דערנאָך פון אַ בוך אַרוים די

מענשענס אַלע מעשים, וואָס ווערען אָבגעטהון ביי טאָג. פון איהם דאָרט גיט עס אַ טאָרע אונטער די אַ קול. אי אויבען אי אונטען ווערט אַ געטומעל: דער האָהן קרעהט אויף דער ערד און גבריאל אויף'ן הימעל. דענסמאָל לאָזט זיך גאָט פון דרייהונדערט נײַנציג הימלען אַראָב אין גן־עדן אַריין. כיתות מלאכים לויפען פאָראויס און זאָגען שירה: „עפענט, טויערען, ברייט זיך אויף — עפענט הויך זיך ביז אַרויף — אַ איהר אייביג פעסטע טהי־רען — קומען דאָז דאָ גאָט שפּאַצירען!" — עס זינגען אויך די בוימער אין גן־עדן, גיבען פון זיך אַרויס זיסע, שמעקעדיגע ריחות פון בשמים. אָט איז ער שוין אַריין, גאָט דער מלך, מיט זיין כבוד אַליין — שאַ! מלאכים אויף זייערע ערטער שטעהען מיט גרויס דרך־ארץ און שווייגען. פול מיט רחמנות קוקט ער אויף די הייליגע נשמות פון די צדיקים און קדושים דאָרט, קוקט און שאָקעלט מיט דעם קאָפּ פּלוצים לאָזט ער אַרויס אַ געשריי, אַ ברומען, ווי אַ לייב; דאָס וויינט ער, קלאָגט אויף'ן חורבן בית־המקדש, אויף ירושלים, די וויסטע שטאָדט, אויף ציון, די ביטערע אלמנה, אויף די קינדער ישראל זיינע, וואָס אין גלות — און צוויי הייסע טראָפּענס טרעה־רען פאַלען איהם אויס די אויגען גלייך אין דעם גרויסען ים אַריין... אַזוי וויינט גאָט דריי מאָל אַלע נאַכט אין זיינע הימלען. גוטע־פרומע יודישע קינדער לאָזט עס נישט איינליעגען; זיי שטעהען־אויף ביינאַכט פון די געלעגערס, ריכטען־אָב חצות, וויינען זיך אויס פאַר דעם זיסען באַרעמהער־צעדיגען פאָטער אין הימעל — און דאָס יודישע האַרץ פיהלט עפּעס דענס־מאָל אַ מין בעזונדערען טעם, זיס־ביטער און זויער אינאיינעם... שלמה'לע געהט פאַרטאָג איבער דער גאַס, דאָס שטעדטעל שלאָפט. לבנה און שטערען שטעהען אין הימעל אויף דער וואַך. עס דוכט זיך איהם, דאָרט, אויבען, טהוט זיך עס אַצינד עפּעס גאָר אַ שרעק. טהוט פון ערגעץ אַ בלאָז, דאַכט זיך איהם, יענס צפון־ווינטעלע, דאָס גוטע ווינטעלע, וואָס וויעהעט אונטער די פליעגעל פון מלאכים, וואָס האָט אַמאָל אויך געבלאָזען אויף דוד המלך'ס פידעלע, איהם צו־קאָפּענס ביינאַכט אויף'ן געלעגער, און עס האָט זיך געשפּיעלט זיסע, געמליכע ליעדער. זשוזשען ערגעץ בוימער אין אַ גאָרטען — דאָס זשוזשען דאָרט די בוימער אין גן־עדן. קרעהט ערגעץ אַ האָהן — דאָס זאָגט ער שירה. און זענען איהם די האָר, דאָס פּנים, פייכט פון טוי־טראָפּען — דאָס זענען גאָט'ס טרעהרען, דאָס וויינט ער, יאָמערט

אויף זיינע פערוואָגעלטע קינדער. עס שלאָפט נישט, עס דרעמעלט נישט דער היטער פון ישראל!... עס צושפּיעלט זיך שלמה'לען די געבליטען, זיין כה הדמיון איז פלאַם־פייער, דאָס האַרץ צוגעהט איהם שיער פאַר גרויסע געפיהלען — און ער נעהמט זיך לערנען מיט חשק, געשמאַק אויף אַ ניגון"...

עס איז דער גרויעסר טרוימער אין דער יודען־גאַס, דאָס יודישע קינד, וואָס איז געבוירען צו זיין דיכטער ווייס עס אַליין נישט.

און געהט מען דאַן אַוועק פון דעם דאָזיגען מייסטערהאַפטען ווערק צו די קלענערע ערצעהלונגען אַבראַמאָוויטש'עס, וועלען מיר זיך נישט וואונדערען, וואָס די טיפען און די סצענקעס דאָרט זענען אַרום און די־זעלביגע, וועלכע מיר האָבען שוין טיילווייז געהאַט אין דער גרויסער ערצעהלונג. די קלענערע זענען פאַר אונז נאָר אַ מין „תיקון ליל שבועות" — און מיר וואונדערען זיך נאָר אויף די געשיקטליכקייט פונ'ם דאָזיגען מייסטער, ווי ער האָט געקענט אַזוי פיעל געשטאַלטען און בילדער צונויפדרענגען אין אַזאַ ווינציגער פאָרם.

און הויפּטזעכליך מוז מען בעוואונדערען די איינפאַכקייט פון דער מעשה און פון דער טעמע ביי מענדעלע'ן. מענדעלע אַליין פּרובט אונז צו געבען די ערקלערונג דערפון: — „באמת טאַקי, וואָס האָט מען צו דערצעהלען פון אונזער לעבען אין מיינע צייטען? איבערראַשט די וועלט מיט גרויסע וואונדערליכע זאַכען האָבען מיר נישט; קיין גראַפען, פּריצים און גענעראַלען און גרויסע שיסערס זענען מיר נישט געווען; קיין ראָמאַנען מיט „יפהפיות" האָבען מיר נישט געשפּיעלט. שלאָגען זיך אויף דועלען ווי די בעק, אָדער זיין ווי עדות, צוקוקען, ווי צוויי פערגיסען זיך דאָס בלוט, האָבען מיר נישט געפּרובט, און טאַנצען קאַדרילען מיט נקבות אויף בעלער האָבען מיר נישט געקענט, און אויף געיעג אין פעלדער און וועלדער צו כאַפּען בערען, זענען מיר נישט געגאַנגען. געררייזט אויף אייגענע שיפען איבער ים'ען, אויפצודעקען נייע אינזלען, האָבען מיר נישט. מיט טענצערינס און אַקטריסעס האָבען מיר קיין געשעפטען נישט געהאַט, און איבער פּרימאַדאָנעס און אָנטהון זיך די גרויסע פערגעניגענס האָבען מיר זיך נישט אויסגעבראַכט. בקיצור, אַט די אַלע צימעסלעך צום ספּור־המעשה, ער זאָל זיין געשמאַק און נעהמען דעם עולם — אַט דאָס אַלסדינג איז נישטאָ ביי

אונז. און אַנשטאָט דעם האָבען מיר אַ מלמד מיט חדר, מיט אַ בעהעלפער, שרכנים, חתנים, כלות מיט ווייבער, קליינוואַרג, חלוצות און עגונות, אַל־מנות און יתומים, נשרפים, געפּאַלענע און אָבגעקומענע, אַלע סאָרטען אָרימע לייט, אַרומגעהענדיגע איבער די הייזער ערב־שבת, ערב־יום־טוב, ראש־חודש און גלאַט אַזוי זיך מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, בטלנים, גבאים, מקבלים און צדקה־פּושקע, אַלע מיני פּורעניות, דלות, קבצנות און אַלערליי מיני משונה'דיגע פּרנסות — אָט דאָס איז אונזער לעבען, אַז אָך און וועה איז צו אונז! אַ לעבען, מ'שטיינס־געזאָגט, אָהן נחת, אָהן אַ רוהיג געמיט... אַ פינסטערס, אָהן אַ שיין, אָהן אַ שטראַהל־ליכט. אַ לעבען, וואָס האָט אַ טעם ווי אַ געקעכטס אָהן פעפער און אָהן זאַלץ — — — אָבער דערפאַר האָט עס אין זיך אַ מין יודישען טעם, וואָס ס'איז נישטאָ זיין גלייכען. ס'איז דאָ אַ מין קעז, וואָס ער איז מיט ווערעם, און די מבינים, וואָס פערשטעהען זיך אויף דער אכילה, צאָהלען דערפאַר אין טאָג אריין און עסען דאָס מיט אַ מאָרנעם אַפּעטיט. אָט די ביטערקייט, וואָס איז אין אונזער לעבען, אָט דאָס איז טאַקי די גאַנצע חשיבות זיינע—". אָ, די דאָזיגע ביטערקייט, וואָס איז אין אונזער לעבען!

און וואָדער זאָגט אונז מענדעלע: „עס איז נישטאָ קיין איינציגער פון אונזערע לייט, וועלכער זאָל נישט האָבען אַ שטיקעל שייכות, מעהר אָדער ווייניגער, צו גלופּסק, און עס זאָל נישט שטעקען וועניגסטענס אַ הונדערט־סטעל אָדער אַ טויזענדסטעל פון איהרע אייגענשאַפטען אין איהם".

*

*   *

פאַר פינף און צוואַנציג יאָהר בערך, ווען מען האָט אָנגעהויבען צו איבערזעצען מענדעלע מוכר־ספרים'ס ווערק אין אַנדערע שפּראַכען און איינער פון די פּוילישע שריפטשטעלער האָט עקסטראַ זיך אויסגעלערענט יודיש, כדי ער זאָל קענען איבערזעצען אויף פּויליש דעם „מסעות בנימין השלישי" און „די קליאַטשע", האָבען די פּוילישע שריפטשטעלער געהאַט אַריינגעלאַדען אבראַמאָוויטשען, ער זאָל קומען צו זיי, כדי איהם אָבצוגע־בען כבוד, און ווען ער איז געקומען, האָבען זיי איהם געמאַכט אַ באַנקעט

און האָבען רעדען געהאַלטען, גרויסע, פייערדיגע רעדען, און האָבען איהם אינ׳ם הימעל געהויבען, און די פּוילישע צייטונגען האָבען אַרטיקלען וועגען איהם געשריבען, גרויסע, פייערדיגע אַרטיקלען, און האָבען איהם זיין כבוד אָבגעגעבען — פון יודען אָבער איז דענסמאָל נישט געווען קיין איינציגער מענש, וואָס זאָל האָבען פערשטאַנען, ווי גרויס דער דאָזיגער שריפטשטעלער איז, און עס האָט זיך קיינער נישט געמישט אין די דאָזיגע שמחה. זינט דענסמאָל זענען אַוועק פינף און צוואַנציג יאָהר און אַבראַמאָוויטש איז ווידער געקומען צו פאָהרען אין דיזעלביגע מקומות — און ווי זענען די צייטען אַנדערש געוואָרען! דאָס פאָלק האָט פּלוצלינג אָנגעהויבען צו פערשטעהן, ווער און וואָס מענדעלע איז איהם.

זיין רייזע איז געווען, אין גאַנצען זין פון׳ם דאָזיגען וואָרט, א טריאומף־רייזע פון א העלד, וועלכער קומט צוריק פון דער מלחמה. דאָס טריאומף־טויער האָט געגרייכט פון ווילנאַ ביז ביאַליסטאָק, פון ביאַליסטאָק ביז וואַרשאַ און פון וואַרשאַ ביז לאָדז. צו אַזאַ נסיעה האָט נישט זוכה געווען נאָך קיין שום שרייבער, און נישט נאָר א יודישער. ס׳איז געווען די רייזע פון א פירשט. טויזענדער מענשען האָבען געוואַרט ביי יעדער סטאַציע, טויזענדער מענשען האָבען זיך געדרענגט און געשטופּט נעהנטער צו איהם און זענען גליקליך געווען, ווען ס׳איז זיי געלונגען א מינוט איהם די האַנד צו דריקען אָדער אויך נאָר א קוק צו געבען איהם אין פּנים אריין.

און איך געדענק: אין לאָדז זענען געשטאַנען צעהנטויזענדער מענשען פערזאַמעלט אויף דער גאַס און האָבען געוואַרט פאַר׳ן האָטעל, וואו אַבראַמאָוויטש האָט געוואוינט. דאַמען זענען געשטאַנען אין זייערע העלע קליידער מיט בלומען אין די הענד. פון מינוט צו מינוט האָט זיך געהערט דאָס שרייען: „עס לעבע מענדעלע״! עס לעבע דער זיידע!״ און ווען דער שריפטשטעלער האָט זיך געוויזען אויף א מינוט ביי׳ם פענסטער אָדער אויפ׳ן באַלקאָן, איז דאָס שרייען געווען כמעט אָהן א סוף. שטונדען־לאַנג האָט נישט מענדעלע און נישט מיינע מענשען, וועלכע זענען מיט־געווען מיט איהם אינ׳ם האָטעל, געקענט אַרויס אויף דער גאַס. ס׳איז פּראָסט געווען לעבענס־געפעהרליך. מיר האָבען פערשידענע מיטלען געזוכט און מיר האָבען זיך, ווי עס איז, דורכגעשלאָגען און מיר זענען אריין אין א וואַגען. פּלוצלינג אָבער האָבען זיי איהם דערקענט — און וואָס איך האָב דענסמאָל געזעהן, וועל

איך נישט מעהר אזוי גיך זעהן. צוזאמען מיט איהם בין איך געזעסען אינ׳ם וואגען, און טויזענדער מענשען זענען געווען ארום אונז, און זיי האבען געפרובט, דעם וואגען, צוזאמען מיט׳ן אלטען, אויפצוהויבען. ענדליך האבען זיי איהם געהויבען — און א שרייען: „עס לעבע מענדעלע! עס לעבע דער זיידע!" האט זיך ארויסגעריסען פלוצלינג פון טויזענדער קעהלען. און ווי זיי האבען איהם געהויבען — האב איך געפיהלט, אז איך בין מיט איהם מיטגעהויבען געווארען.

ד״ר י. ל. קאַצענעלסאָן

פון פעטערבורג קומט מיר אָן די נאַכריכט, אַז די פריינד פון יודי־שער ליטעראַטור און יודישער וויסענשאַפט האָבען דאָרט מיט עטליכע טעג צוריק געפייערט דעם יובילעאום פון ד״ר יהודה ליב קאַצענעלסאָנ׳ס 135 יאָה־ריגער ליטעראַרישער טעטיגקייט. אין אַ גאַנצער רייה פון שעהנע רעדען האָבען זיי איהם געפייערט. זיי האָבען גערעדט ווער פון זיין שעהנער ליטע־ראַטור, ווער פון זיין וויסענשאַפטליכער ארבייט, ווער פון זיין געזעלשאַפט־ליכען טהון. איך מוז זאָגען דעם אמת: איך פון מיין זייט וואָלט וועלען רעדען מעהר פון אַלעם וועגען דעם מענש אין איהם. קום איך אָבער איצט, כדי מיין פליכט צו טהון און מיינע עטליכע ווערטער צו זאָגען, קומט עס מיר פלוצלינג אָן עפּעס אַזוי מערקווירדיג שווער. מיר איז ווי איך וואָלט פלוצלינג געווען געצוואונגען צו רעדען וועגען זיך זעלבסט און אַרויסצו־טראָגען אויפ׳ן גרויסען מאַרק דאָס אינטימסטע און פערבאָרגענסטע אין מיר. קאַצענעלסאָן שטעהט מיר צו נאָהנט. מיט איהם צוזאַמען האָב איך אַמאָל גע׳חלומ׳ט און געפורעמט דעם מאָדערנעם העברעאישען פעליעטאָן אין דעם געליעבטען „היום״, מיט איהם צוזאַמען האָב איך אַמאָל געגרינ־דעט און אַרויסגעגעבען דעם פעטערבורגער „הזמן״, מיט איהם צוזאַמען האָב איך אַמאָל אויף שפּאַצירגענג אָדער אין שטילען אַרבייט־צימער פאַנטאַזירט און געפּלאַנט דעם אויסבוי פון אַ יודישער ליטעראַטור, די שעהנע ליטעראַטור און די וויסענשאַפטליכע.

און אַט געדענק איך איהם, ווי איך האָב איהם צום ערש־טען מאָל געזעהן, פאַר אַ גאַנצען ים מיט יאָהרען, אויבען אין דער רע־דאַקציע פון „היום״, נאָך איידער דער ערשטער נומער איז אַרויס, באַלד אין מיין ערשטען וואָכענט אין פעטערבורג. אַרום און אַרום איז געזעסען אַ גרעסערע געזעלשאַפט, פּלוידערענדיג און דעבאַטירענדיג, און ער מיט זיי גאַנץ לעבעדיג, אַרויסזאָגענדיג זיין מיינונג, אָבער איך מוז זאָגען דעם אמת: נישט אַ וואָרט האָב איך געהערט פון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, און נאָר געקוקט און געקוקט האָב איך אויף זיין פּנים און אויף זיינע אויגען. אַ יוד

פון אפשר שוין אַ יאָהר פערציג, און אַזעלכע נאַאיווע, פרומע קינדער־אויגען. אַ גוטסקייט, וואָס האָט איהר גלייכען נישט, האָט געשטראַמט און געפלייצט און מיטלײדיגקייט און ליעבליכקייט און ליעבשאַפט האָט זיך געשפּיגעלט אין זיי. ווען מען וואָלט נעהמען אַלע מאַמעס פון דער וועלט אין דער מינוט, ווען זיי קוקען מיט ליעבשאַפט אויף זייער זויגעדיג קינד, און מען וואָלט פערגלייכען דעם אויסדרוק פון ליעבע, וועלכער איז געלעגען אויסגעגאָסען אויפ׳ן פּנים פון דאָזיגען מענשען, גלויב איך נישט, אַז ער וואָלט דערביי שלעכט אָוועקקומען. אַזוי פיעל ליעבשאַפט אינ׳ם געזיכט פון אַ מענשען האָב איך כמעט קיינמאָל נישט געהאַט בעגעגענט.

און די דאָזיגע גרויסע ליעבשאַפט איז עס, וועלכע איך האָב געשפּירט אַלעמאָל, אויך דאַן ווען איך האָב עפּעס געלייענט פון איהם. יענע אויגען האָבען מיך אַלעמאָל בעגלייט און האָבען אַרויסגעקוקט צו מיר פון יעדען פעליעטאָן און פון יעדען בלעטעל און פון יעדען בריוועל, וואָס ער האָט געשריבען. דער אויסדרוק פון יענעם בליק איז פאַר מיר שטענדיג געווען דער שליסעל צו עפענען מיט איהם אַלעם בעהאַלטענע און אַלעם פערבאָרגענע אינ׳ם דאָזיגען אויסדערוועהלטען מענשען. אייגענטליך אָבער איז דאָס נאָר אַ ווערטעל אַזעלכעס. אייגענטליך איז אינ׳ם דאָזיגען מענשען גאָר קיין בעהאַלטענעם און קיין פערבאָרגענעם נישט געווען. אַלעס אין איהם איז געלעגען אָפען ווי אויף דער פלאַכער האַנד: געמיט און ווייכקייט און גוטסקייט. דאָס קליינע רעטעניש איז נאָר געווען די וואונדערבאַרע צונויפזעצונג ביי איהם: פון איין זייט דאָס לירישע און ווייכע קינדער־געמיט און פון דער אַנדערער זייט דער געלעהרטער און דענקער, פון איין זייט דאָס גרויסע קינד מיט דער וואונדערבאַרער נאַאיוויטעט אפילו ביז אינ׳ם זיבעציגסטען יאָהר אַריין און פון דער אַנדערער זייט דער שאַרפער און גענויער דענקער מיט דעם פּינקטליכען און טרעפענדיגען אורטייל, פון איין זייט דאָס גאָלדענע האַרץ מיט דעם גרויסען קינדער־גלויבען און פון דער אַנדערער זייט דער חריפישער מוח — מיט איין וואָרט: פון איין זייט אַ „שירת הזמיר״ און פון דער אַנדערער זייט אַ „רמ׳ה אברים״...

אייגענטליך אָבער איז אויך דער דאָזיגער „רמ״ח אברים״ און די אַנדערע געלעהרטע און וויסענשאַפטליכע זאַכען פון קאַצענעלסאָן אויך נאָר אַ שטיק „שירת הזמיר״ — און נאָר אין אַנ׳אַנדערער פאָרם. זיי זענען מעהר

אויספלוס פון אַנ׳אויגענבליקליכער אינטואיציע אזוי ווי מען געפינט זי על־פי־רוב ביי פּאָעטישע נאַטורען, ווי פון אַ פער׳עקשנ׳טען, שווערפעליגען, יאָהר־לאַנגען גריבלען זיך. אין דעם פּרט איז זעהר אינטערעסאַנט די ענט־שטעהונגס־געשיכטע פונ׳ם דאָזיגען „רמ״ח אברים״. איך געדענק זי ווי היינט. פון ד״ר שערעשעווסקי איז ערשינען די בראָשורע וועגען „חכמת הנתוח״. איינמאָל קומט קאַצענעלסאָן אין דער רעדאַקציע פון „היום״ און בעט, מען זאָל איבערלאָזען אָרט אויף עטליכע שורות, דען ער האָט צו מאַ־כען עפּעס אַ „זאַמיעטקע״. נאַטירליך איז פון דער „זאַמיעטקע״ געוואָרען אַ גרויסער פעליעטאָן. אָבער ביים איבערגעבען דעם פעליעטאָן האָט ער אונז שעמעוודיג געזאָגט, אז עס איז איהם נישט געלונגען אַלעס אַרויס־צוזאָגען אין דעם איינעם פעליעטאָן, און ער וועט מוזען שרייבען נאָך עטליכע אַזעלכע. פון די עטליכע איז געוואָרען צעהן און צוואַנציג און פופציג און מעהר. אזוי איז איינציגווייז ענטשטאַנען דער „רמ״ח אב־רים״, אַ גאַנץ היבשער ספר — אַ וויסענשאַפטליכע ארבייט, וועלכע האָט סוף־כל־סוף אויף זיך געצויגען די אויפמערזאַמקייט פון אַ מענש ווי ווירכאָוו. יעדענפאַלס ווייזט דאָס די אַרט, ווי עס ארבייט אַ קאַצענעלסאָן. דער ספר ענטשטעהט אינטואיטיוו, כמעט ווי אַ דיכטונג. זעלבסטפערשטענדליך, ביי דעם אונגעהויערען וויסען פונ׳ם מחבר און ביי זיין געוויסענהאַפטיגקייט און ביי זיין גענויאיגקייט איז עס נישט קיין וואונדער, ווען דער ספר ווערט דאַן אַנ׳עכט וויסענשאַפטליכער, אפילו געגען דער אבזיכט פונ׳ם פערפאַ־סער.

אינטערעסאַנט איז אויך אַנ׳אַנדערע ארבייט, מיט וועלכער קאַצע־נעלסאָן טראָגט זיך אַרום אין די געדאַנקען זינט יאָהרען און וועלכע ער האָט ביז איצטער נאָך אַלץ נישט געקאָנט אויספיהרען. דאָס איז אַ „מבוא למסכת חולין״, געמאַכט עקסטרא פאַר רבנים. אפילו אַ גאון־עולם מוז, לויט קאַצענעלסאָנ׳ס אנזיכט, האָבען אמאָל נישט אַ גאַנץ קלאָרע פאָרשטעל־לונג פון מאַנכע ערטער אין חולין, אזוי לאַנג ווי אַ מעדיצינער וועט איהם נישט געבען אַ גאַנץ גענויע איינלייטונג אין דער אַנאַטאָמיע, אזוי ווייט ווי ער בעדאַרף זי נויטווענדיג צום פערשטענדניש פון יענע ערטער. ביי דער דאָזיגער ארבייט איז פאַר קאַצענעלסאָן נישט אזוי דער עיקר זיין וויסענ־שאַפטליכע בעשטרעבונג, ווי שוין ווידער זיין ליעבשאַפט און זיין מיטלייד

צו מענשען, וועלכע קאָנען זיך נישט העלפען. אַן׳עכט שטיק קאַצענעל־סאָן!

און אויך די ליכטיגקייט, איך וואָלט כמעט זאָגען די נאאיווע לייכ־טיגקייט, מיט וועלכער קאַצענעלסאָן טרעט צו צו יעדער אַרט אַרבייט, וואָס קומט איהם אין דער האַנד אַריין, ווייזט אויף דעם עלאַסטישען גייסט, וואָס קאָן זיך געפינען נאָר ביי דעם עכטען געמיטס־מענש. איך בין זיכער, אַז ווען עס זאָל אימיצער קומען איצטער צו קאַצענעלנעלסאָן מיט דעם פּלאַן פון אַנ׳אַרבייט, ווי למשל, איבערזעצען אויף רוסיש דעם תלמוד בבלי מיט ירושלמי צוזאַמען, לאַנג בעטען זיך ביי איהם וואָלט ער נישט בעדאַרפט. עס איז דער גייסט פון דער אייביגער יוגענד!

דאָס לעצטע מאָל האָב איך איהם געזעהן פאַר עטליכע חדשים אין בערלין. דיזעלבע נאאיווע, פרומע קינדער־אויגען, און די גוטסקייט האָט געשטראַמט און געפּלייצט און געגאָסען זיך פון די דאָזיגע אויגען. ער האָט מיך עטליכע יאָהר נישט געהאַט געזעהן און האָט פאַר גרויס שמחה נישט געוואוסט, וואָס מיט מיר צו מאַכען. פּלוצלינג אין ער אַרויפגעפאַלען אויף מיר און האָט מיר געזאָגט „דו״ — צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען. איך האָב דאָס גאַנץ גוט פערשטאַנען. נאָך די אַלע אויסצייכונגען, וועלכע ער האָט מיר שוין ביז איצטער געגעבען, נאָך די אַלע געאָרגי־קרייצלעך פון זיין ליעבע, האָט ער מיר איצט געוואָלט געבען אויך די גרעסטע אויסצייכונג, אַ מין אַנאַ־אָרדען אויף אַ לענטע.

אַזוי איז קאַצענעלסאָן — דער מענש.

באַרטאָלדי

היינט רופט מען עס אַסימילאַציע און מען רופט עס נאַציאָנאַליזם, היינט האָבען מיר אַ וואָרט אַנטיסעמיטיזם און אַ וואָרט „ליטוואַקעס" — אַז וואויל אונז און וואויל אונזער נשמה, וואָס מיר קענען זיך, גאָט זיי דאַנק, אַזוי לייטיש אויסדריקען און מיר האָבען וועניגסטענס ווערטער פאַר אַלע די דאָזיגע בעגריפען און פאַר'ן גאַנצען רייכען בעדאַרף פון אונזער טעגליך לעבען. אַמאָל אָבער איז געווען אַ צייט, וואָס די דאָזיגע אַלע ווערטער זענען נאָך גאָרנישט געווען בנמצא; בעצם אָבער זענען די דאָזיגע בעגריפען שוין דענסמאָל אַלע פאַרהאַן געווען נישט וועניגער ווי איצט. מען האָט זיך שוין דענסמאָל גע'שמד'ט אָדער מען האָט זיך האַלב־גע'שמד'ט נישט ווינציגער ווי היינט; עס האָבען שוין דענסמאָל יודישע מענשען ליעב געהאָט דעם כלל ישראל פונקט אַזוי ווי איצט. אַנטיסעמיטען זענען נישט געווען, דאָס איז ריכטיג — דערפאַר אָבער זענען געווען צוררי־ישראל; ליטוואַציזם איז נישט געווען, אויך דאָס איז ריכטיג — דערפאַר אָבער, ווען אַ פיינער מענש מיט פיינע זיטען האָט געוואָלט אַרויסווייזען זיין פיינקייט דאַדורך, וואָס ער האָט נישט דירעקט געזאָגט, אַז ער האָט פיינט אַ יוד, האָט ער שוין געפונען אויך דענסמאָל עפּעס אַ וואָרט, צו זידלען די טאָכטער און צו מיינען די שנור. בקיצור, קוקט מען אַביסעל צוריק אין דער פערגאַנגענהייט, פיהלט מען זיך דאָרט גאַנץ היימיש; מיר זעהען דאָרט לויטער סצענעס פונ'ם היינטיגען לעבען. בלעטערט מען אין עפּעס אַן'אַלטער פרעמדער כראָניק פון פאַר הונדערט יאָהר, קען מען מיינען, אַז עס רעדט זיך דאָרט וועגען אַ וואַרשעווער היינט־צייטיגען יוד, וואָס פון איין זייט ווילט זיך איהם מיט אַלע כחות זיין דער פרנס פון דער יודישער קהלה און פון דער אַנדערער זייט שמד'ט ער אָב גאַנץ געשמאַק זיין זוהן און זיין טאָכטער.

איך האָב אין איינעם פון די לעצטע טעג געגראַבעלט אין אַלטע פאַפּיערען און האָב געפונען אַ „דאָקומענט", וועלכער איז שוין אַלט קנאַפּע

הונדערט יאָהר. איך קען נישט אין דער גאַנצער ליטעראַטור קיין שום זאַך, וועלכע זאָל אַזוי פיין אילוסטרירען דעם גאַנצען עצם פון דעם בעגריף אַסימילאַציע, ווי דאָס דאָזיגע שריפט־שטיק. עס איז אַ קאָפּיע פון אַ בריעף, וואָס געפינט זיך אינ׳ם רשות פון איינעם פון די מענדעלזאָהנס אין דייטש־לאַנד. דעם דאָזיגען בריעף האָט געשריבען אברהם מענדעלזאָהן, דער זוהן פון דעם פילוסוף ר׳ משה מדעסוי און פאָטער פון בעריהמטען מוזיקער פעליקס מענדעלזאָהן־באַרטאָלדי. דער בריעף האָט אַזוי פיעל קאָמיזם — אַז עס ווערט אַזש זעהר טרויעריג אין הארצען. עס איז די טראַגי־קאָמעדיע פונ׳ם יודישען פאָלק.

אברהם מענדעלזאָהן איז געווען אַן׳איינפאַכער סוחר און אַ קליין מענ־שעלע. זאָגט וואָס איהר ווילט: האָבען פון איין זייט אַ טאַטען אַ גרויסען, ווי משה מענדעלזאָהן, און פון דער אַנדערער זייט אַ זוהן אַ געוואַלדיגען געניום, ווי פעליקס. און אַליין זיין אַ גאָרנישט — דאָס איז אַביסעל אַן׳ אונאַנגענעהמער צושטאַנד אין לעבען. פון ביידע זייטען צו־גרויסע צי־פּרעס, און אין מיטען אַ נול. אַמבעסטען כאַראַקטעריזירט האָט ער זיך אַמאָל אַליין דורך דעם וואָרט, וואָס ער האָט אַמאָל געזאָגט פון זיך: „אַמאָל ווער איך אָנגערופען דער זוהן פונ׳ם גרויסען מענדעלזאָהן און אַמאָל ווידער דער טאַטע פונ׳ם גרויסען מענדעלזאָהן״. אַזאַ מענש איז אָסור דאָ וואָס מקנא צו זיין. צווישען די צוויי גרויסע איז ער געשטאַנען, דער קליינער. און דער דאָזיגער קליינער האָט קיינמאָל נישט פערשטאַנען דעם גרויסען טאַטען, און דער דאָזיגער קליינער האָט קיינמאָל נישט פער־שטאַנען דעם גרויסען זוהן.

די גרעסטע טהאַט פון זיין לעבען איז געווען דאָס, וואָס ער איז אַמאָל אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען אויפגעשטאַנען און האָט צו זיין פאַמיליען־נאָ־מען, וועלכער האָט געקלונגען יודיש, צוגעגעבען דעם נאָמען „באַרטאָלדי״ — נאַטירליך, נאָכדעם ווי ער האָט זיך און אַלע זיינע קינדער אָבגע׳שמד׳ט. דאָס איז די טראַגעדיע. דאָס קאָמישע הויבט זיך אָן דערמיט, וואָס דעם זוהן פעליקס האָט עס אַלעמאָל צוריקגעצויגען צו די יודישע טראַדיציעס און צו דעם ריינעם נאָמען פון זיין זיידען, ער האָט אַלעמאָל געוואָלט זיין אַ „מענדעלזאָהן״ אַליין און האָט זעהר אָפט פערגעסען צו הייסען „באַרטאָלדי״,

אזוי אז דער אומגליקליכער טאטע אברהם האט אלעמאל געמוזט שטעהן איבער איהם מיט דער נאגאיקע און איהם דעמאהנען, ווי ער הייסט.

אין פריהלינג פון יאהר 1829 איז פעליקס מענדעלזאהן צום ערשטען מאל געפאהרען קיין לאנדאן. אין ענגלאנד איז ער געווארען אויפגענומען מיט כבוד, ווי קיין שום מוזיקער אין דער וועלט האט אזעלכען נישט געהאט. דען פעליקס האט זיי געהאט אויפגעפיהרט די אובערטורע פון זיין זומער־נאכט־טרוים און האט זיי צום ערשטען מאל געשפיעלט בעטהאווענס עס־דור־קאנצערט. דעם גרעסטען רוהם, וואס א מענש קען דערגרייכען, האט ער געהאט דערגרייכט. די שמחה איז איהם אבער נישט איינגאנצען בעקומען. ער האט ערהאלטען א בריעף פון זיין טאטען אברהם, געשריבען אין 8־טען יולי 1829, אין וועלכען דער פאטער שרייבט איהם:

„איך שיק דיר היינט דעם דאזיגען בריעף, ווייל איך מוז מיך דורכשמועסען מיט דיר וועגען א זעהר וויכטיגען ענין.

„איך בין מיך משער, אז דיין פאמיליען־נאמען בארטאלדי, וועלכען איך האב דיר אויסגעקליבען, האסט דו איינגאנצען אבגעטהון פון דיר. אזוי אין די קאנצערט־אפישקעס ווי אויך אין די צייטונגען, וועלכע דו האסט מיר צוגעשיקט, האב איך געפונען, אז דו רופסט דיך נאר מענדעלזאהן אליין, וואס איך קען מיר גארנישט ערקלערען. דאס פערדריסט מיר זעהר. אזוי לאנג ווי דו שטעהסט אין דיין טאטענס רשות, האסט דו די פליכט, זיך אזוי אנצורופען ווי דיין טאטע, און צווייטענס האסט דו די פליכט צו פערשטעהן, אז אלץ, וואס דיין טאטע טהוט, טהוט ער מיט שכל און ערשט נאך לאנגען ישוב־הדעת.

„אויף דער רייזע פאריז, א טאג נאך יענער שרעקליכער נאכט, האסט דו געפרעגט ביי מיר דעם טעם, ווי אזוי בין איך געקומען צום בעשלוס, צו ענדערען מיין נאמען, און איך הא בדיר אלעס פערגעסען, פארוואס האסט דו נישט געפרעגט ביי מיר א צווייטען מאל? און זענען זיי נישט גענוג שטארק געוועזען פאר דיינעטוועגען, פארוואס האסט דו נישט דיינע געגען־טענות אויפגעשטעלט? איך גלויב גיכער, דו האסט מיינע רייד פערגעסען, דעריבער וויל איך דיר דא מיינע טעמים און מיינע אנזיכטען נאך אמאל איבערחזר'ן“.

און ער, דער מענש, „וועלכער טהוט אלץ מיט שכל“, ערקלערט דעם זוהן, אז ערשטענס האט משה מענדעלזאהן אליין זיין נאמען געענדערט:

ער האָט אָנפאַנגס געהייסען משה דעסויער און דערנאָך האָט ער זיך א נאָמען געגעבען מענדעלזאָהן. ער פערגעסט נאָר דעם זוהן צו זאָגען די קליינינ־קייט, אז צו יענער צייט זענען ביי יודען אין דייטשלאַנד איבערהויפּט נאָך קיין פאמיליען־נעמען נישט געווען, און אַז יענער משה פון דער שטאָדט דעסוי האָט זיך ערשט א נאָמען געמוזט אויסקלויבען. דאַן ערקלערט ער דעם זוהן, אַז אַלס קריסט פּאַסט נישט, מען זאָל הייסען מענדעלזאָהן. א קריסט־ליכער מענדעלזאָהן וועט זיך אַלעמאָל פיהלען פרעמד אין דער סביבה. דער פאָטער זעלבסט וואָלט א סך קלוגער געטהון, ווען ער וואָלט קלייבען אַנ׳ אַנדערען נאָמען. אין דער „איבערגאַנגס־עפּאָכע", אין וועלכער דער טאַטע האָט געלעבט, האָט דאָס אפשר נישט אזוי פיעל אויסגעמאַכט, יעצט אָבער, ווען מען האָט איינגעזעהן, אַז מען מוז זיך וואָס מעהר דערנעהנטערען „צו דער נייער פאָרם", ווייל זי איז די איינציג ריכטיגע, איז דאָס ערשטע, אַז מען מוז אָבשאַפען א נאָמען, וועלכער קלינגט יודיש. ווען מען לייענט דאָס אַלעס, דוכט זיך, אַז מען לעבט אין דער צייט, ווען צווישען וואַרשעווער יודען האָט געהערשט יענע שרעקליכע מגפה, אַז יעדער, וואָס זיין נאָמען האָט זיך געענדיגט אויף „— זאָהן" אָדער „—מאַן" אָדער „— בערג" וכד־דומה, איז געלאָפען און האָט פּלוצלינג געענדערט דעם נאָמען אויף „—סקי", אזוי אַז דער איז איבער נאַכט געוואָרען אַנ׳אמת׳ער פּאָליאַק. אזוי זענען ביי אונז אַרויסגעקומען די הויזענקנאָפּסקי׳ס און די וואַסערצוסקי׳ס און די גאָלדמאַנסקי׳ס וכדומה.

און אברהם מענדעלזאָהן דערצעהלט דעם זוהן, אַז דער גרעסטער פעה־לער פון זיין לעבען איז געווען דאָס, וואָס ביים שמד׳ן האָט ער נישט דעם יודישען נאָמען מענדעלזאָהן אינגאַנצען אָוועקגעשאַפט פון זיך. האָט ער אויסגעקליבען פאַר זיך און פאַר זיינע קינדער „די בעסטע און ריינסטע רעליגיע". ווייל „די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט האָט זי אָנגענומען", און האָט ער אָוועקגעוואָרפען פון זיך די יודישע רעליגיע, „ווייל זי איז די פערדאָרבענע", האָט ער שוין געדאַרפט טהון די זאַך בשלימות און אויס־קלויבען פאַר זיך אינגאַנצען א גוי־אישען פאַמיליען־נאָמען. ער קען זיך דעם דאָזיגען פעהלער נישט מוחל זיין. „איך האָב בעדאַרפט דעם נאָמען מענדעלזאָהן אינגאַנצען אָבשאַפען און מיך מיט מיינע קינדער אָנרופען נאָר מיט׳ן נייעם נאָמען אַליין". אומגליקליכער מענדעלזאָהן!

„ווי מיר זענען אין פּאַריז געווען און איך האָב פאַר דיר געלאָזט מאַ־כען וויזיטען־קאַרטען, האָב איך מיט אבזיכט געלאָזט אויף די קאַרטען דרו־קען „פעליקס מ. באַרטאָלדי", ווייל דיין צייט איז דענסמאָל געווען צו טהון מיט מענשען — דו אָבער האָסט מיינע אידעען נישט געוואָלט פערשטעהן און האָסט דיך איינגע'עקשנ'ט און האָסט אַלץ ווייטער געהייסען דיין אַל־טען נאָמען, און איך בין געווען שוואך גענוג און האָב דיר דאָס נישט פער־וועהרט. דעריבער איז דאָס מיין ווילען און מיין האָפנונג, אַז ווענינגסטענס יעצט זאָלסט דו נישט וואַגען צו ווידערשפּענסטיגען מיר. עס איז אונמעג־ליך און עס איז אויסגעשלאָסען, אַז דו זאָלסט הייסען פעליקס מענדעלזאָהן, און אויך פעליקס מענדעלזאָהן־באַרטאָלדי איז נישט ריכטיג פאַר דיר, דען דער נאָמען איז צולאַנג. עס בלייבט דיר נאָר איבעריג צו הייסען בקיצור פעליקס באַרטאָלדי וכו'. אַזוי ווי ס'איז נישט מעגליך, אַז אַ יוד זאָל למשל הייסען דעם כינעזישען נאָמען קאָנפוציוס, אַזוי איז נישט מעגליך, אַז אַ קריסט זאָל הייסען מענדעלזאָהן. הייסט דו מענדעלזאָהן, ביסט דו שוין לכתחלה אַ יוד, און דאָס פּאַסט זעהר נישט פאַר דיר".

אָט דאָס איז די טראַגעדיע פון אַ מענשען, וועלכער איז געווען דער זוהן פון אַ גרויסען מאַן און דער פאָטער פון אַ גרויסען מאַן און אַליין איז ער געווען אַ גאָרנישט. היי־שעה האָט זיך איהם געוואָלט און אויסערלי־כער גלאַנץ און לעבענס־פערגניגענס, און דערפאַר האָט ער פערקויפט אַלצ־דינג. די פערגאַנגענהייט האָט איהם געפּייניגט און די געגענוואַרט האָט איהם נישט געגעבען קיין נחת. דער שאָטען פון זיין אייגענער נאָז, וועלכע איז געווען אַביסעל קרומליך, האָט איהם פערביטערט זיין לעבען, און אַזוי ווי ער האָט קיינמאָל נישט פערשטאַנען „די מאָרגענשטונדען", וועלכע זיין גרויסער טאַטע האָט מיט איהם טעגליך געלערנט, אַזוי האָט ער אויך נישט בעגריפען „די ליעדער אָהנע ווערטער", וועלכע זיין גרויסער זוהן האָט איהם טעגליך פאָרגעשפּיעלט. ער איז אַליין געווען אַ נול...

וואָס פעליקס האָט געענטפערט אויף דעם דאָזיגען מערקווירדיגען בריעף, ווייסען מיר נישט. מיר ווייסען נאָר איינס: באַלד דערויף האָט פע־

ליקס געגעבען אין לאָנדאָן אַ קאָנצערט פאַר די פערפליייצטע אין שלעזיען, און אויף די אַפישען און אין די מודעות אין די צייטונגען איז געשטאַנען פעליקס מענדעלזאָהן. דער טאַטע אברהם האָט נעבעך געליטען פון זיין נישט־געראָטענעם זוהן ביז אין טויט אַריין.

מיינען מיר נישט, אַז דאָס אַלעס לעבען מיר איצט נאָכאַמאָל איבער?...

ראָטשילד

דאָס וואָרט האָט אויפגעהערט צו זיין אַ נאָמען און איז געוואָרען אַ בעגריף. נישט ראָטשילד, נאָר אַ ראָטשילד. מען האָט דערביי נישט מעהר די פאָרשטעלונג פון אַ בעשטימטער פערזאָן, נאָר פון אָנגעזאַמעלטע מיליאָנען. פון אַלע גרויסע מיליאַרדערען אין דער וועלט איז ראָטשילד דער פאָפולערסטער און בעקאַנטסטער אין דער יודישער גאַס. אין אַ רעכטען יודישען מקום וויים שוין פון איהם דאָס פינף־יעהריגע יונגעלע. באַלד נאָכ'ן אויסלערנען מודה־אני זאָגען, לערענט ער אויס דעם דאָזיגען נאָמען אויסרעדען, און באַלד נאָכ'ן קריאת־שמע־לייענען, פלאַטערט־ארום דער דאָזיגער מלאך אין זיינע חלומות. און מערקווירדיג: רעדען רעדט מען פון איהם אַממייסטען דוקא דאָרט, וואו דאָס עלענד איז אַמגרעסטען און וואו דאָס ברויט איז אַמווינציגסטען. גאַנצע שאַפעס ביכער זענען שוין אָנגעשריבען געוואָרען וועגען די ראָטשילד'ס, וועגען זייער ענטשטעהן און וועגען זייער ענטוויקלען זיך און וועגען זייער דינאַסטיע. גאַנצע פעק אַנעקדאָטען דרעהען זיך ארום וועגען זיי אין אַלע ליטעראַטורען. די מעשה מיט'ן קעסטעל, אָנגעשטופּט מיט מיליאָנען, וועלכע דער קורפירשט ווילהעלם I פון העסען האָט איבערגעלאָזען ביים פאָטער פון די ראָטשילד'ס, אַנטלויפענדיג פאַר נאַפּאָלעאָן, און וועלכעס ער האָט דאַן צוריקבעקומען בשלימות און מיט צינזען פון די יורשים נאָך אַ סך אַ סך יאָהרען, — וואָס האָט געלעגט דעם גרונדשטיין צו דעם גרויסען טרויעניש, וואָס די גאַנצע וועלט האָט זיי דאַן געטרויט. און דאַן די מעשה מיט דער מלחמה ביי וואַטערלאָ, וואו ראָטשילד איז געריטען און געפאָהרען אין איילעניש פינף טעג און פינף נעכט, איבער בערג און איבער טהאָלען, איבער מדבריות און איבער ים'ען, נאָר אָנצוקומען רעכטצייטיג צו דער בירזשע אין לאָנדאָן, און דאַדורך, וואָס ער אַליין נאָר האָט געוואוסט דעם רעזולטאַט פון דער מלחמה, האָט ער אין איין טאָג דורך אויפקויפען פערשידענע ווערט־פאַפּירען פערדיענט צוואַנציג מיליאָנען. און דאַן די מעשה מיט דער אָפּעראַציע, ווען ראָט־

שילד האָט זיך געלאָזט אָפּערירען אין אַ שווערער קראַנקהייט און האָט דאַן דעם כירורג נישט געוואָלט בעצאָהלען און האָט איהם נאָר געשענקט זיין שלאָפמיץ, און די איבעררעשונג פונ'ם דאָקטאָר, ווען ער האָט דאַן געפונען אין דער שלאָפמיץ די קלייניגקייט פון צעהן טויזענד רובעל. אַזעלכע מעשיות זענען פאַרהאַן וועגען די ראָטשילד'ס אין די טויזענדער. און יעצט, ווען אין לעצטען דאָנערשטאָג זענען געוואָרען גראָד 100 יאָהר, זינט דער ערשטער ראָטשילד, דער בעגרינדער פון דער דאָזיגער געלד־דינאַסטיע, איז געשטאָרבען, וועט אודאי געשריבען ווערען וועגען זיי פון דאָס נייע גאַנצע ליטעראַטורען. און פאָרט שטעהען מיר פאַר אַ רעטעניש, און די אַלע מעשיות ערקלערען אונז נישט דאָס געהיימעניש פון זייער ווערען.

אָנגעהמען אויף צו בעהאַלטען קעסטלעך מיט מיליאָנען פון דייטשע קורפירשטען וואָלט יעדער פון אונז געקענט, און אפשר וואָלטען זיך געפונען צווישען אונז אויך אַזעלכע, וועלכע וואָלטען די קונץ פון צוריקגעבען אויך געקענט; מען מוז אָבער שוין זיין אויף אַ רעכטער מדרגה, אום אַזעלכע קורפירשטען צו האָבען פאַר קליענטען. רייטען און שווימען און פליהען פינף מעת־לעת כסדר, דערפון וואָלט זיך אפילו דער לעצטער פון מיינע לעזער נישט אָבגעזאָגט, ווען ער וואָלט נאָר געוואוסט, אַז דאַדורך קען ער פערדינען אין איין טאָג די קלייניגקייט פון 20 מיליאָנען. וועלען בעצאָהלען אַ דאָקטאָר נאָר אין אַ שלאָפמיץ איז אפשר נישט לויט מיין געשמאַק, דערפאַר אָבער, ווען איך וואָלט נאָר האָבען די מיליאָנען, וואָלט איך שוין געפונען אַנ'אַנדער משוגעת, ווי עס פאַסט פאַר אַ מיליאָנער. דאָס אַלעס אָבער ערקלערט נישט דעם סוד, ווי אַזוי די ראָטשילד'ס זענען געוואָרען די ראָטשילד'ס. זיי אַליין, די ראָטשילד'ס, האָבען אַמאָל אַרויסגעגעבען אַ ביכעלע מיט'ן נאָמען: „ווי אַזוי ווערט מען רייך?" האָט מען דאָס ביכעלע דורכגעלייענט, איז מען אַזוי קלוג ווי פריהער. עס איז פונקט אַזוי ווי מיט דעם שוואַרץ־קינסטלער אויף דער סצענע, וועלכער געהט ערקלערען דעם שטוינענדען פובליקום, ווי אַזוי מען מאַכט די קונצען, און ער ווייזט גענוי די פערבלענדענישען, אַזוי און אַזוי און דאַן ווידער אַזוי און צום סוף פראָסט און פשוט אַזוי און אַזוי: נעהמט אַ רויט טיכעל און מען לעגט אַריין אַ בלעכעל און מען פערדעקט עס, אָט אַזוי, און ווען מען מאַכט עס אויף, ליעגען דערין הונדערט בלוצענדיגע גאָלד־שטיקלעך — און מיר האַלטען

אויפגעריסען די אויגען, און מיר ווייסען צום סוף פּונקט אַזוי פיעל, ווי מיר האָבען געוואוסט, איידער ער האָט אונז „ערקלערט".

איין זאַך ווייסען מיר קלאָר: מאיר־אַנשיל, דער בעגרינדער פונ'ם באַנק־הויז ראָטשילד, האָט געזאָלט ווערען אַ רב. און וואָלט ער עס געוואָרען, דאַן בין איך זיכער, אַז ער וואָלט זיין אַ גאון־עולם. דעם שניט און דעם גאַנצען וועזען פון אַ גאון האָט ער בעוויזען אויף אַנ'אַנדער געביעט. דאָס איז יעדענפאַלס דער הויפּט־סוד. נישט בלויז די עהרליכקייט, נישט בלויז די אונערמיעדליכקייט ביי דער אַרבייט, נישט בלויז דאָס קלאַפּען דאָס אייזען אַזוי לאַנג ווי עס איז הייס — דאָס אַלעס זענען נאָר די מיטלען, די אויסערליכע ערשיינונגען. די הויפּט־זאַך איז און בלייבט דער גאון. אויב דער גאון איז אַ גאון אויפ'ן געביעט פון לערנען, אַ אורים־ותומים אָדער אַ פּני־יהושע, אָדער ער איז אַ גאון אויפ'ן געביעט פון דער פּאָעזיע, אַ שעקספּיר אָדער אַ געטהע, אָדער ער איז אַ גאון אויפ'ן געביעט פון דער דיפּלאָמאַטיע, אַ מעטערניך אָדער אַ ביסמאַרק, — אין דעם איז שוין קיין נפקא־מינה נישט. ראָטשילד איז געווען אַ פינאַנץ־גאון, אפשר דער גע־ניאַלסטער אויפען דאָזיגען געביעט. אַ מין ר' יונתן פּרעגער אין פינאַנצען. און נישט נאָר ער, נאָר אויך זיינע פינף בעריהמטע זיהן זענען געווען פינף בעריהמטע גאונים. און מערקווירדיג איז אויך ווי די גאוניות פון יעדען פון זיי איז געווען ביי איטליכען בעזונדער אויף אַ בעזונדערען שטייגער: איינער איז געווען אַ פינאַנץ־חריף, איינער אַ פינאַנץ־מפולפל, איינער אַ פי־נאַנץ־מתמיד, איינער אַ פינאַנץ־בקי און איינער אַ פינאַנץ־פשטן. דער גע־ניאַלסטער פון זיי איז געווען דער לאָנדאָנער, נתן ראָטשילד. עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס אַזעלכע לייט האָבען אויפגעשטעלט דאָס גרעסטע פי־נאַנץ־בית־מדרש אין איירופּאַ און האָבען מרביץ געווען זייער „תורה" בר־בים. קומען זיי דאַן צו געהן און ווילען אונז אויסזאָגען דעם סוד, אַזוי ווערט מען רייך, דאַן, זאָלען זיי מיר מוחל זיין, איז עס נאָר אַ שטיקעל גנבת דעת. אַזעלכע זאַכען קען מען דעם צווייטען נישט אויסלערנען. געניאַליטעט קען נישט ווערען איבערגעגעבען מאיש לאיש. דער גר, וועלכער איז געקומען צו הלל'ן, ער זאָל איהם אויסלערנען זיין גאַנצע תורה, איז סוף־כל־סוף נאָר געבליבען אַ גר סתם, וואָס קיינער ווייס נישט זיין נאָמען ביז אויף היינטי־

נען טאָג, בעת הלל איז געבליבען הלל. קיין שום גר קען נישט אויסנאָרען די תורה כולה פון א הלל.

דערצו, נאַטירליך, קומען צו אַ סך אויסערליכע אומשטענדען. למשל, די תקנה פון בית־ראָטשילד, אַז דאָס געשעפט זאָל קיינמאָל נישט געטיילט ווערען און אַלע זאָלען ארבייטען אין אייביגען שותפות. דאָס איז אפשר דאָס געניאַלסטע אָרט אינ'ם אַלטענס צוואָה. א פערמעגען, דאָס ווייסען מיר פון ערפאַהרונג, קען זיך דערהאַלטען העכסטענס נאָר ביז צום פיערטען דור. ביסלעכווייז ווערט עס צעפּיצעלט, ביז צום סוף ווערט עס נישט. די דאָזיגע הויפּט־סכנה איז דורך די קלוגע פאָרזיכט פונ'ם ערשטען ראָטשילד בעזייטיגט. נאָר אַלע אַ פּראָסטען זענען די ראטשילד'ס געגאַנגען אַ שריט ווייטער אויך נאָך: זיי האָבען חתונה כמעט נאָר צווישען זיך אַליין...

אַזוי איז געוואָרען דאָס הויז ראָטשילד די גרעסטע פינאַנץ־דינאַסטיע פון דער וועלט. זייער געשיכטע איז די שטאַטס־פינאַנציעלע געשיכטע פון אייראָפּאַ. עס איז נישט פאַרהאַן קיין איינציגע בעדייטענדע שטאַטס־הלוואה, אין וועלכער דאָס הויז ראָטשילד זאָל נישט זיין בעטייליגט. אין די קאָנטאָ־ביכער פון די ראָטשילד'ס פיגורירען אַלע לענדער. זיי זענען די באַנקירען פון די קעניגען פונקט אַזוי ווי זיי זענען די קעניגען פון די באַנקירען. אָנגעהויבען האָט מאיר־אַנשיל אַלס אָרימער געלד־אַגענט, און ווי ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1812, האָט מען שוין זיינע מיליאָנען נישט געוואוסט צו צעהלען. נאָך פופציג יאָהר, ווי דאָס הויז ראָטשילד האָט עקזיסטירט, האָט מען זיין פערמעגען געשאַצט אין אַ האַלבען מיליארד, און היינט שאַצט מען עס העכער ווי אין צעהן מיליאַרדען. און דאָס דאָזיגע פערמעגען וואַקסט גאַנץ נאַטירליך פון טאָג צו טאָג אַלץ מעהר. אפילו נאָר ביי אַ פערצינזונג פון 4 פּראָצענט מוז עס ברענגען בערך אַ מיליאָן טעגליך. זעלבסטפערשטענדליך ביי זייער געוואַלדיגע אונטערנעהמונגען טראָגט עס אַ רעכט ביסעל מעהר.

„דאָס הויז ראָטשילד", האָט אַמאָל געזאָגט דער באַראָן אַלבערט ראָטשילד, איז אַזוי רייך. אַז עס קען שוין גאָרנישט מאַכען קיין שלעכטע געשעפטען.

קאָלעגע ראָטשילד

זעלבסטפערשטענדליך, אַז נישט איך בין איבער נאַכט אַ מיליאָנער געוואָרען, נאָר אומגעקעהרט, ער איז געוואָרען, אַ שריפטשטעלער. ער האָט זיך גענומען צו מיין בראַנזשע און שרייבט. איך בין אָבער זיכער, אַז ווען איך וואָלט געקומען צו איהם אַלס פרישגעבאַקענער מיליאָנער, וואָלט ער זיך מיט מיר אוודאי מעהר פרעהען, ווי איך פרעה זיך מיט איהם, ווען ער קומט צו מיר אַלס שריפטשטעלער. שלעכטע שריפטשטעלער האָבען מיר קיין עין־הרע גענוג שוין אויך אָהן איהם. ער איז אָבער יעדענפאַלס אַ זעהר לייטישער קאָלעגע. ווענינגסטענס איז דאָס איינער, וועלכער געהט אַמאָל אין אַ גאַנצען שטיוועל און אין אַ קלאָרען קראַגען און עסט צו דער זאַט. לויטער זעלטענע שריפטשטעלערישע אייגענשאַפטען. ווענינגסטענס איז דאָס אַ שריפטשטעלער, וואָס אַ וועלט קוקט אויף איהם יאָ שוין מיט אַ דרך־ארץ און כאַפּט אויף יעדעס וואָרט פון איהם און געפינט אַלעמאָל, אַז עס איז זעהר זעהר שכל'דיג. לויטער איינפאַכע מיליאָנערישע אייגענשאַפטען. פאָרט אַמאָל אַ אַ קאָלעגע, אַ שריפטשטעלער, וואָס זיין דיכטערוואָרט ענדערט די קורסען אויף די בירזשעס און וואָס זיין לייט־אַרטיקעל, צי עס וועט זיין מלחמה צי ניין, קען מען גלויבען מיט דער גרעסטער בעשטימטהייט. איך האָב נאָר מורא איין זאַך: אונזער שלום עליכם האָט אַמאָל אָנגעשריבען אַ סצענע „ווען איך וואָלט זיין ראָטשילד" און מיר אַלע האָבען געלאַכט. קען נישט קומען אַזאַ שריפטשטעלערישען ראָטשילד אין קאָפּ אַריין, אָנצושרייבען אַ סצענע „ווען איך וואָלט זיין שלום־עליכם" און מיר וועלען זיך אַלע מוזען צעוויינען ?...

רעדען רעד איך דאָ פון'ם פּאַריזער באַראָן אַנרי ראָטשילד. דער דאָזיגער ראָטשילד, ווען ער האָט זיך אָפּגעפּטר'ט אין זיין קאַנטאָר מיט זיינע מיליאָנען־געשעפטען און האָט גראַד נאָך אַביסעל פרייע צייט, האָט ער אַ דריי־פאַכע בעשעפטיגונג: ער איז אַ דיכטער, ער אַרבייט אַלס מעדיצינער און פּראָבירט זיך אַלס פילאַנטראָפּ. זעלבסטפערשטענדליך, אַז אויף דעם

געביעט פון דער מעדיצין און דער פילאַנטראָפּיע זינדיגט ער אַ סך ווייניגער ווי אויף דעם געביעט פון דער דיכט־קונסט. אַלס דיכטער אַרבייט קאָלעגע ראָטשילד אויף דעם זעלביגען פעלד ווי קאָלעגע שעקספּיר: ער שרייבט דראַמען. נאָר זיינע דראַמען זענען עפּעס שוואַכער ווי די דאָזיגע פון שעקספּיר. אַ מענש קאָן דאָך נישט אַלץ קענען. דערפאַר איז זיין אַרבייט אויף דער בירזשע אַ סך שטאַרקער. נישט איין דראַמאַטיקער וואָלט זיך וועלען טוישען מיט איהם. אַ צייט לאַנג האָט ער אַזוי געשריבען דראַמען — און די וועלט האָט אַלץ ווייטער געהאַלטען פון שעקספּירען. דאָ אָבער, אין איינער פון די לעצטע וואָכען, האָט ער אָנגעשריבען אַ דראַמע, וועלכע האָט געמאַכט אַ געוואַלדיגען אויפזעהן. זי האָט געמאַכט אויפזעהן נאָך איידער זי איז געשפּיעלט געוואָרען: דער נאָמען אַליין האָט גענומען. „דער קרעזוס" (דער מיליאָנער) האָט ער זי גערופען, און די וועלט איז געווען איבערציינגט, אַז אַ מיליאָנער, ווען ער שרייבט אַ דראַמע „דער מיליאָנער", וועט ער אויסזאָגען דעם סוד, ווי אַזוי מען מאַכט די מיליאָנען — און מען האָט געוואַרט מיט אַ פּיעבערהאַפטער אונגעדולדיגקייט אויף דעם דאָזיגען קונסט־ווערק. און אָט האָט מען די דאָזיגע דראַמע געשפּיעלט אין לאָנדאָן, און די וועלט איז זעהר ענטוישט געבליבען. ווי אַזוי מען קומט צו מיליאָנען איז מען דערפון נישט געוואָהר געוואָרען, און נאָר דאָס איינע האָט מען זיך דערפון דערוואוסט, אַז מאַכען מיליאָנען איז פאַר אַ ראָטשילד לייכטער ווי מאַכען אַ גוטע דראַמע. פאַר שעקספּירען וואָלט אודאי זיין שווערער צו מאַכען אַ שלעכטע דראַמע ווי מאַכען אַ מיליאָן. דער הערר באַראָן בעהאַנדעלט אין זיין דראַמע דאָס איינפאַכע טעמאַ: אַז געלד מאַכט נישט גליקליך. דאָס טעמאַ איז נישט גאַנץ ניי. קהלת האָט עס אויך שוין אַמאָל בעהאַנדעלט און יעדענפאַלס עטוואָס בעסער. איבריגענס ווען מען זאָל וועלען אויסרעכענען אַלעס, וואָס מאַכט נישט גליקליך, וואָלט אויך איינער פון אונזער חברה, אַ שריפטשטעלער, געקענט אָנשרייבען אַ דראַמע „דער שריפטשטעלער" און בעווייזען אַלע מיליאָנערען, אַז זאָגאַר שריפטשטעלעריי מאַכט נישט גליקליך. מאַלע וואָס אַלץ אין דער וועלט מאַכט אַ מענשען נישט גליקליך...

דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף. גראַף סאָרביע, ראָטשילד'ס „קרעזוס", איז אַ מענש מיט אונצעהליגע מיליאַרדען, וואָס שאָקעלט מיט גאַנץ אייראָפּאַ

און וואָס אַ גאַנצע וועלט ליעגט פאַר איהם אויף די קניען. עס איז נישט שווער צו דערקענען דעם זעלבסט־פּאָרטרעט פונ׳ם פּערפאַסער אַליין. דער דאָזיגער גראַף פּיהלט זיך אָבער נישט גליקליך. ער איז ווי די רייכע בת־יחידה, וואָס וויל, אַז דער חתן זאָל זיך פערליעבען אין איהר, נישט ווייל זי האָט אַ נדן פון אַ מיליאָן, נאָר ווייל זי איז זי און ער מיינט איהר נפש אַליין. גראַף סאָרביע וויל, אַז נישט זיינע מיליאָנען זאָלען שפּיעלען אַ ראָליע, נאָר זיין נפש אַליין. ער זוכט די ליעבע פון אַ פרוי, וועלכע זאָל זיין פערליעבט אין איהם אַליין און נישט אין זיין געלד. ער געפינט עפּעס אַן אָרימע אַלמנה, וואָס האָט ליידער נאָך 40,000 פראַנק הכנסות אַ יאָהר, און זי „פערליעבט" זיך אין איהם. פון איהר זייט איז עס אודאי קיין עולה נישט. זעלבסטפערשטענדליך קומט עפּעס אַ יונגערמאַן, נישט קיין מיליאָנער, דערפאַר אָבער פערשטעהט ער די קונסט, ווי אַזוי צו געפעלען אַ יונגע שעהנע אַלמנה, און די יונגע שעהנע אַלמנה וואַרפט אַוועק דעם מיליאָנער און לויפט אַוועק מיט דעם יונגענמאַן. דער גראַף שטעהט ביים טעלעפאָן און דערוואוסט זיך פון דער מעשה און פאַלט מיט אַ גרוים געוויין אין חלשות...

אינ׳ם צווייטען אַקט זענען מיר אין קאַבינעט פונ׳ם מיליאָנער. ווי אַזוי ער מאַכט די מיליאָנען דערוואוסט מען זיך אויך דאָרט נישט, און דאָס פּובליקום הויבט־אָן צו ווערען אונגעדולדיג. אַ שלעכטע דראַמע אַליין פון אַ מיליאָנער, וועלכער וויל נישט אויסזאָגען ווי אַזוי ער האָט די מיליאָנען געמאַכט, איז נישט ווערט די עטליכע שילינג, וואָס דער בילעט האָט געקאָסט. מען זעהט נאָר ווי דער אָרימער מיליאָנער געהט־צו צו אַ געהיימען שופלאָד פון זיין שרייב־טיש און נעהמט פון דאָרט אַרויס עפּעס אַן אַלטען ראָק און אַ פּאָר אַלטע הויזען און אַן׳אָבגענוצטען הוט... און דאָס פּובליקום הויבט ווידער אָן צו ווערען זעהר נייגיעריג. מען וויים נישט, וואָס דאָס האָט צו בעדייטען. מען הויבט ווידער אָן צו האָפען: אפשר ליעגט אין די דאָזיגע אַלטע זאַכען דער סוד פון די מיליאָנען און אפשר האָט זיך דער רייכער שריפשטעלער פאָרט ענטשלאָסען אויסצוזאָגען דער וועלט, ווי אַזוי מען קומט צו די מיליאָנען.

אין דריטען אַקט, דעם לעצטען, קומט דער סוד אַרויס. נישט דער סוד, ווי אַזוי מען מאַכט מיליאָנען, נאָר צו וואָס דער גראַף סאָרביע האַלט די אַלטע זאַכען אין דעם געהיימען שופלאָד. ער טהוט זיך אָן אַלטע הויז־

זען מיט׳ן אַלטען ראָק און מיט׳ן אַלטען הוט און געהט אין די וועלט אריין, ווי פערצייטענס דער סולטאַן הארון־אל־ראשיד, א פערשטעלטער. און ווייל, אז די וועלט זאָל איהם נישט דערקענען אַלס דעם רייכען גראף סאָרביע, נאָר אַלס אַ פּראָסטען אָרימען מענש. ער וויל זוכען די ליעבעביים פּראָסטען פאָלק. ער מאכט די בעקאַנטשאַפט פון עפּעס אַנ׳אָרימער מאָדיסטקע און רעדט איהר איין, אז ער איז אַ בעאַמטער, וועלכער פערדיענט אַ חודש נישט מעהר ווי 300 פראַנק און ער הייסט פּיאַש. ער עסט מיט איהר אין אַ פּראָס־טער שענק און טהוט זיך אָן דעם נחת צו געהן מיט איהר — צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען — אין אַזאַ לוקסוס־אָרט ווי... אַ קינעמאַטאָגראף. ער איז ענדליך איבערצייגט, אז דאָס מיידעל ליעבט איהם, נישט צוליעב זיין רייכטום, נאָר צוליעב איהם אַליין. זעלבסטפערשטענדליך קומט עפּעס אַנ׳ אַלטער הערר, וועלכער וויל דעם מיידעל איינריכטען אַנ׳עלעגאַנטע וואה־נונג און וויל איהר געבען אַ קלייניגקייט פון 200 פראַנק אַ חודש. און דאָס מיידעל לאָזט איהם זיצען. פון איהר זייט איז עס אודאי קיין עולה נישט. 2000 פראַנק אַ חודש איז אַ שעהנע מטבע און אַ רייכער אַלטער הערר איז פּאָרט גאָר עפּעס אַנדערש ווי אַנ׳אָרימער בעאַמטער מיט 300 פראַנק אַ חודש פּענסיע. דער אָרימער סאָרביע־פּיאַש פּרובט נאָך אָוועקצולעגען אויפ׳ן טיש אַ טשעק אויף אַנ׳אַנשטענדיגע סומע. אפשר וועט ער דאַדורך די מאָדיסט־קע אָבהענדיג מאַכען פון דעם אַלטען הערר, אָבער עס נוצט נישט. דאָס מיידעל וואַרפט איהם אַוועק. דאָס קינד פונ׳ם פאָלק איז נישט בעסער פון די אַנדערע. דער אַלטער ראָק מיט די הויזען און דעם הוט האָבען נישט געהאָלפען. די דראַמע קען זיך ענדיגען.

וואָס זאָלען מיר אַלע חכמות? קאָלעגע ראָטשילד מאַכט מיליאָנען פּאָרט בעסער ווי דראַמעס. כאַפּט זיך ראָטשילד צו מיין בראַנזשע, וואָלט איך מיך ווערען כאַפּען צו זיין בראַנזשע מיט די מיליאָנען. איך וואָלט שריי־בען אַ דראַמע „דער שריפטשטעלער” און וואָלט בעוויזען, אז מיין שריפט־שטעלעריי מאַכט מיך נישט גליקליך און אז אויך איך, כ׳לעבען, וואָלט ווע־לען, אז די וועלט זאָל מיך שעצען, נישט צוליעב מיין שריפטשטעלעריי. איך וואָלט וועלען, דווקא אומגעקעהרט, מיר האַלטען אין אַ געהיימען אָרט עפּעס אַנ׳אייגענעם אויטאָמאָביל און אַ רייכע טואַלעטע און אַ טייסטער מיט

עטליכע הונדערט טויזענדער און וואָלט וועלען פאָרען אין די וועלט אריין און מיך וויזען דוקא אַלס מיליאָנער. עס מוז פאָרט זיין אַנ׳אַנגענעהם געפיהל, ווען אַ וועלט שעצט אַמאָל אַ מענשען אַלס מיליאָנער און קוקט נישט אַלע־מאָל אויף איהם ווי אויף אַ שריפטשטעלער. דער געשמאַק איז פערשידען. קאָלענע ראָטשילד מאַכט עס אומגעקעהרט. קאָלענע ראָטשילד וויל, מען זאָל איהם בעדויערן צוליעב זיין אומגליק, נעבעך, וואָס ער האָט מיליאָנען!

דוד גינצבורג

זיין לעבען איז אפשר געווען א טראגעדיע. אויפ'ן פנים, נאטירליך, איז עס איהם נישט געשטאנען אנגעשריבען — נאר דער, וואס האט איהם נעהנטער געקענט, האט עס ארויסגעפיהלט. אפשר ווען ער וואלט נישט זיין דער „באראן גינצבורג", נאר סתם „גינצבורג", איינער דארט אויף א בוי־דעס־שטיבעל, ביי א נאפט־לאמפ, איינגעבויגען איבער ספרים און איבער אלטע כתבי־יד, אפשר, זאג איך, וואלט דאן זיין גאנץ לעבען געווארען א גאנץ אנדערס. ער וואלט דאן זיין דער גרויסער, גרויסער געלעהרטער, דער וועלט־בעריהמטער, איינער פון די צוויי־דריי געצעהלטע, וועלכע מיר פער־מאגען אין דער היינטיגער צייט. אלע באדינגונגען דערצו האט ער געהאט: די גרויסע ליעבע צום ספר, דאס מערקווירדיגע פערשטענדניש דערפאר און דאס אונגעהויערע וויסען אזוי אבער האט דער „באראן" א ביסעל געשטערט. דער „באראן" לעגט ארויף פליכטען אויף א מענש. די תורה און די גדולה אין איין ארט ביי א מענשען, וועלכער האט מעהר זיך פאר תורה ווי פאר גדולה קענען דאס לעבען אפט מאכען צו א טראגעדיע.

איך האב דאס דאזיגע שוין דעמאלט געפיהלט, פאר 24 יאהר בערך, ווען איך האב איהם געזעהן צום ערשטען מאל. ער האט דעמאלט געשריבען אנ'ארטיקעל פאר'ן „בן־עמי", א העברעאישע צייטשריפט, ביי וועלכער איך בין געווען בעשעפטיגט. דער ארטיקעל איז געווען וועגען „אלכנסה, אנ'אראבישע פאעטעסע פונעם 12־טען יאהרהונדערט" מען האט אים דעמאלט נאר בעדארפט זעהן ביים מאכען קארעקטע, ביים שרייבען די צעטעלעך אהין און אהער און ביי די פערשידענע גרויסע און קליינע דאגות בשעת די עטליכע טעג פונ'ם דרוקען. עס האט געמאכט דעם איינ־דרוק, ווי זיין גאנץ לעבען וואלט זיין אבהענגיג פונ'ם דאזיגען ארטיקעל. די אויגען האבען מערקווירדיג געלויכטען. עפעס שעהנעס, עפעס הייליגעס איז פון איהם אויסגעגאנגען. איך מוז זאגען דעם אמת: די פאעזיע פון יענער אלכנסה, וועלכע האט געלעבט מיט אכטהונדערט יאהר צוריק, איז

מיר ווניג אָנגעגאַנגען ; מיין גייסט האָט בעשעפטיגט מעהר די פּאָעזיע פון׳ם שרייבענדען באַראָן אַליין. אַזאַ מין שרייבען און אַזאַ מין איינלעבען זיך אין פאַרצייטיגע יאָהרהונדערטער איז אַליין שוין פּאָעזיע.

און געפיהלט האָב איך דאָסזעלבע אויך, ווען איך האָב איהם געזעהן צום לעצטען מאָל. ביי איהם זיך צונויפקומען, און מען האָט געפלעגט לייע־נען אָדער האַלטען פאָרטראַגען. דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, וואָס דאָס יודיש־גייסטיגע פעטערבורג פערמאָגט, האָט מען געפלעגט דאָרט אָנצור־טרעפען. און פאָרט איז עס נישט געווען אַ מין „סואַרעע פיקס", ווי מיר האָבען זיי אין אַנדערע שטעדט און ווי מיר האָבען זיי געהאַט, למשל, אין וואַרשאַ. פעטערבורג האָט אַנ׳אַנדערען כאַראַקטער, און אויך די יודען דאָרט, ווען זיי קומען זיך צונויף צו אַזעלבע צוועקען, מאַכען אַ גאַנץ אַנדערע שטי־מונג. עפּעס איז עס געווען, ווי ווען „אַנוסים" קומען זיך צונויף אין אַ בעהאַלטענע שוהל. אין דרויסען איז די געפאַהר — און דאָ אין דרינען איז דער פערבאָרגענער גאָטעס־דיענסט. מען פיהלט זיך מיט איינמאָל אַזוי ברידערליך און אַזוי נאָהנט : עפּעס איין צרה און איין נחמה. איך בין גע־שטאַנען, אין יענעם לעצטען מאָל, אויפ׳ן צעטעל און איך האָב געהאַט פאָר־צולעזען עפּעס אַ נייע ערצעהלונג. פאַר מיר האָט געלייענט ד"ר קאַצענעל־סאָן און נאָך איהם האָב איך געזאָלט לייענען, פּלוצלינג אָבער קוקט מען זיך ארום : „דער באַראָן" איז נישטאָ. מען האָט איהם אָנגעהויבען זוכען. געפונען האָט מען איהם אין איינעם פון זיינע ביבליאָטעק־צימערען, שטעהנ־דיג מיט עפּעס אַנ׳אַלטען כתביד אָנגעלעהנט אָן דער וואַנד און מאַכענדיג מיט אַ בלייפעדער נאָטיצען... עס איז נישט דער „באַראָן" געווען, נאָר דער „געלעהרטער".

דעם „באַראָן" אָבער האָט געשטערט. דער שטאַנד, די אָבשטאַמונג, די אַלטע פאַמיליען־טראַדיציעס האָבען פערלאַנגט גאָר עפּעס אַנדערש. דוד גינצבורג איז געוואָרען דאָס, וואָס זיין פאָטער און זיין זיידע איז געווען : דער פונקט, צו וועלכען יעדער ליידענדער יוד אין רוסלאַנד האָט אַהין גע־קוקט. ווען מען רעדט יעצט פון געשטאָרבענעם, רעדט מען נישט פון׳ם געלעהרטען, נאָר פון׳ם „באַראָן". פאַר אַלע יודען פון רוסלאַנד איז אָבגע־שטאָרבען דער „באַראָן". עפּעס איז דער יוד געוועהנט געווען פון קינדווייז אויף אַזוי ווי זיין טאַטע און זיין בערגעל צרות און עס אַרויפצולעגען אויפ׳ן

באראָנ׳ס פּלייצעס. קוים האָט ער זיך אויסגעוויינט, האָט ער די דאגה שוין איבערגעלאָזען פאַר׳ן באראָן. ער אין פּעטערבורג וועט שוין מאַכען. גאָט צו פאַר און דערנאָך דער באראָן. על כל צרה שלא תבוא איז געווען דער באַראָן. איין רפואה פאַר אַלע מכות. האָט דער אוריאַדניק פערמאַכט זונטאָג ביי איינעם אַ קרעמעל, האָט מען געסטראַשעט, אַז מען וועט אויסזאָגען פאַר׳ן באראָן. אַט וועט מען קלאַפּען באַלד אַ דעפּעשע צו איהם קיין פּעטערבורג.

און דוד גינצבורג האָט זיך אריינגעפּונען אין זיין ראָליע. עס איז קיין וואונדער נישט: די נאַטור־פּעהיגקייטען דערצו האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער היים. ער האָט אַלע בעדינגונגען דערצו געהאַט: די גרויסע ליעבע צום מענש, די אונענדליכע גוטסקייט, דאָס גרויסע מיטלייד און דעם ווילען און די קראַפט. די אָווענדען און די נאַכט האָט ער אָוועקגעשאָנקען דעם בוך, און דעם טאָג — דעם מענש. מען זאָגט אויף איהם יעצט, אַז ער איז געווען אַ כלל־טהוער. איך האָב מורא, אַז דאָס איז אַ טעות. ניין, ער איז מעהר געווען אַ יחיד־טהוער. טויזענדער און אָבער טויזענד יחידים האָט ער געהאָלפען, שטילינקערהייט און יעדען בעזונדער האָט ער געהאָלפען. מען בעדאַרף נאָר האָבען געווען אין פּעטערבורג אָדער אויך אין אַ צעהן, צוואַנציג קליינע פערוואָרפענע שטעדטלעך אין רוסלאַנד, כדי דאָס דאָזיגע צו וויסען. איך אַליין קען אין מיין קליינע אומגעבונג אפשר צעהן, צוואַנציג יחידים, וועלכע האָבען איהם זייער גאַנצע עקזיסטענץ צו פערדאַנקען. נאַטירליך האָט איהם די דאָזיגע יחידים־ארבייט נישט אָבגעהאַלטען אויך פון דער גרויסער ארבייט פאַר׳ן כלל. דאָס כאַראַקטעריסטישע אָבער פאַר איהם איז, אַז זיין ארבייטען איז געווען פון יענעם סאָרט, ווי מען האָט געפלעגט געפינען ביי אונזערע גרויסע עהרווירדיגע און מערקווירדיגע רבנים פונ׳ם עלטערען דור: געקומען אַ פאַגראָם, האָט מען געכאַפּט דעם טולעפּ און מען איז געלאָפען ראַטעווען, מען איז געלאָפען צום פּאָליצמייסטער אָדער צום גובערנאַטאָר; געקומען אַ יודענע, וואָס מען האָט ביי איהר אויפ׳ן בוידעם די וועש גע׳גנב׳עט, האָט מען געכאַפּט דעם טולעפּ און מען איז געלאָפען ראַטעווען. אַלעס מיט דערזעלביגער התלהבות. ביי דוד גינצבורג האָט מען די דאָזיגע ערשיינונג געקאָנט אָפט זעהן. דאָס גרויסע אָדער דאָס קליינע — דער ברען איז געווען דער גלייכער.

מען זאָגט יעצט אויף איהם: „דאָס גאַנצע פאָלק טרויערט נאָך איהם".

ווייל מען הערט די דאָזיגע ווערטער אזוי אָפט כמעט ביי יעדען גרויסען געשטאָרבענעם, מאכען זיי קיין איינדרוק נישט מעהר און מען געהט איבער זיי אריבער און מען מאכט זיך קיין פאָרשטעלונג נישט פון דער בעדייטונג פון די ווערטער. זיי זענען געוואָרען א שטעהענדיגע פראַזע. איך וואָלט אָבער וועלען, אז מען זאָל די דאָזיגע ווערטער נעהמען גאַנץ ווערטליך: דאָס גאַנצע פאָלק טרויערט. דער לעצטער יוד אינ'ם לעצטען פערוואָרפעסטען שטעדטעל איז געוואָרען א יתום. איך קען נישט קיין צווייטען מענשען, וואָס זיין טויט וואָלט געקענט אזוי בעריהרען דאָס אינערליכע פאָלק.

דער באַראָן דוד גרינצבורג איז געשטאָרבען — מיינען מיין איך אָבער, אז אָבגעשטאָרבען איז אייגענטליך דאָס גאַנצע יודישע פעטערבורג. מיט דעם דאָזיגען טויט איז פאַר'ן יודען טויט געוואָרען זיין צענטער, צו וועלכען זיינע אויגען זענען אַלע מאָל געווענדט געווען. ווען א אוריאַדניק וועט היי־סען א געוועלבעל פערמאכען, וועט מען נישט מעהר קוקען אַהין קיין פע־טערבורג. מען האָט נישט מעהר דעם, אויף וועלכען מען האָט זיך געקאָנט פערלאָזען. פּאָליאַקאָוו איז טויט, ראָזענטהאַל איז טויט, וואַרשאַווסקי איז טויט, האַראַץ גינצבורג איז טויט, און יעצט איז אויך דוד גינזבורג געשטאָרבען — דער לעצטער פון די מאָהיקאַנער. פעטערבורג איז פאַר דעם יודען וואַכעדיג געוואָרען. א שטאָדט ווי אַלע שטעדט. א נייער דור און ניי יודען — וואָכעדיגע יודען, און דאָס האַרץ ווערט אזוי שווער און אי'ן די אויגען אזוי טונקעל.

איך האָב פערשטאַנען דעם יוד און וואָס ס'איז פאָרגעגאַנגען אין זיין האַרץ, בשעת ער האָט געלייענט די טרויעריגע נאַכריכט, אז דוד גינצבורג איז געשטאָרבען, און ער האָט אויסגעשריגען: „רבונו של עולם! וואָס יעצט?"

מנשה מרגלית

פינף און זיבעציג יאָהר איז ער אַלט געוואָרען, און נאָך אינ׳ם לעצטען טאָג פון זיין לעבען זענען אַלע זיינע אידעאַלען, פאַר וועלכע ער האָט געקעמפט, געווען ביי איהם אַזוי פריש ווי פאַר עטליכע און פופציג יאָהר. איך קען אין דעם דאָזיגען פרט כמעט נישט נאָך אַ צווייטען, אַזוי ווי ער, צווישען אַלע אונזערע גרויסע און אַלע אונזערע גייסטעס־פאָרשטעהער. יעדער פון זיי האָט דעם הארטען לעבען, אינ׳ם לאַנגען לויף פון די צייטען, זיין אָבצאָהל געגעבען. יעדער האָט איינציגוויז דאָ און דאָרט אַ רעכט ביסעל מותר געווען און אָבגעטרעטען פון דעם זייניגען, און האָט עס אַליין נישט געוואוסט. דער בעריהמטער „צאָהן פון דער צייט" האָט געטהון דאָס זייניגע. צום סוף ביי אַ שטיקעל חשבון־הנפש, האָט זיך פלוצלינג אַרויסגעוויזען, אַז אייגענטליך איז מען אַרום און געוואָרען אַ גאָר אַנדערער. אַזוי איז שוין דאָס לעבען. אומבעמערקט און אומגעזעהן צעבלעטערט עס די אַלטע בלומען פון דער אַלטער ווייטער יוגענד. ווערען נישט אונזערע חלומות פון פאַרצייטענס אינגאַנצען פערוועלקט, אַנ׳אַנדער פנים קריגען זיי פאָרט. ווערען נישט אונזערע אַלטע אידעאַלען אינגאַנצען פערוועהט. וועניגסטענס אַביסעל אָבגעבליאַקעוועט ווערען זיי סוף־כל־סוף. מנשה מרגלית איז איינער אפשר פון די גאָר זעלטענע, וועלכער האָט גע׳חלומ׳ט און געגלויבט אין זיין פינפאונזיבעציגסטען יאָהר דאָס, פון וועלכען ער האָט גע׳חלומ׳ט און אין וואָס ער האָט געגלויבט אין זיין פריהעסטער יוגענד און פאַר וועלכען ער האָט געקעמפט מעהר ווי פופציג יאָהר. איך לייען זיינעם אַ בריעף צו מיר אוים דער לעצטער צייט — מערקווירדיג, אין טאָן און אינהאַלט איז ער אייגענטליך אינגאַנצען דאָסזעלביגע, וואָס ער האָט אַמאָל געשריבען אין אַנ׳אַלטען, אַלטען „ראַזסוויעט", וועלכער איז אַמאָל אַרויסגעגאַנגען אין אָדעס. פאַר זיינע אויגען, אַלס קינד, האָבען זיך אָבגעשפיעלט יענע גליקליכע סצענעס, ווען מען האָט יודען געשלעפט פראָסט פאַר׳ן קאַרק, אום זיי צו געבען מכל טוב, און די דאָזיגע יודען זענען געווען נאָך אַזוי

אומגעשיקט און אומבעהאָלפען, אַז זיי האָבען דאָס אַזש נאָך נישט געקענט מקבל זיין; איבער זיין קאָפּ האָבען פערבייגערוישט יענע 80־גער יאָהרען, וועלכע האָבען געבראַכט מיט זיך די בלוט־בעדער און די ערשטע געוואַלדיגע בעדריקונגען; פון זיין נעבסטער נאָהנט אויס האָט ער מיטגעזעהן און מיט־געהערט, ווי עס האָבען זיך געוועבט די נייע, שטילע האָפענונגען פון אַנ׳ אויטאָעמאַנציפּאַציע און חלומות פון אַ פריש לעבען אין אַנ׳אייגען שטיקעל לאַנד האָבען זיך געטראָגען אין דער לופט; ער האָט אַ צייט פון אַ „פריה־לינג" איבערגעלעבט און ווי דאָס פייער פון אַ רעוואָלוציע האָט ארומגענו־מען אַ גאַנץ לאַנד און ווי נייע אויסזיכטען און נייע ערוואַרטונגען זענען אויסגעוואַקסען — ער אָבער, מנשה מרגלית, האָט זיך געהאַט אינ׳ם לויף פון די דאָזיגע אַלע צייטען נאָר זיינע אידעאַלען, איין און דיזעלביגע אידעאַ־לען פון זיינע קינדער־יאָהרען, און ער האָט זיי נישט געביטען אויף אַ האָר.

איז ער געווען אַ „משכיל"? איך גלויב נישט. צום משכיל־זיין האָט איהם געפעהלט יענעם בייסעדיגע און יענעם שטעכעדיגע געגען אַלעם יו־דישע, מיט וועלכען אַלע פּאָהנען־טרעגער פון דער השכלה האָבען זיך אויס־געצייכענט. ער האָט נישט געהאַט אין זיך יענעם כאַראַקטעריסטישע פון די השכלה־אַקציזניקעס און השכלה־טשינאָווניקעס — די טיעפע שנאָה צום שלחן־ערוך און דאָס אייביגע פערבלענדעניש פון די גאַרדאָנס און זייערע חברים, אַז דאָס גאַנצע ביסעל מזל־ברכה פון דעם יוד הענגט נאָר אָב פון דער רעפאָרמען־מאַכעריי. איז ער געווען נאַציאָנאַל־יוד? איז איהם אַמאָל דורכגעגאַנגען דורכ׳ן קאָפּ דער געדאַנק, אַז דער חלום פון אַנ׳אייגען שטיקעל לאַנד קאָן אַמאָל, אין אַ ווייטער־ווייטער צוקונפט, אין דער פאָרם אָדער אין יענער פאָרם, זיך פערווירקליכען? צום נאַציאָנאַל־יוד, אינ׳ם לאַנדלווי־פיגען זין פון דעם דאָזיגען וואָרט, האָט איהם געפעהלט דאָס פער׳שיכורט־זיין, צום ציוניזם איז ער געווען צו־ניכטער און צו־ווייניג גלויביג. איז ער געווען צו־פיעל געלעהרטער? האָט ער אַלעמאָל נאָר געצעהלט און גערע־כענט לויט די טרוקענע ציפערען? ניין, עס איז געווען צו לייענען נאָר עטלי־כע שורות פון זיינע „ערינערונגען", אום אין איהם אויך דעם דיכטער צו דערקענען.

ער איז געווען אפשר איינער פון די זעלטענע עקזעמפּלאַרען וואָס דער

טיפּ פון׳ם יודישען „קשה־עורף״, אין זיין איידעלסטער און שטרענגסטער פאָרם, איז ביי זיי צום העכסטען אויסדרוק געקומען. דאָס, וואָס ער האָט איינמאָל געפונען פאַר ריכטיג, האָט ער נישט מעהר געקענט אָבלאָזען — ווען אפילו ער זאָל עס טויזענדמאָל וועלען. ער האָט איינמאָל, אין זיין פריהס־טער יוגענד, דעם פּרינציפּ פון דער פאָלקס־אויפקלערונג פאַר דאָס ריכטיגע דערקענט, און ער האָט זיך געהאַלטען דערמיט אויך דאַן, ווען פאָלק און אויפקלערונג צוזאמען זענען כמעט שוין נישט געווען מעהר במציאות. היינ־ריך היינע, דאַכט זיך, איז עס, וועלכער מאָלט אונז דאָס שוידערליכע און טרויעריגע בילד, א מאמע, נאָכדעם ווי דאָס קינד איז געשטאָרבען, זיצט נאָך אַלץ ביים וויעגעל און וויעגט דערין א יאָהר־צייט־ליכטעל: איי־לו־לו־לו...

און ליעב האָט ער געהאַט דעם יוד כמעט ווי א מאמע. איך קען קיין איינציגען נישט אוים יענער צייט פון דער אויפקלערונגס־תקופה, ביי וועל־כען די ליעבע צום פאָלק איז אזוי ריין געקומען צום אויסדרוק. ער האָט כל ימיו געאַרבייט פאַר׳ן פאָלק און האָט עטליכע און פופציג יאָהר גע־זאָרגט זיינע זאָרג. זיין אונענדליך וויסען אויפ׳ן געביעט פון דער אַלטער יודישער געזעצבונג האָט איהם גענעבען די מעגליכקייט צו ווערען „דער בעשיצער פון׳ם תלמוד״ און צו שרייבען אונז זיינע „דיני־נפשות ביי די אַלטע העברעער״ און זיינע „דיני־הירושה לויט משה און תלמוד״. זיין איבערצייגונג, אז ערד־אַרבייט איז איינס און די הויפּט־מיטלען, וועלכעם קען דאָס עלענד פון׳ם יודישען לעבען אביסעל פערמינדערען, האָט איהם געבראַכט דערצו, אז ער זאָל צוזאמען אַרבייטען אפילו מיט די „חובבי־ציון״ און זאָגאַר אינ׳ם „פּאַלעסטינעזישען פעראיין״. ארויסגעטרעטען פון זיי איז ער ערשט, ווי ער האָט בעמערקט, אז פון זיי האָט זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען דער פּאָליטישער ציוניזם. דאָס האָט ער נישט געקאָנט פער־טראָגען; גאָרנישט, שרייבט ער מיר אמאָל אין א בריעף, האָט ער אזוי פיינד ווי א פוסטע פאַנטאַזיע. א אילוזיע איז דאָס געפעהרליכסטע פאַר אנ׳אומגליקליך פאָלק. און מיט ליידענשאַפט האָט ער געקעמפט אין אונצעה־ליגע אַרטיקלען געגען דעם פּאָליטישען ציוניזם. ער האָט דאַן געקעמפט אויך שוין געגען חבת־ציון און דאַן זאָגאַר געגען דאָס יודיש־נאַציאָנאַל און שפּע־טער אפילו געגען העברעאיש. עס האָט זיך איהם אַלץ אויסגעוויזען, אז מיט

דעם אַלעם וויל מען אָברייסען דעם יוד פון דעם אַלגעמיין־מענשליכען — פון זיין ליעבסטען אידעאַל.

פאַר זיינע אויגען, אַלס קינד, האָבען זיך אָבגעשפּיעלט יענע גליקליכע סצענעס, וואו מען האָט יודען געשלעפּט פּראָסט פאַר'ן קאַרק, אום זיי צו געבען מכל־טוב — און וויל דאָס זענען געווען זיינע ערשטע קינדער־איינדרוקען, און וויל זיין געמיט איז געווען דאָס געמיט פון אַ קינד, ריין און בלאַנק, דעריבער איז דאָס געבליבען קלעבען ביי איהם אין זיין נשמה אויף אייביג און עס איז געוואָרען זיין אידעאַל. דער פינפאונזיבעציג־יעהריגער האָט געגאַרט און געשמאַרעכט צו די קינדער־יאָהרען. ווען אפשר ער וואָלט זיין פון אַ ווייניגער טיעף געמיט, וואָלט ער קענען אויף אַ סך, אַ סך פון זיינען קינדערשע חלומות מוותר זיין. עס איז די מעשה פון יענער נשמה, וואָס דער מלאך האָט זי געטראָגען איבער'ן הימעל אין האַלבער נאַכט און האָט איהר געזונגען, און זי קען דעם דאָזיגען קלאַנג קיינמאָל מעהר נישט פערגעסען. עס איז די מעשה פונ'ם אור־אור־אייניקעל, וועלכער קען נישט פערגעסען, אַז זיין עלטער־עלטער־זיידע אָדם הראשון איז אַמאָל געווען אינ'ם גן־עדן.

טאָלסטאָי

דאָס וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט, האָט ער געהאַלטען. ער האָט זיך נישט מעהר אומגעקעהרט. און אויך אויפ'ן האַלבען וועג איז ער נישט געבליבען שטעהן. ער איז אַוועק אין יענעם לאַנד, וואָס „פון זיין געביעט קעהרט קיינער זיך נישט אום מעהר". טאָלסטאָי. דער גרויסער גריבלער וועגען לעבען און טויט, איז ענדליך מיעד געוואָרען, גריבלענדיג זיך וועגען דאָס לעבען, איז ער אריבער צום טויט. אפשר וועט ער מיט'ן טויט מעהר גליק האָבען. מיר אָבער וועלען איהם נישט מעהר הערען — און דער גרויסער סוד וועט בלייבען גרויסער סוד, ווי געווען.

„זיין קבר האָבען איהם געגראָבען די פויערים פון יאסנאיא פּאָליאַנאַ"...

עס קלינגט כמעט ווי א סימבאָל! די מענשען, דאָס מענשען־מאַטעריאַל פאַר וועלכעס ער האָט געלעבט און געארבייט, איז פאַרט נישט געווען געגנוג רייף פאַר זיין גרויסען חלום, פאַר זיין גרויסע לעהרע. שוין זיין נאָהנטסטע פאַמיליע איז נישט געווען גענוג רייף דערצו; שוין זיינע נאָהנטסטע תלמידים זענען געווען נאָר זינדיגע מענשען. דער זינדיגער מענש ווערט נישט איבער נאַכט הייליג, דער איינגעפליישטער „איך" פיהלט זיך נישט איבער נאַכט אַלס „דו". אוי, די שרעקליכע גראַמאַטיק פון לעבען; די ערשטע פּערזאָן פּערוועקסעלט זיך נישט מיט דער צווייטער, און די געגענוואַרט איז קיינמאָל נישט פערגאַנגענהייט און קיינמאָל נישט צוקונפט. און דעריבער איז טאָלסטאָי אינ'ם לעבען ארומגעגאַנגען ווי אין א חלום, די ווירקליכקייט איז אָבער ווירקליך, און זי ווערט נישט מגולגל אין די שעהנקייט פון א חלום. דאָס איז די גרויסע טראַגעדיע פונ'ם גרויסען טרוימער פון יאסנאיא פּאָליאַנאַ. איז אין דער דאָזיגער הינזיכט א מענשען ווי פרידריך נישטע געווען טויזענדמאָל בעסער. יענער האָט וועניגסטענס פערשטאַנען אַז מיט'ן היינטיגען מענשען, אַזוי ווי ער איז, וועט ער גאָרנישט קענען מאַכען, און ער האָט גע'חלומ'ט פון א „לעצטען מענשען" און פון א צייט,

ווען עס וועט זיך אָנהויבען אַ נייער סאָרט מענש, דער איבער־מענש, וועל־כער וועט זיין רייף פאַר אַ גרויסען־גרויסען חלום און פאַר אַ גרויסע־גרויסע תורה. אַ מענש ווי פרידריך ניטשע איז איבריגענס ביי זיין געהן אין די מל־חמה אריין געווען בעוואָפענט מיט טויזענדערליי וויסענשאַפטען. די פי־לאָזאָפיע איז געווען זיין הויפּט־פאַך, און ער האָט פערשטאַנען צו לעהרנען, אַז צוערשט מוז דאָס מיטלייד, דאָס גרויסע רחמנות פונ׳ם מענשען אויפ׳ן מענשען, אויסגעוואָרצעלט ווערען פון דער וועלט. טאָלסטאָי אָבער מיט זיין אונענדליכען שמענדיגען מיטלייד אויף גרויס און קליין, אויף נאָהנט און וויט — ער האָט געמוזט שטרויכלען שוין ביי די ערשטע טריט. דאָס איז די טראַגעדיע פונ׳ם גרויסען טרוימער.

איך מוז אָבער רעדען פון נאָך אַ טראַגעדיע: די טראַגעדיע פונ׳ם רוסישען פאָלק. עס קלינגט כמעט ווי אַ איראָניע. עלענד און אָרים, ווי עס איז, האָט עס געהאַט איין זאַך, אַ חפץ אַזעלכען, וואָס די גאַנצע וועלט האָט זיין גלייכען נישט — עס האָט געהאַט אַ טאָלסטאָי. ווען עס וואָלט זיך מאַכען ערגעץ־וואו אַנ׳אַלוועלטליכע אויסשטעלונג, און אייראָפּאַ און אמע־ריקאַ וואָלטען שיקען אהין זייערע אוצרות אויף אַלע געביעטען פון ערפינ־דונגען און פון דער אינדוסטריע, און רוסלאַנד וואָלט שטעהן מיט די ליי־דיגע הענד און וואָלט אהינשיקען דאָרט נאָר איהר טאָלסטאָי, עטליכע ספרים פון איהם, אַלס דאָס איינציגע, וואָס זי האָט צו שיקען — בין איך זיכער, אַז זי וואָלט נעהמען דעם ערשטען פּריז, אַזאַ געגענשטאַנד האָט נאָר איין רוסלאַנד אַרויסגעבראַכט. איז אָבער די טראַגעדיע אַזוי גרויס, אַז דוקא מיט דעם דאָזיגען טאָלסטאָי איז מען ברוגז. נישט שלום־געמאַכטערהייט איז ער פון דער וועלט געגאַנגען. און די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט שטעהט און קוקט און וואונדערט זיך און קען נישט בעגרייפען. אָט דאָס איז אַ טראַגעדיע פון אַ פאָלק און פון אַ לאַנד.

נאַטירליך: דאָס דאָזיגע איז נאָר ווי אַ קאָמיש־טראַגישעס אינטער־מעצאָ, ווען מען פערגלייכט עס מיט דער גרויסער טראַגעדיע פונ׳ם גרויסען מענשען אליין. צום טייל אָבער זענען זיי ביידע פערבונדען. אפשר וואָלט דער גורל פון טאָלסטאָי פאָרט נישט זיין אַזוי טרויעריג, ווען דאָס פאָלק און דאָס לאַנד וואָלטען זיין אַביסעל אַנדערש. איך זאָג נישט, אַז ער וואָלט דאַן קענען זיינע ציעלען דערגרייכען, — ניין, דערצו דאַרף מען האָבען אַנ׳

אַנדער מענשען־מאַטעריאַל, דערצו דאַרף מען אפשר האָבען אַ איבער־איבער־מענש, — ער וואָלט זיך אָבער יעדענפאַלס נישט פיהלען אַזוי עלענד און אַליין און פערלאָזען.

און פון דעם עלענד־זיין און אַליין־זיין און פערלאָזען־זיין האָט ער געוואָלט אַנטלויפען. און ער האָט געוואָלט ווערען נאָך עלענדער און נאָך מעהר אַליין און נאָך מעהר פערלאָזענער. ער האָט געוואָלט די אבסאָלוטע אַליינקייט. וואָס נוצט דאָס? ער אַליין וואָלט אפשר דאַן געקענט אַ מינוט פרייער אָטעמען. די וועלט וואָלט אָבער דאָך געבליבען ווי געוועזען און די מענשהייט וואָלט געבליבען ווי געוועזען.

ווענינגסטענס דער יודישער גייסט פיהלט אַזעלכעס גאַנץ אַנדערש. דער יודישער נביא לויפט אויך אַוועק — ער לויפט אַוועק פאַר דער געטליכקייט. מיט דער שיף בלאָנדזשעט ער אַרום אויפ'ן וואַסער, אין אַ ווינקעל ליעגט ער בעהאַלטען, און דאַן לויפט ער אַוועק פון דער שטאָדט און פון די הונדערט און צוואַנציג טויזענד מענשען און פון דער „גרויסער בהמה", און איינזאַם, אויפ'ן פעלד וויל ער לעבען אין אַ ביידעל, געפלאָכטען פון בלעטער. דאָס איז אויך איינער, וועלכער קען נישט דורכקומען מיט מענשען און מיט דער גרויסער בהמה, און ער זוכט פאַר זיך די איינזאַמקייט. גאָט אָבער דערגרייכט איהם, וואו ער איז; ער קען זיך פאַר איהם נישט בעהאַלטען. פונ'ם וואַסער שלעפט ער איהם אַרויס, ביים קאַרק נעהמט ער איהם אָן, און ער הייסט איהם צוריק. פאַר מענשען לויפט מען נישט אַוועק. פערדינגען מוזט דו זיי און נביאות זאָגען און די אויגען עפענען, אַזוי לאַנג ווי דו קענסט; ווען מען ראַטעוועט איין נפש, איז אויך גוט. איין נפש ראַטעווען, איז ווי מען וואָלט געראַטעוועט אַ גאַנצע וועלט. ווער ווייס, אפשר וועט זיך פאָרט אָנהויבען אַ נייע וועלט מיט אַ נייער מענשהייט; אפשר וועט דער ערשטער איבער־מענש קומען, און דאָס גרויסע אידעאַל וועט קענען אָנהויבען פערווירקליכט צו ווערען. דאָס זעהט איהר, איז יודיש. אַזוי פערשטעהט דער יודישער גייסט דאָס פּראָבלעם. אַוועקלויפען הייסט עגאָאיסטיש זיין און איבערלאָזען די מענשען, אַזוי ווי זיי זענען. עס איז איהם ליעבער זיין אייגענער קיקיון־בלאַט, ווי גאַנץ נינוה מיט אַלע איהרע מענשען. דער יודישער גייסט וויל אַזעלכעס נישט האָבען. דו מוזט מיט זיי לעבען און ליידען צוזאַמען, און זענען זיי זינדיג און אומריין, מוזט דו מיט

זיי צוזאַמען זינדיג זיין און דורך די אומריינקייט זיך שלעפען. טאָלסטאָי אָבער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען. „וואָס איך זעה נישט, געהט מיך נישט אָן” — און ער איז אַנטלאָפען פאַר די מענשען.

און איהם דערגרייכט נישט קיין שום גאָט. ער שלעפט איהם נישט אַרויס פון'ם וואַסער, ער נעהמט איהם נישט אָן פאַר דער האַנד און הייסט איהם נישט צוריק. ער האָט זיך נישט מעהר אומגעקעהרט. דאָס איז דאָס נישט־יודישע; דאָס איז דאָס פרעמדע...

פאַר'ן מענשען אָבער קען מען זיך נישט בעהאַלטען. ער יאָגט זיך נאָך ביז אין די טיפעניששען פון אַלע דיינע בעהעלטעניששען. און קומט ער נישט אַליין, שיקט ער דיר נאָך זיין שאָטען. און ווען דו זאָלסט דיך אין אַ הייהל בעהאַלטען, וועט ער דיך דאָרט דערגרייכען.

און טאָלסטאָי האָט זיך געמוזט בעהאַלטען אין אַ הייהל, וואו דער מענש און זיין שאָטען וועלען איהם נישט בעגרייפען — ער איז געשטאָרבען!

און זיין קבר האָבען איהם אויסגעגראָבען די פויערים פון יאַסנאַיאַ פאָליאַנאַ...

עליזאַ אָרזשעשקאָ

זי איז טויט, פּוילענס גרעסטע שריפטשטעלערין, און היינט אונטער דעם טרויער פון׳ם גאַנצען פאָלק ווערט איהר געביין צו קבר געבראַכט. ביים קבר טרויערט אויך די אונענדליך גרויסע צאָהל פון איהרע יודישע אָנבעטער. אונזער גרעסטער „פערטיידיגער”, וועלכען מיר האָבען געהאַט אין דעם דאָזיגען לאַנד, איז אונז אָבגעשטאָרבען.

זי האָט נישט געהאַט אין זיך דאָס געניאַלע פון אַ זשאָרזש סאַנד, נישט די טיעפקייט און דאָס פילאָזאָפישע פון אַ דזשאָרדזש עליאָט, נישט די פאָרמען־שעהנקייטען פון אַ עבנער־עשענבאַך אָדער אַ סעלמאַ לאַגערלעף — נײן, עטוואָס „מוטערליכעס” האָט זי געהאַט אין זיך, עטוואָס פון אַ פערזאָרגערין, וועלכע פערזאָרגט אַלע איהרע קינדער, און גענוג גרויס איז די ווירקונג, וועלכע זי האָט ערציעלט דורך די דאָזיגע איינפאַכע אייגענשאַפטען. מיר נעהמען אין די האַנד אַריין עפּעס אַנ׳ערצעהלונג פון איהר, וועלכע עס איז: זעהר אָפט איז די כאַראַקטעריסטיק אַ פאַלשע, די סיטואַציע אַ אומעגליכע, די האַנדלונג אַ איבערגעטריבענע, דאָס גאַנצע געבוי און אַפילו דער סטיל זענען אָפט ווייט פון זיין קינסטלעריש, און פאָרט נעהמט אונז עפּעס ביי דער דאָזיגער שריפטשטעלערין, און פאָרט באַקט זי זיך איין ביי יעדען לעזער אין האַרצען. עס איז די אונענדליכע ליעבע צו אַלעם, וואָס ליידט, צו אַלעם, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען אין גאָט׳ס פאָרם; דאָס רעט אַרויס ביי איהר פון יעדען וואָרט, עס איז דאָס אונענדליכע מיטלייד ביי איהר פון יעדען אומגליקליכען און עלענדען, וואָס מאַכט אונז די דאָזיגע שריפטשטעלערין אַזוי אונענדליך ליעב. זי האָט מיטגעליטען מיט דעם אומגליק פון אונז, יודען, זי האָט מיט געוויינט מיט דעם עלענד פון׳ם פוילישען פויער.

איינע פון די לעצטע איז זי געווען, וועלכע זענען אונז איבערגעבליבען פון דער גוטער אַלטער צייט: אַ פוילישע נשמה מיט די אידעאַלען פון די זעכציגער יאָהרען. אַלע זענען ברידער, אַלע זענען גלייך, אַלע זענען עלענד, און קעמפען מוז יעדער עלענדער פאַר יעדען עלענדען. און געגלויבט

האָט זי אין די דאָזיגע אידעאַלען און אין די פערווירקליכונג פון זיי, ווי עס גלויבט אַ קינד. נאָך אין די לעצטע יאָהרען, שוין קרוב אַ זיבעציגערין, האָט זיך נאָך אַלץ געגלויבט. צייטען האָבען זיך געביטען, אַנדערע פויגעל זענען געקומען און אַנדערע ליעדער, די רעאַקציע האָט זיך שווארץ און שווער אראָבגעלאָזט אומעטום און אויף אַלדינג, און עליזאַ אָרזשעשקאָ האָט נאָך אַלץ אונערשיטערליך געגלויבט. אָה, די דאָזיגע אידעאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג! אַליין איז זי געווען אַ שטיק אַנאַכראָניזם אין מיטען דער היינטיגער שווערער און פינסטערער העץ־צייט.

איך ווייס פון איהר אַ מעשה צו דערצעהלען: פאַר עטליכע יאָהר, ווען זי האָט געפייערט איהר 40־יאָהריגען שריפטשטעלער־יובילעאום און דעפּו־טאַציעס מיט גליק־ווינשונגען זענען געקומען צו איהר פון נאָהנט און פון וויט, איז אויך געקומען צו איהר אַ יודישע סטודענטען־דעפּוטאַציע פון דאָרפּאַט. די שריפטשטעלערין האָט זיך פלוצלינג צופייערט און האָט אָנגע־הויבען די יודען מוסר זאָגען. נאָר זיי, זיי אַליין, זענען זיך שולדיג אין זייער אומגליק. מיט יודען קען מען גאָרנישט מאַכען. יודען זענען אַנ׳עם לא־היה. זי אַליין האָט געהערט אין גראָדנאָ אויפ׳ן גאַס, ווי יודישער בחור האָט גערעדט רוסיש און נישט פויליש. — דער אָנפיהרער פון דער דעפּוטאַציע איז געווען ווי אָבגעפּאַטשט.

און נאָך אַזאַ מעשה ווייס איך פון איהר און ווידער אַזאַ מעשה. מען מוז אָבער האָבען עליזאַ אָרזשעשקאָ געקענט. אַ „מאַמע” איז זי געווען אין דער פוילישער ליטעראַטור, אַ פערזאָרגערין, וועלכע האָט געוואָלט פערזאָר־גען אַלע איהרע קינדער, אַ מין בעל־הבית׳טע מיט די שליסעלעך ביים פאַר־טוך, און געזאָגט מוסר האָט זי אויף רעכטס און געזאָגט מוסר האָט זי אויף לינקס. אין איהרע ערצעהלונגען האָט זי געפרעדיגט מאָראַל אַלע פּאָליאַקען און האָט דעם יוד אידעאַליזירט, און האָט זי אַ יודען געזעהן, ביי וואָס פאַר אַ געלעגענהייט עס האָט געמעגט זיין, האָט זי איהם אָנגעדרעהט אין אויער פאַר זיין התנהגות. אַ מאַמע, וועלכע האָט ליעב, טאָר נישט אַנדערש. זי איז געווען אַ מאַמע פון די זעכציגער יאָהרען.

מיר, יודען, וועלען אָבער קיינמאָל נישט פערגעסען, וואָס די דאָזיגע מערקווירדיגע פרוי האָט פאַר אונז געטהון. עליזאַ אָרזשעשקאָ איז די ערשטע צווישען די פוילישע שריפטשטעלער, וועלכע האָט דעם יוד בעהאַנ־

דעלט אַלס מענש מיט אַ מענשליכער נשמה, וועהרענד די שריפטשטעלער, וועלכע זענען געווען פאַר איהר האָבען איהם בעהאַנדעלט אביסעל פוילישליך, דאָס הייסט, אַלס זאַך צו טרייבען אַ שפּאַס, אַלס סיוזשעט צו פערוויילען אַנ׳עולם.

ווער קען נישט אָט דעם דאָזיגען גנעדיגען שפּאָט פון די דאָזיגע גנעדיגע העררען? מאָשקע, איצעק און יאַנקעל זענען געווען זייערע ליעבלינגפיגורען, און די דאָזיגע פאַרשוינען זענען געווען: אַ פאַקטאָר, אַ מעקלער, אַ מסור, אַ פּראָצענטיק, איינער מיט אַ לאַנגער נאָז און מיט אַ לאַנגען קאַפּטאַן, און דער דאָזיגער קומט אין הויף אַריין צו דער פּאַני חראַבינאַ, אום איהר דאָס נויטיגע געלד צו באָרגען, און די פּאַני חראַבינאַ טיטולירט איהם „הונד" און דער יוד קושט איהר דעם זוים פון איהר קלייד און רעדט צו איהר פּויליש מיט׳ן דקדוק פונ׳ם געשמאַקען זשאַרגאָן. אָדער, זענען די דאָזיגע העררען שרייבער געווען בעזונדערס גנעדיגליך אויפגעלעגט, האָבען זיי אין דער ערצעהלונג אויך אַריינגעבראַכט עפּעס אַ פּיוּוקע, וועלכער קומט מיט׳ן פידעלע אין די הויפען פון די פּריצים, אָדער אַ יאָסקע שענקער אינ׳ם דאָרף, וועלכער האָט אַ מיידעל, עפּעס אַ רבקה אָדער אַ יאַנקלאָוואַ אָדער אַ יאַקובנאַ, און דאָס מיידעל האָט שוואַרצע אויגען און אַ שעהן געזיכט און שמוציגע קליידער, און עפּעס אַ גראַף פּאָטאָצקי אָדער זאַוואַדזקי זעהט דאָס מיידעל און נעהמט זי זיך מיט, גלאַט אַזוי, און יאָסקע דער שענקער בייזערט זיך אָנפאַנגס, דאַן אָבער נעהמט ער די עטליכע גילדען און שווייגט... וואָס האָבען אונז די דאָזיגע העררען שרייבער נישט אַלץ געטהון? קיינמאָל האָבען זיי נישט געפּרובט קענען צו לערנען פון דעם דאָזיגען יוד עפּעס מעהר פון זיין נאָז און זיין נאָמען און זיין קאַפּטאַן, קיינמאָל האָבען זיי נישט געפּרובט אונטערזוכען, ווי געהט אוים די נשמה פון דעם דאָזיגען פאַקטאָר און מעקלער און וואָס טהוט זיך אָב אינ׳ם הארצען פונ׳ם דאָזיגען מסור און פּראָצענטניק קיינמאָל איז זיי נישט געקומען איז זין אַריין, אַמאָל אָבצוטרעטען אין אַ זייט און דערלאַנגען אַ קוק דורכ׳ן פענסטער פון דעם דאָזיגען יאָסקע שענקער, ווי ער שטעהט ביי זיך ביידערנאַכט, נאָכדעם ווי זיין טאָכטער איז איהם גענומען געוואָרען, און רייסט זיך די האָר פונ׳ם קאָפּ און צעוויינט זיך ווי אַ קליין קינד, און לעגט זיך אויף זיין געלעגער און וויינט, און שטעהט אויף אינדערפריה און דערלאַנגט דעם פּויער דאָס גלע־

זעל בראָנפּען, רוהיג און פעסט, און קיינער וועט נישט דערקענען, אַז דער דאָזיגער „זשיד” האָט ביינאַט אַביסעל געוויינט, ווייל דאָס האַרץ האָט איהם וועה געטהון... וואָס ווייסען אַזעלכע „גרויסע” שרייבער פון אַזעלכע „קליי־ניגקייטען” ?

דאָ איז געקומען עליזאַ אָרזשעשקאָ. אַ נייע וועלט האָט זי אויפגע־מאַכט: מאָשקע האָט אויפגעהערט צו זיין אַ מאָשקע און איז געוואָרען אַ מענש מיט מענשליכע געפיהלען; דער מעקלער האָט אויפגעהערט צו זיין וואָס ער איז, און איז געוואָרען אַ בעשעפעניש, וועלכעס פיהלט מיט אַ האַרץ און דענקט מיט אַ קאָפּ; דער מסור האָט אויפגעהערט צו זיין אַ מאַשין און איז געוואָרען אַ מענשליכע נשמה, וועלכע טהוט אַליץ. וואָס זי טהוט, דורך אַ מוז און אַ נויטווענדיגקייט און לויט געזעץ פון זעעלען־קרעפטען. וואָס איז דאָ פּלוצלינג געוואָרען ? אַלע די דאָזיגע אומגליקליכע נפשות לעבען דעסגלייכען און האָבען האַרץ און געפיהל, קאָפּ און געדאַנ־קען, פרייד און שמערץ, און קאַמפען שפּיעלען זיך אָב אין זייער האַרץ און גוטע שטונדען און שלעכטע שטונדען, שטונדען פון האַרטנעקגיקייט און פערביטערקייט און שטונדען פון שוועכען און מענשליכע פעהלבאַרקיי־מען. די דאָזיגע „זאַך”, וועלכע הייסט אויף יודיש יוד און ווערט איבערגע־זעצט אויף פּויליש זשיד, איז נאָר אַ נשמה, וועלכע מוז געלערנט ווערען !

— עליזאַ אָרזשעשקאָ איז געוועזן די ערשטע, וואָס איז איינגעדרונגען אין די זעעלע פונ'ם יוד, און וואָס זי האָט דאָרט געפונען, די פּערעל און דעם שלאַם, אַלעס האָט זי פונאַנדערגעשפּרייט אויף די זון — און אָט האָט זיך אַרויס־געוויזען, אַז אויך דאָ איז לעבען, איז ליכט און שאָטען, און פּאָעזיע און שעהנקייט, און לירישער גייסט אָהן אַ שיעור: מאָשקע איז נישט נאָר אַנ' אייגען־נאָמען און יוד איז נישט נאָר אַנ'אַלגעמיין־נאָמען און ווייטער גאָר־נישט, נאָר אַ מענש איז דאָס, און געלערנט און פערשטאַנען מוז אַזאַ מענש ווערען.

מיר, יודען, וועלען קיינמאָל נישט פערגעסען, וואָס די דאָזיגע פרוי האָט פאַר אונז געטהון. ביי איהר קבר טרויערט היינט אויך די אונענדליך גרויסע צאָהל פון איהרע יודישע פערגעטערער. אונזער גרעסטער „פערטיי־דיגער„ איז אונז אָבגעשטאָרבען. לאָמיר אַרויפלעגען אויף איהר קבר דעם דאָזיגען קראַנץ !

מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ

מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ, פּוילענס גרויסע דיכטערין, לעבט נישט מעהר. רופט מען אָן די גרעסטע נעמען פּוילענס, מוז אויך איהר נאָמען אָנגערופען ווערען. רופט מען אָן די איידעלסטע און בעסטע נשמות אינ'ם דאָזיגען לאַנד, מוז מען אויך איהר נשמה דערמאָהנען. מיט איהר איז פערלאָשען געוואָרען נישט נאָר אַ זינגענדער שטערען פון דער ערשטער אָרדנונג, נאָר אויך איינס פון די ליכטיגסטע קליגסטע אויגען, אַ האַרץ מיט דעם איידעלסטען און טיעפסטען געפיהל. אַלס דיכטערין איז זי די דירעקטע יורש־טע פון יענער גרויסער ירושה, וועלכע עס האָבען דעם פּוילישען פאָלק איבערגעלאָזען זיינע צוויי גרויסע דיכטער, סלאָוואַצקי און מיצקעוויטש; זי איז די דריטע אין דער דאָזיגער שורה. יאָהר־צעהנדליגער און יאָהר־הונדערטער וועלען פערביירוישען, און דאָס שפּעטע פּוילישע אייניקעל וועט זינגען איהר ליעד, אינ'ם פּאַלאַץ אָדער אין דער כאַטקע, פּונקט ווי זיינע טאַטעס און זיינע זיידעס האָבען עס געזונגען. אַלס מענש איז זי די היטערין געווען פון יענעם וואונדערליכען שאַץ, וועלכער רופט זיך „יושר". גרויס און קליין, אייגענס און פרעמדס, הויך און נידעריג — אַלעס איז פאַר איהר געווען גלייך, פאַר אַלעמענס גערעכטיגקייט האָט זי גלייך געקעמפּט, און פאַר דאָס שוואַכע און אונטערדריקטע און פרעמדע אפשר נאָך מיט מעהר ליידענשאַפט. יאָהרצעהנדליגער און יאָהרהונדערטער וועלען שווינדען, און נאָך דאָס שפּעטע אייניקעל וועט האָבען צו לערנען פון איהר, וואָס איידעל איז און רעכט.

דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ איז יענער צוג פון אמת'ער גרויסקייט, אַז זי האָט נישט געבלאָנדזשעט ווי אַנדערע שריפטשטעלער, זי האָט נישט געטאַפּט און געזוכט זיך, נאָר אַ פערטיגע אין זיך איז זי געווען באַלד ווי זי האָט אָנגעהויבען. שוין מיט עטליכע דרייסיג יאָהר צוריק, באַלד ווי זי איז געקומען מיט איהרע ערשטע זאַכען, איז זי געווען די גרויסע, אמת'ע דיכטערין, דער גרויסער, אמת'ער מענש, וועלכען די קריטיק פון רעכטס און פון לינקס האָט איינשטימיג אָנערקענט. אין

איהר ליריש מאַן האָט זיך דענסמאָל נאָך אריינגעמישט דאָס קעמפערישע, אָבער דאָס גרויסע, דעם גרויסען צוג, האָט מען טראָץ דעם ארויסגעפיהלט. אין די „דראַמאַטישע פראַגמענטען" קעמפט זי פאַר די פרייהייט פונ'ם פרייען געדאַנק, פאַר דאָס וויסען און די בעפרייאונג פון יעדער ארט פון אָבערגלויבען און פאָראורטייל, פאַר דאָס רעכט פון אַלע רעכטלאָזע און פערפאָלגטע און בעזיצלאָזע, און פאָרט איז דער טאָן א ריינער האַרץ־טאָן, און פאָרט איז עס די ריינע און ריינסטע ליריק. זי האָט פערלאַנג און געפאָדערט, אז אַלע אונרעכטען אין דער וועלט זאָל מען געבען א קול זיך אָנצורופען. זי האָט מיט א דונער־שטים ארויסגעשריגען איהר עקעל־געפיהל געגען יע־נעם פיסנטערען אָבגרונד, וועלכער טיילט־איין ברידער אין צרות־ליידענדע און אין צרות־מאַכענדע, באַלד אָבער האָט זיך דער דאָזיגער בעלעהרענדער טאָן אין איהרע פּאָעזיען געמילדערט און גערייניגט, און איהר פערז איז גע־וואָרען ריין און קלינגענד, איידעל און געהויבען, — דער פּערז פון איינעם פון די גרעסטע אייראָפּעאישע דיכטער.

מאַריאַ וואסילאָווסקאַ (אזוי האָט זי געהייסען מיט איהר מיידעל־נאָמען) איז געבוירען אינ'ם יאָהר 1846. פון איהר געבורטס־אָרט איז זי געקומען קיין וואַרשאָ אינ'ם אָנפאַנג פון די זיבעציגער יאָהרען. זי האָט אָנגעהויבען מיטצואַרבייטען כמעט אין אַלע צייטונגען און זשורנאַלען. זי האָט געשריבען געדיכטען, נאָוועלען און פובליציסטישע אַרטיקלען. באַלד מיט די ערשטע זאַכען האָט זי געמאַכט אויפזעהן; מען האָט דערקענט, אז נישט קיין געוועהנליכער, אַלטעגליכער טאַלענט האָט זיך בעוויזען. דאַן האָט זי רעדאַגירט א פרייזיניגע צייטונג פאַר פרויען, דעם „שווייט". אינ'ם יאָהר 1890 האָט זי, אויף בעפעהל פון דער אויבערער מאַכט, געמוזט פערלאָזען פוילען. זי האָט זינט דענסמאָל געפיהרט א וואַנדער־לעבען: דאָ איז זי גע־קומען אין מינכען, דאָ אין פראַנקרייך, דאָ אין איטאַליען. דעם גרעסטען טייל פון איהרע אונשטערבליכע ווערק האָט זי געשריבען אין דער פרעמד. דאָרט האָט זי געשריבען אויך דאָס מערקווירדיגע ווערק „פאַן באַלצער אין בראַזיליען". דאָרט האָט זי געשריבען איהרע מערקווירדיגע וואונדערליכע לידער ביז'ן לעצטען טאָג. נאָר 64 יאָהר איז זי אַלט געוואָרען.

און די דאָזיגע לידער זענען פּאָפּולער געוואָרען, ווי קיין אַנדערע לידער פון קיין שום דיכטער. דאָס קינד, וועלכעס קען נאָך נישט גוט רע־

דען, בלעטערט אין אַ בילדער־בוך און פּלאַפּלט אַ ליעד פון מאַריאַ קאָ־נאָפּניצקאַ. דאָס יונגעל אויף שול־באַנק לערענט אויף אויסוועניג אַ ליעד פון מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ, דאָס פריילין אין׳ם סאַלאָן דעקלאַמירט פאַר די געסט אַ ליעד פון מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ. דאָס מיידעל ביי דער מאַשין ברומט און זינגט אַ ליעד פון מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ.

אויך מיר, יודען, האָבען איהר צו פערדאַנקען איינער פון איהרע שענס־טע פּערעל: זי האָט אונז געשענקט דעם „מענדעל גדאַנסקי", יענע ערצעה־לונג פון׳ם יודישען לעבען, וועלכע איז, ווי קיין שום אַנדערע, ארויסגעפּ־לאָסען פון אַ ריין, עהרליך און מיטפיהלענד הארץ.

און נאָך עפּעס האָבען מיר היינט צו דערמאָהנען: אויף דעם צווייטען ציוניסטען־קאָנגרעס אין באַזעל האָבען די צונויפגעפאָהרענע געזעהען אַ דאַמע, וועלכע האָט מיט׳ן גרעסטען אינטערעס פערפאָלגט יעדעס געשעהע־ניש, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען, און יעדע רעדע, וועלכע איז געהאַלטען געוואָרען. איהרע באַקען האָבען געגליהט און איהרע אויגען האָבען גע־לויכטען. די דאָזיגע דאַמע איז געוועזען מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ. דער ציוניס־טישער געדאַנק האָט זי דענסמאָל זעהר בעשעפטיגט. עס איז קיין וואונדער נישט: אויך זי האָט געזוכט אַנ׳אויסוועג פאַר די יודישע צרה. זי האָט דאָך געזוכט אַנ׳אויסוועג פאַר די צרה פון אַלע ליידענדע און אונטערדריקטע!
זאָל איהר די ערד לייכט זיין!

סובאָרין

נאָר איין מאָל האָב איך איהם געזעהן. אין מאַרינסקי טעאַטער איז עס געווען, אין פעטערבורג, פאַר פיעל־פיעל יאָהרען. א בעקאַנטער, וואָס איז געזעסען נעבען מיר אין דער לאָזשע, האָט מיר אָנגעוויזען אויף איהם מיט א וואונק, און דערביי האָט ער זיך בענוצט מיט די ווערטער: „עקצע האָמאָ!" (אָט איז דער מאַן) — די בעקאַנטע צוויי ווערטער, מיט וועלכע יהודה איש־קריות האָט אָנגעוויזען אויפ'ן נוצרי און האָט דערפאַר בעקומען זיינע דרייסיג זילבערשקלים וואונק־געלד. איך מוז זאָגען דעם אמת: פאַר איהם, פאַר'ן דאָזיגען סובאָרין, וואָלט איך דענסמאָל קיין דרייסיג צעבראָכענע שילינג נישט געגעבען — אזוי ווייניג האָט ער מיך אינטערעסירט. איך בין דענסמאָל נאָך געווען א מין „גרינער" אין דער הויפּטשטאָדט און האָב די גאַנצע און געוואַלדיגע וויכטיקייט פון דער דאָזיגער פּערזענליכקייט ניט געקענט האָב איך מיך אַרויסגעבויגען פון מיין אָרט און האָב איהם אָנגעקוקט: א ענערגישער קאָפּ, קלוגע אויגען און זאָגאַר א געוויסע גוטמוטיגקייט אויפ'ן געזיכט...

דער שריפטשטעלער אין איהם? ניין, דער האָט מיך נישט אינטערעסירט. איך האָב אויף דעם דאָזיגען געביעט שוין דענסמאָל די מייסטער געקענט, און ווי עלעגאַנט און ווי שאַרף זיינע „קליינע בריוולעך" זאָלען נישט געווען זיין, איז ער אַלץ געבליבען פאַר מיר נאָר דער שילער. דער יודען־פרעסער אין איהם? איך האָב שוין דענסמאָל געקענט א מאַרר אין זיין גאַנצער טייוולאָנישער טעטיגקייט און א שטעקער האָב איך שוין געהאַט אין פאָלקס־פערזאַמלונגען און פיעל אַנדערע, — פאָרט לויטער אַזעלכע, וואָס ווען זיי האָבען געפרעסען אַ יוד, האָבען זיי איהם געפרעסען מיט גאָפּעל־מעסער און מיט א געוויסער עלעגאַנץ, און נישט מיט די בלויזע הענד און אין אָבגעריסענע שטיקער פּיילט, ווי זייערע קליינע נאָכמאַכערס אין גאָר נישט־קולטיווירטע לענדער פלעגען טהון. דער קאַריערעיסט אין איהם? אָה, דו גוטער גאָט! ער איז אפשר שוין געווען דער הונדערטסטער אויף מיין ליסטע...

איך בין דענסמאָל געווען נאַאיוו און האָב נישט פֿערשטאַנען, אין וואָס דאָס גרויסע פֿון דער דאָזיגער פּערזענליכקייט איז געלעגען. איך האָב נישט געוואוסט וואָס עס הייסט: אַ דעמאָנישע, פֿינסטערע קראַפֿט צו רעגירען מיט מאַסען. היינט ווייס איך עס. אַ מענש, וועלכער באַזיצט דאָס, איז גרויס און מען שטעלט איהם אַ דענקמאָל.

ער איז נאָר אַ שריפֿטשטעלער געווען, אַ פּעליעטאָניסטעל — און געוואָרען איז ער דער שעפֿער פֿון דער רוסישער פּרעסע אין גרויסען סטיל. זיין „נאָוואָיע וורעמיא" איז געוואָרען אַ קולטור־ווערק, אַ ציימונג אין דער פֿאָרם ווי אייראָפּאַ האָט זי. דער וואָס האָט זי אַ טאָג נישט געלייענט, האָט פּאָליטיש און געזעלשאַפֿטליך דעם דאָזיגען טאָג נישט מיטגעלעבט. אפילו דער ליבעראַלסטער יוד, ווי זעהר ער זאָל זיך נישט האָבען דאַגעגען געוועהרט, האָט זי געמוזט האָבען געלייענט. ער האָט די מאַסען געצוואונגען. ער איז נאָר אַ יודען־פֿרעסער געווען — און געוואָרען איז ער דער דאָזיגער, וואָס זיין יודען־פֿרעסעריי איז געוואָרען סיסטעם, פּאָליטיק, פֿאַקטאָר אין'ם רוסישען לעבען, שטיצע און אָפּט אויך רעטונג פֿאַר די רעגירונג, זי איז געוואָרען אַ מעכטיגער נויטווענדיגער סטאָלב, אַ נויט־נאָגעל, צו וועלכען געווּסע קרייזען האָבען זיך געראַטעוועט, ווען עס איז שלעכט געוואָרען. ער איז נאָר אַ קאַריעריסט געווען — און געוואָרען איז ער, דער דאָזיגער פּויערען־זוהן, אַ מין קליין־הערשער, אַ פֿאָרשטעהער פֿון אַ גאַנצען שטאַט, אַ געוואַלדיגער פֿירשט אין זיין אייגען רייך, ביי וועלכען מיניסטאָרען און אַזעלכע, וואָס האָבען עס געוואָלט ווערען, האָבען געמוזט וואַרטען אין פֿאָדערצימער.

ווי אַזוי ער האָט דאָס אַלעס דערגרייכט? אפשר נאָר דורך דעם ציניזם אַליין. מיט וועלכען ער האָט בעהאַנדעלט אי זיין שריפֿטשטעלעריי, אי זיין יודען־פֿרעסעריי, אי זיין קאַריערע־מאַכעריי. עס זענען שוין אין רוסלאַנד געווען פֿיעל אַזעלכע ווי ער, עס האָט אָבער קיינער נישט געקענט ווי ער היינטנג זאָגען אַזוי און מאָרגען אַנדערש און דערביי קוקען דעם פּובליקום ציניש אין די אויגען אַריין און נישט פֿערציהען קיין מיינע. אַן אַנדערער זוכט אַן'אויסרייד, געהט אַריבער ביסלעכווייז פֿון איין שטאַנדפּונקט צום אַנדערען, ער אָבער האָט דאָס אַלעס נישט בעדאַרפֿט. ער איז זיין פּובליקום רויה, ציניש און פּלוצלינג בעפֿאַלען מיט זיין נייעס — און

דאָס גראָד איז געווען דאָס גוטע. ער האָט, ווי קיין צווייטער נישט אין רוס־לאַנד, געקענט די פּסיכאָלאָגיע פון דער מאַסע. אָנגעהויבען האָט ער זיין קאַריערע דערמיט, וואָס ער האָט אמאָל געזאָגט דאָס שעהנע וואָרט: „רוס־לאַנד האָט 100 פעלקער, און זיין אַ נאַציאָנאַלער רום הייסט, בעליידיגען 99 פעלקער, און דאָס איז געפעהרליך" — און אויסגעלאָזט האָט ער זיין קאַריערע דערמיט, וואָס ער האָט זיך קיין טאָג נישט פריהער געלעגט שלאָ־פען, ביז ער זאָל נישט האָבען צוערשט אָבגעשונדען און אָבגעבראָטען עפּעס אַ פּאָליאַק אָדער אַ פין אָדער אַ יוד. אָנגעהויבען האָט ער זיין קאַריערע דער־מיט, וואָס זיין ערשט ביכעל געזאַמעלטע פעליעטאָנען מיט'ן נאָמען „ווסיאַ־קיע" איז קאָנפיסקירט און פערברענט געוואָרען און ער אַליין איז פער־אורטיילט געוואָרען אויף צוויי חדשים זיצען, און אויסגעלאָזט זיין קאַריע־רע האָט ער דערמיט, וואָס זיין וואָרט איז געוואָרען אַ אורים־ותומים פאַר אַלע די דאָזיגע, וואָס האָבען דענסמאָל קאָנפיסקירט און געברענט און גע־פסק'ענט זיצען. אָנגעהויבען האָט ער זיין קאַריערע דערמיט, וואָס אַ טורגע־ניעוו און אַ נעקראַסאָוו און אַ שטשעדרין זענען געווען זיינע מיטאַרבייטער, און אויסגעלאָזט האָט ער זי דערמיט, וואָס ער איז געבליבען ביי אַ בורע־בין און אַ ראָזאַנאָוו און אַ מענשיקאָוו און וואָס אַ טשעכאָוו האָט אַ נדר געטהון, זיין צייטונג נישט מעהר צו לעזען. ווער עס קען דאָס אַלעס און ווייס, אַז אַ פּובליקום וועט קיין קשיות נישט פרעגען — דער איז ציניקער און פאָלקס־פּסיכאָלאָג.

יודען־פיינד? אָה, שוין פאַר איהם איז געווען אַ „גאָלאָס" און מיט איהם איז געווען אַ „סוויעט", און אַז יודען־פרעסעריי איז אַ געשעפט האָבען אויך פיעל אַנדערע געוואוסט. זיי אַלע אָבער האָבען בעהאַנדעלט דאָס גע־שעפט אַלס שניט־קרעמער, בעת ער איז געווען אַ גרויס־אינדוסטריעלער, אַנ'אונטערנעהמער אויפ'ן דאָזיגען געביעט אין גרויסען מאַסשטאַב. ער האָט אַ קוק געגעבען, אַז אַנ'אוצר ליעגט בעהאַלטען אין דער רוסישער ערד. אַזוי ווי רוסלאַנד פערמאָגט גאָלד און קויהלען און נאַפט, וועלכע ווערען נישט עקספּלואַטירט, אַזוי פערמאָגט זי אויך אַ מאַטעריאַל יודען־שנאה, וואָס קען געבען מיליאָנען. ראָטשילד האָט זיך גענומען צו די נאַפט־קוועלען, גינצבורג צו די לענער גאָלד־גרובען און סובאָרין צו דער עקספּלואַטאַציע פון דער יודען־שנאה. דאָס געשעפט איז נישט קלענער ווי יענע צוויי. מען

האָט מיר אמאָל דערצעהלט פון אונטערהאַנדלונגען צווישען פעטערבורגער יודען און סובאָרינ׳ען וועגען ענדערען די „נאָוואָיע ווּרעמיא“ אין א יודען־פריינדליכע, פאר וואָס מען האָט געפאָדערט א מיליאָן. איך גלויב נישט. די יודען־שנאה אין דער „נאָוואָיע ווּרעמיא“ האָט געגעבען א גרעסערען דיווידענד.

און איז מען אזוי ווי ער, איז קיין וואונדער נישט, אז טויזענד אזעלכע מעשיות קורסירען צווישען פובליקום, עס איז קיין וואונדער נישט די מעשה מיט דעם מיליאָן. עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס מען דערצעהלט, אז ער, פערזענליך, האָט זעהר פיעל און זעהר פריינדשאַפטליך פערקעהרט מיט יו־דען און האָט זיך אָפט געזוכט לעהרער און ערציהער און אַרבייטער און געשעפטס־פיהרער צווישען די יודען. די שנאה, די פערזענליכע, איז עפּעס נישט געווען אזא שטאַרקע. עס איז אויך קיין וואונדער נישט, וואָס מען האָט זיך דערצעהלט די דאָזיגע פראַכטפולע מעשה: ווען דער ליבעראַליזם האָט אָנגעהויבען אין רוסלאַנד א שטיקעל געשעפט צו ווערען, האָט דער פאָטער גערופען זיין זוהן אַלעקסיי אַלעקסייאיטש און האָט איהם געזאָגט: נאַדיר כך וכך און גאה גיב־ארוים דעם „רוס“. איידער אַנדערע זאָלען נעהמען מעלקען דעם ליבעראַליזם, איז שוין בעסער מיר אַליין זאָלען עס טהון. דו וועסט מיך זידלען אויף ליבעראַליש לשון און איך דיך אויף נאָוואָיע־ווערעמיא־שפּראַך און די פּאָר גילדען וועלען בין כך וכך בלייבען אין דער משפחה. — געשעפט איז געשעפט. איך גלויב, ווען דער דאָזיגער געשעפטס־גייסט זאָל האָבען איינגעזעהן, אז דער „המליץ“ איז א גוט געשעפט, וואָלט ער קיין מינוט זיך נישט אָבגעשטעלט פון נעהמען איהם אין זיין רשות.

איך געדענק איהם ווי היינט: אַנ׳ענערגישער קאָפּ, קלוגע אויגען און זאָגאַר א געוויסע גוטמוטיגקייט אויפ׳ן געזיכט.

ווילהעלם II

וועט ער געשטעלט ווערן פאר א געריכט אדער וועט ער נישט גע־שטעלט ווערן ? — איך מוז זיך מודה זיין, אז די דאזיגע פראגע, מיט וועל־כער די פרעסע איז יעצט אזוי אפט בעשעפטיגט, אינטערעסירט מיך כמעט גארנישט. איך נעהם אן, אז דאס אינערליכע געריכט, דאס, וועלכעס דער געוועזענער קייזער טראגט ארום מיט זיך אין זיין אייגענער ברוסט, און יענע טויזענד מאטערנישען פון אנ׳אייגענער געוויסענס־אינקוויזיציע, וועל־כע קוועהלען דעם ארימען סיי ביטאג סיי ביינאכט, סיי וואכעדיגערהייט סיי אין חלומות, זענען טויזענד מאל שטארקער און טויזענדמאל שטראפענ־דער פון אלע פארמעלע און עפענטליכע געריכטס־פערהאנדלונגען מיט אלע זייערע „שולדיג״ס. איז מען געוועזן א קייזער, און דערצו נאך אזוינער ווי דער לעצטער האהענצאלערן, מיט אזא געוואלדיגער איינרעדעניש און מיט אזא קרענקליכער אייגענליעבע און מיט אזא שרעקליכען גלויבען איז זיך און אין זיין וועלט־געשיכטליכער מיסיע, און איז דאן דער פורפור אראבגעפאַ־לען פון די פלייצעס און די קרוין האט זיך אראבגעריטשט פונ׳ם קאפ און דער טראהן איז אין פיצלעך צעבראכען געווארען, און איז מען, ווי ער, געווארען א נע־ונד׳דיק, און מען בלאנדזשעט ארום, ווייט פון זיין היים, אין א פרעמדען איינזאמען שלאס, און מען פלאטערט ווי א שאטען פון צימער אין צימער און פון ווינקעלע אין ווינקעלע, און אין דער טיעפער שטילקייט האט מען צייט 24 שעה אין מעת־לעת צו מאכען א שטיקעל חשבון־הנפש, — דאן איז שוין אנ׳עפענטליך געריכט און א בעשטראפונג און א סאנקט־העלענא אדער א טיוועלס־אינזעל נאר אנ׳איינפאך קינדער־שפיע־לעכעל. אך, ווען א הארץ פון א מענש זיצט אויף דער אנקלאג־באנק !

אדער איז אזא שטיפזיניגער, הארט־געזאטענער, פינסטערער כאראק־טער, ווי ווילהעלם האהענצאלערן אפילו צו א חשבון־הנפש נישט פעהיג ?...

עס איז שווער אזעלכעס צו גלויבען. געהט ער שפאצירען איינזאם אינ׳ם פארק פון שטילען שלאס און בליקט ער אין די זייט, וואו דייטשלאנד ליעגט,

און געדענקט, ווי גליקליך דאָס דאָזיגע לאַנד איז געווען, און ווי גליקליך עס איז געווען יעדער דייטש, און ווי געדרישט און געלויכטען האָט יעדע גאַס, אַז אַלע פיער עקען פון דער וועלט האָבען איהם מקנא געווען, און דערמאָהנט ער זיך פּלוצלינג ביז צו וואָס פאַר אַ מדרגה ער האָט זיין לאַנד און זיין פאָלק דערפיהרט, און ווי ער האָט דורך זיין גרויסקייט־שגעון געפּטר׳ט לייכטזיניג די גאַנצע ירושה פון אַ פרידריך דעם גרויסען און פון אַ ביסמאַרק, אָדער הערט ער די טרויעריגע נאַכריכטען, וועלכע קומען טאָג־טעגליך פון פּאַריז און פון ווערסאַיל, און עס דערגעהט צו איהם ביז אין זיין איינזאַם ווינקעלע דער אָבקלאַנג פון קלעמאַנסאָ׳ס פערהאַסטער און דיקטאַטאָרישער שטימע, — דאַן, זעהט איהר, מוז מען שוין זיין איינגאַנצען אַ מענש אָהן האַרץ און אָהן געהירען, אַז מען זאָל זיך נישט דערביי אויסרייסען די האָר פון׳ם קאָפּ. ניין, די געריכטס־פערהאַנדלונג איבער ווילהעלם II האָט זיך שוין לאַנג אָנגעהויבען — דאָרט ביי איהם אין זיין אייגענער ברוסט.

דען נישט נאָר אַ קייזער איז ער געווען, נאָר ער האָט געוואָלט אויך שפּיעלען די ראָל פון אַ קייזער אָדער גאָר פון אַ איבער־קייזער. אָט דאָס איז דאָך די קללה, וואָס ליעגט אויסגעגאָסען אויף די קליינע, איינפאַכע, אַלטעגליכע מענשען, וואָס זיי מיינען אַלץ, אַז זיי זענען גרויסע. נישט דערין ליעגט דאָס שלעכטע, וואָס זיי רעדען זיך איין, נאָר דערין וואָס זיי בעווייזען דאַדורך, אַז זיי ווייסען גאָרנישט, וואָס גרויס איז, און וואָס דאָס וועזען פון גרויסקייט בעדייט. זיי האָבען נישט די שטילע, היילינע עהרפורכט פאַר דעם אמת׳דיגען גרויסען. די דאָזיגע קליינינקע בעזיצען אָפט אַ טוץ אָדער צוויי טוץ פעהיגקייטען, און זיי געהען באַלד און סומירען דאָס צונויף, און עס קומט אַרויס ביי זיי די סומע — זשעני. דען זיי בעגרייפען נישט און פיהלען נישט דאָס וועזען פון זשעני, און האָבען נישט פאַר דער דאָזיגער זעלטענער ערשיינונג דעם שטילען, היילינען אָבשיי. און דעריבער, ווען זיי פיהלען זיך נאָר פעהיג, ווערען זיי אַזוי לייכט, איבער נאַכט, אַ נאַפּאָלעאָן אָדער אַ געטהע אָדער אַ ביסמאַרק. זיי ווייסען נעבעך נישט, וואָס אַ נאַפּאָלעאָן אָדער אַ געהטע אָדער אַ ביסמאַרק איז. ווילהעלם דער לעצטער האָט געהאַט הונדערט טאַלענטען, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין טאַלענט. עס איז דער מיפּ, וועלכער איז אַזוי זעהר בעקאַנט ביי יודען, דער טיפּ פון׳ם „מושלם״ אָדער פון׳ם „געראַטענעם איידעם״. ער אַז געוועהנליך אַ וואויל־לערנער און

קען דערביי דייטש און פראנצויזיש; ער האט א היבשען כתב און שפיעלט אויף א פידעלע און זינגט און דאווענט פאר'ן עמוד און לייענט די מגילה און קען אלדינג — און קען אייגענטליך גארנישט. ווילהעלם II האט גע־שריבען מוזיק און האט געזאגט מבינות אויף אסיראלאגיע און האט געדר־רש'נט און איז געגאנגען רעפארמירען די קונסט און איז געווען א מסוכנ'־דיגער דיפלאמאט און א סטראטעג און א פאליטיקער און א דיכטער און א מבין אויף קאבעל־אויוועך־פאבריקאט און אויף גריכישע קלאסיקער און ער האט קארעגירט די קאנטישע פילאזאפיע און ער האט געזאגט א דעה וועגען דעם פלאן פון א באגדאד־באהן — און ער האט געוואוסט, אז ער איז גרעס־ער פון א ביסמארק. ער איז דאן געגאנגען בעווייזען דער וועלט, אז ער וועט אריבערשטייגען נאפאלעאן דעם גרויסען. אך, ווי האבען איינצעלנע מבינים געוואוסט שוין פאר דרייסיג יאהר, אז קוים וועט אזא מענש בעקומען א צינדהאלץ אין זיין האנד אריין, וועט ער דערמיט אנצינדען א גאנצע וועלט. און אט האט ער עס ענדליך אמאל בעקומען, און די גאנצע וועלט האט אויפגעפלאקערט אין א פלאם־פייער!

און א פינסטערער, הארט־געזאטענער, שטייפזיניגער כאראקטער, איז ער געווען פון תמיד אן. שוין אינ'ם ערשטען טאג פון זיין הערשאפט האט זיך דאס ארויסגעוויזען. זיין ערשטע טהאט איז געווען: ער האט גענומען א מאן ווי ביסמארק, דעם גרעסטען מאן פונ'ם יאהר־הונדערט, און האט איהם אבגעזאגט פון זיין שטעל, ווי מען זאגט־אב א קעכין. ער האט גע־וואלט אליין רעגירען. א דעה טאר און זאל איהם קיינער נישט אריינרע־דען. אבער אום אוועקצויאגען א ביסמארק מוז מען זיין ענטנוועדער אביסעל גרעסער פון איהם אדער — א שוואכזיניגער. און גרעסער פון איהם איז ער פארט נישט געווען! — באלד נאך זיין רעגירונגס־אנטריט, אין יאנואר 1890 שרייבט ער צו ביסמארק'ען: „איך בעט צו גאט, אז ער זאל מיר פערגינען נאך אסך, אסך יאהרען צו בענוצען זיך מיט אייער שטיצע און מיט אייערע עצות" — און קוים צוויי און א האלבען חודש שפעטער האט ער איהם אוועקגעיאגט פון זיך. אייגענטליך איז א קליינע מחלוקה צווישען זיי ארויס־געקומען נאך דעם 13 אקטאבער 1889. זיי זענען ביידע גראד געפאהרען צוזאמען אין א וואגען, און דער יונגער קייזער האט מיטגעטיילט דעם אלטען פרעמיער־מיניסטער, אז ער האט געשריבען צו אלעקסאנדער דעם דריטען,

אז ער וויל קומען צו איהם מיט א בעזוך קיין שפּאַלאַ אין זיין יאגד־שלאָס. ביסמארק האָט געשטוינט און האָט געענטפערט, אַז צוליעב פּאָליטישע סבות טאָר מען דאָס דאָזיגע נישט טהון, אָבער דעם קייזער האָט דאָס פערדראָסען און ער האָט בעפוילען, אַז דער וואָגען זאָל בלייבען שטעהן, און ער האָט געהייסען ביסמארק'ען אַרויסשטייגען פונ'ם וואָגען. דער אמת'ער גרונד פון זייער מהלוקה איז אָבער געווען אַ זאַך, וואָס איהר היסטאָרישער בעדייטונג האָבען מיר איינגעזעהען ערשט יעצט, בשעת דעם וועלט־קריעג. ביסמארק האָט געוואָלט האָבען אַ בונד צווישען דייטשלאַנד און עסטרייך און גלייכצייטיג אויך אַ בונד צווישען דייטשלאַנד און רוסלאַנד, כדי זיכער צו זיין פון אַלע זייטען און הויפּטזעכליך זיכער צו זיין פאַר פראַנקרייך — און דער יונגער קייזער האָט די דאָזיגע פּאָליטיק אַלעמאַל פון דאָס ניי קאַליע געמאַכט, און האָט געטריבען מיט זיינע אייגענע הענד רוסלאַנד אין די אָרעמס פון פראַנקרייך. דער קייזער אָבער האָט זיך געמאַכט אַ דערוויז: „ווער עס שטעלט זיך מיר געגען, דעם צעשמעטער איך". און דאַן „אַזוי וויל איך, אַזוי בעפעהל איך", און דאַן: „דעם קייזערס ווילען איז דאָס העכסטע געזעץ" — און ער האָט צעשמעטערט ביסמארק'ען. דעם 18 מערץ 1890 האָט דער גרויסער דיפּלאָמאַט זיך געמוזט אָנגעבען אין דעמיסיע, דריי טעג שפּעטער האָט ווילהעלם אָבגעטהון אַ חכמה און געהאַלטען אַ רעדע וועגען אַ בונד מיט ענגלאַנד, און אַביסעל שפּעטער איז — דער בונד צווישען פראַנקרייך און רוסלאַנד געווען געשלאָסען.

און ווילהעלם II האָט זיך מיט דעם דאָזיגען איינעם קלוגען שריט נישט בענוגענט. ער האָט מיט זיין טיעפער דיפּלאָמאַטישער חכמה אָבגעטהון נאָך אַ ניי שטיקעל: ער האָט געאַרבייט אויף אַלע כלים, כדי אַרויסצוברענגען אַ פיינדשאַפט אויך צווישען ענגלאַנד און דייטשלאַנד און עס איז איהם גאָט זיי דאַנק געלונגען. ווען אַנ'ענגלישער גענעראַל האָט אין יאָהר 1895 געמאַכט אַ פּראָבע צו בעפאַלען מיט 800 מאַן די בורען, און איז דאַן געווען געצוואונגען צו שליסען מיט אַ בורישען גענעראַל אַ וואָפען־שטילשטאַנד, האָט ווילהעלם געכאַפּט און טעלעגראַפירט צו דער בורישער רעפּובליק זיינע הייסע ברכות. די דאָזיגע טעלעגראַמע האָט אָנגעמאַכט אין ענגלאַנד זעהר פיעל בייז בלוט. די אָפיציעלע צייטונג פון דער ענגלישער רעגירונג האָט דאַן געשריבען: „דאָס ענגלישע פאָלק וועט די דאָזיגע

טעלעגראַמע קיינמאָל נישט פערגעסען". דער קלוגער קייזער האָט זיך אָבער אויך דערמיט ניט בענוגענט. ער האָט געמאַכט א רייזע קיין ירושלים און האָט אין באַאַלבעק געהאַלטען איינע פון זיינע טויזענד זעהר קלוגע דרשות, אין וועלכער ער האָט דער וועלט מודיע געווען, אַז ער איז דער פריינד פון דריי הונדערט מיליאָנען מחמדאַנער און אַז דער סולטאַן אבדולחאמיד איז דער אמת'ער יורש פון מוחמד — און פראַנקרייך און רוסלאַנד און ענגלאַנד האָבען מיט איינמאָל פּלוצלינג פערשטאַנען, אַז זיי מוזען אַלע דריי ווערען חברים און מוזען זיך זעהר פאָרזיכטיג היטען פאַר דייטשלאַנד.

און דאַן איז געקומען די דריטע חכמה. צעהן יאָהר לאַנג האָבען דייטשע דיפּלאָמאַטען געאַרבייט אום אביסעל צו פערווישען דעם שלעכטען איינדרוק, וועלכען ווילהעלם דער חכם האָט געמאַכט מיט זיינע מעשים, דאַ האָט ווילהעלם פּלוצלינג אָבגעדרוקט אַן'אַרטיקעל אויף ענגליש אין דער צייטונג „דיילי טעלעגראַף" אין יאָהר 1908 — און דאָס אומגליק איז געווען פערטיג. ווילהעלם האָט מיט דעם דאָזיגען ארטיקעל אייגענטליך נאָר געוואָלט בעווייזען, אַז ער איז נישט נאָר א געוואַלדיגער בעל-דרשן, א דיכטער, א מאָלער, א מוזיקער, נאָר ער איז אויך א גרויסער פּובליציסט — און ארויסגעקומען איז גאָר עפּעס אַנדערש. ער האָט דערוויל אויסגעפּלוידערט סודות פון חדר וועגען געהיימע אָבמאַכונגען צווישען פראַנקרייך און רוסלאַנד און האָט טיעף רערצערענט און דערביטערט געגען זיך ענגלאַנד, כינא און יאַפּאַן. גאַנץ דייטשלאַנד איז געוואָרען אויפגעקאָכט. דער רייכסטאַג, האָט פערלאַנגט פון זייער אויבער־חכם דין וחשבון. דער דעמאָלסדיגער רייכס־קאַנצלער האָט געוואָלט זיך אָנגעבען אין דעמיסיע. דער סוף איז געווען, אַז דער קייזער האָט געמוזט אינ'ם „רייכס־אַנצייגער" געבען עפענטליך אַן' הבטחה, אַז ער וועט זיך נישט מעהר מישען אין זאַכען, וועלכע געהערען נישט צו איהם, אָהן ערלויבניש פון זיין קאַנצלער. אָבער דאָס אַלעס איז שוין געווען צו שפּעט. עדוואַרד VII און ניקאָלאַי II זענען דערוויל שוין צונויפגעקומען זיך אין רעוועל...

געדענקט ווילהעלם II דאָס אַלעס? און ווען ער שפּאַצירט ארום אין איינזאַמען פּאַרק פון דעם שטילען האָלענדישען שלאָס, קומען איהם די דאָזיגע בילדער פאַר די אויגען און דערמאָהנט ער זיך וואָס ער האָט אַלץ

אָבגעטהון אין לויף פון דרייסיג יאָהר? ווייס ער, וואָס ער האָט געמאַכט פון זיין דייטשלאַנד און פון דער גאַנצע ירושה, וואָס פרידריך דער גרויסער און ביסמאַרק האָבען איהם איבערגעלאָזט? און וואָס ער האָט פון דער גאַנצער וועלט געמאַכט, ווייס ער? איז ער אויף אַזוי פיעל ריכטער איבער זיך אַליין, אַז ער זאָל שוין נישט בעדאַרפען אָנקומען ערשט צו אַ פאָרמעלער געריכטס־פערהאַנדלונג?

צוויי מאַנועל׳ס

ביידע זענען זיי געווען קעניגען און ביידע — קעניגען פון פּאָרטוגאַל. איינער האָט געקיניגט מיט עטליכע הונדערט יאָהר צוריק פונ׳ם 1495־סטען ביז׳ן 1521־סטען יאָהר, און איינער — אָט דאָ ערשט יעצט פאַר אונזערע אייגענע אויגען. איינער האָט געהייסען דער גרויסער, מאַנועל דער גרויסער, און איינער — מאַנועל, סתם מאַנועל, און עס וואָלט קיינעם נישט אהרען, ווען מען וואָלט איהם רופען מאַנועל דער קליינער. איינער האָט אַרויסגעטריבען, און איינער איז געוואָרען אַרויסגעטריבען. און ביידע זענען זיי געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון ווייבער: איינער אונטער דעם איינפלוס פון דער פרומער, שטרענג־קאַטוילישער קעניגין איזאַבעלאַ, וועלכע האָט געמאַכט מיט איהם אַלעס, וואָס זי האָט געוואָלט, און איינער — אונטער דעם איינפלוס פון אַ שאַנסאָנעטקע אין אַ ווינער קאַבאַרעט, וואָס איז שוין נישט געווען אַזוי זעהר פרום און צופיעל צנועה, און מיט וועלכער ער האָט געמאַכט אַלעס, וואָס ער האָט געוואָלט. עהנליך — נישט אמת? און פאָרט זענען זיי ביידע געווען אַזוי פערשידען איינער פונ׳ם אַנדערען!

איינער האָט אַרויסגעטריבען, און איינער איז געוואָרען אַרויסגעטריבען...

אַרויסגעטריבען האָט ער, דער פון פאַרצייטענס, די אידען. וואָס איז לייכטער פון דער דאָזיגער אַרבייט? מען מוז נאָר זיין אַ קעניג, אָדער, גלאַט אַזוי, איינער, וואָס שטעהט אין דער שפּיץ. און דאַן נעהמט מען און מען טונקט־איין אַ פעדער און אין איין מינוט און מיט איין פעדער־שטריך איז דער גורל פון הונדערט־טויזענדער מענשען אַ פערטיגער. נעכטען נאָך האָבען מענשען אַ היימאַט געהאַט, אַנ׳אייגען הויז און אַנ׳אייגען ווינקעל, צו וועלכען זיי זענען געווען צוגעבונדען, און היינט שוין זענען זיי בראָדיאַגעס, רעכט און שוץ־לאָזע בעשעפּענישען, וועלכע בלאָנדזשען אַרום ווי די נישט־גוטע פון פעלד צו פעלד און פון וואַלד צו וואַלד, און ווייסען נישט, וואו דעם קאָפּ אַנידערצולעגען. מען רופט אַזאַ פעדער־איינטונקען דעקרעט. דאָס לעבען פון הונדערט־טויזענדער מענשען הענגט־אָב פון אַזאַ ביסעל טינט,

וואָס שטעהט אויפ'ן שרייב־טיש פון אזא איינעם, וועלכער האָט גראָד די מאַכט; עס הענגט פון דער דאָזיגער טינט און פון זיין אויגענבליקליכען משוגעת. ער איז אפשר ביינאַכט שלעכט געשלאָפען אָדער ער האָט שלעכט פערדייעט זיין אָוועגד־מאָהלצייט. און דאַן רופט מען אזא געשעהניש מיט דעם שעהנעם נאָמען „היסטאָריע"...

אויך מאַנועל דער ערשטער האָט אמאָל, אינ'ם יאָהר 1497, געהאַט שלעכט פערדייעט דאָס עסען אָדער ער איז שלעכט געשלאָפען. גיכער ביידע צוזאַמען. און אויף צומאָרגענס אינדערפריה — איז דער דערקערט געווען פערטיג. פּאָרטוגאַל איז דענסמאָל נאָך געווען א זעהר יונג קעניגרייך, סך־הכל ערשט א דרייהונדערט יאָהר. יודען האָט זיך דאָרט געלעבט שעהן און גוט און גליקליך. דאָס לאַנד האָט געבליהט, די אינדוסטריע האָט געבליהט, די יודען האָבען געבליהט. די וויסענשאַפט איז געלעגען אין זייערע הענד און די אינדוסטריע און דער האַנדעל — און דאָס גאַנצע לאַנד האָט געקוקט אויף זיי מיט דאַנקבאַרקייט. דאָ אָבער איז געקומען יענע נאַכט, אין וועל־כער דער גרויסער מאַנועל האָט געהאַט שלעכט גענעסען און שלעכט גע־שלאָפען. א ווייב האָט ער געהאַט, די קעניגין איזאַבעלא, א טאָכטער פונ'ם קעניג פון שפּאַניען, און די דאָזיגע איזאַבעלא, עס זאָל איהר צו קיין גנאי נישט זיין, איז געווען שעהן און שלעכט. מען זאָגט, אז געוועהנליך זענען אַלע שעהנע שלעכט, איך האָב אפילו געקענט אסך מיאוסקייטען, וועלכע זענען אויך געווען שלעכט; אָבער דערפון איז קיין ראיה נישט. די שלעכטע איזאַבעלא האָט זיך געהאַט געזעצט אין קאָפּ אריין איין פּאַר אַלעמאָל, אז אַלע יודען מוזען ווערען פון פּאָרטוגאַל ארויסגעטריבען. אייגענטליך האָט זיך האָט זי דאָס געהאַט איינגעשריבען אין איהרע תנאים, און נאָר מיט אזא תנאי האָט זי איינגעוויליגט חתונה צו האָבען מיט'ן יונגען קעניג. וואָס טהוט נישט אַלץ א יונגער קעניג. ווען ער איז פערליעבט! איך האָב געקענט אמאָל א קעניג, מיט וועלכען זיין כלה האָט אויסגענומען א תנאי, אז זי וועט חתונה האָבען מיט איהם נאָר דאַן, ווען ער וועט ברענגען פון די פּלשתים צווייהונדערט הייטלעך. אודאי און אודאי איז פיעל לייכטער, ווען מען פערלאַנגט נאָר, אז מען זאָל עטליכע הונדערט טויזענד יודען ארויס־טרייבען פונ'ם לאַנד! — דער קעניג מאַנועל דער גרויסער — אוי ווי גרויס

ער איז געווען! — איז אויפגעשטאנען נאך יענער שלעכטער נאכט און האט אונטערגעשריבען דעם דעקרעט...

און לייענט מען אין די כראניקעס וועגען יענע סצענעס, וועלכע האבען זיך אבגעשפּיעלט ביים ארויסטרייבען, שטעלען זיך ביי א מענשען די האר קאפּויר און דאס בלוט ווערט פערגליווערט אין די אדערען. צוואנציג טויזענד יודען האט מען צונויפגעטריבען אין ליסאבאן, ווי מען טרייבט שאף צוגויף, און מען האט פערבאטען זיי צו געבען עסען אדער טרינקען דריי טאג און דריי נעכט, אפשר וועט מען נאך קענען פועל'ן ביי זיי, אז זיי זאלען זיך אביסעל — אונטערשמד'ען. מיט שטריק האט מען זיי צוגעבונדען ביי די בערד און די האר און מען האט זיי געשלעפּט אין די קירכען. פיעל האבען זיך פריהער ארויסגעווארפען פון פענסטער און האבען זיך די גליעדער צעשמעטערט, פיעל האבען זיך אין די ברונעמס אריינגעווארפען אום דאס לעבען צו פטר'ן, פיעל האבען זיך דאס לעבען גענומען, שוין זייענדיג אין די קירכען. א טאטע האט אויסגעשפּרייט איבער זיך און זיינע זיהן א טלית, און האט זיי און זיך אומגעבראכט. דער רעשט איז צעטריבען געווארען, ווי עס ווערט צעטריבען שפּריי אויפ'ן ווינד. זיי האבען געוואנדערט, און האבען נישט געוואוסט וואו אהין. א טייל איז אומגעקומען אונטערוועגענס, א טייל איז געקומען ביז טערקיי. דער טערקישער סולטאן באיאזעט האט דענסמאל געזאגט: „איהר רופט־אן מאנועל'ן א גרויסען און א קלוגען קעניג, ער, וועלכער האט זיין לאנד ארים געמאכט און אונזער לאנד בערייכערט?!"

געווען איז דאס איז מאנאט אקטאבער אינ'ם יאהר 1497.

זינט דענסמאל זענען מעהר ווי פיער הונדערט יאהר אוועק — און ווידער איז אין פארטוגאל א קעניג מיט'ן נאמען מאנועל, און ווידער איז אנ'אקטאבער. דער אקטאבער פונ'ם יאהר 1910.

דער קעניג, דער יעצטיגער, איז נאך גאר א יונגעטשקער, כמעט א קינד נאך. די מאמע מוז איהם נאך פארזאגען די תקיעות, ווען ער וויל בלאזען אדער ווען ער וויל בלאזען פון זיך. פון זיין לאנד און פון די בעדערפעניש פונ'ם לאנד ווייס ער ווייניג; ער ווייס נאר זיין ווערט, אז ער איז דער קעניג, און די אנדערע זענען עס נישט. אינ'ם לאנד ראיעט עס און קאכט עס און ער ווייס נישט, ער האט קיין צייט נישט דערצו; ער האט זיינע

געשעפטען. אין פּאַריז אויף דער רייזע האָט זיין קעניגליך אויג געזעהן אַ שאַנסאָנעקטע פון אַ קאַבאַרעט־טעאַטער, דאָס פריילין ־דעליס, און זי איז איהם זעהר געפעלען געוואָרען. עס איז קיין וואונדער נישט: זי איז אויך אַנדערע פריהער שוין געפעלען געוואָרען. איך אַליין, איך מוז אייך זאָגען דעם אמת, איך האָב זי קיינמאָל נאָך נישט געזעהן פּערזענליך; איך האָב זי נאָר געזעהן אויף אַ בילד, און קען דאָס דאָזיגע בילד נישט פערגעסען. עס איז אַ פיגור, שלאַנק און מיט איידעלע ליניעס, ווי מען זעהט זי זעלטען. און בריליאַנטען טראָגט זי אויף זיך, פּראָסט ווי פון אַ וואונדער־מעשה'לע ארויס; דאָס קען זי נאָר האָבען פון טויזענד און איין נאַכט... דער יונגער קעניג מאַנועל האָט געשמאַק אין פרויען־זאַכען אפשר מעהר ווי ער האָט ידיעות אין פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע.

און דערוויל האָט זיך אינ'ם לאַנד געראַיעט און געקאָכט, און קעניג מאַנועל האָט נישט געוואוסט.

און אין זיין פּראַכטפולען שלאָס אין ליסאַבאָן איז קעניג מאַנועל געזעסען אין איינער פון די אָקטאָבער־נעכט, און ארום טיש זענען געזעסען וויכטיגע געסט, און דאָס עסען איז געוועזן פּראַכטפול. פון דרויסען האָבען זיך געהערט קולות. פון וויטען האָט דערגרייכט דער גערודער פון איינצעלנע שאָסען, און דאַן מעהר און מעהר. ענדליך האָט עס אָנגעהויבען ווערען פער־דעכטיג. פּלוצלינג האָבען זיך מענשען, פרעמדע מענשען, אריינגעכאַפּט אינ'ם שלאָס...

אין דערזעלביגער נאַכט האָט קעניג מאַנועל אויפגעהערט צו זיין קע־ניג, מען האָט איהם ארויסגעטריבען פון פּאָרטוגאַל. נאַטירליך איז לייכ־טער, אַז צוואַנציג טויזענד מענשען זאָלען ארויסטריבען איינעם, ווי איינער זאָל ארויסטרייבען צוואַנציג טויזענד. די געשיכטע זאָגט מען, איבערחזר'ט זיך נישט, און ווען עס קומט שוין פּאָר אַ פאַל, וואָס איז עהנליך צו אַן'אַנ־דערען פאַל, איז ער פּאָרט גאַנץ אַנדערש. דאָס מאָל, צום ביישפּיעל, איז דער פּאָרטוגעזישער מאַנועל אַן'ארויסגעטריבענער, וועהרענד יענער פּאָרטו־געזישער מאַנועל איז געוועזן אַן'ארויסטרייבער.

צוויי מאַנועל'ס!

אַ זוהן פון נאַפּאָלעאָן

פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען. נאַטירליך, רעדט זיך דאָ וועגען אַ זוהן, וועלכער איז דעם גרויסען טאַטען געבוירען געוואָרען פון אַ פרוי אָהן חופה וקידושין. ביי געוועהנליכע מענשען רופט מען דאָס אַ ממזר. אָנגע־הויבען האָט זיך דאָס לעבען פון דעם דאָזיגען זוהן דערמיט, וואָס זיין קייזערליכער טאַטע האָט געטראַכט וועגען איהם, צו מאַכען איהם פאַר׳ן טראָהן־פאָלגער און איהם איבערצוגעבען די ממשלה, געענדיגט אָבער האָט זיך עס אַזוי, אַז די שכנים אינ׳ם קליינעם שטעדטעל האָבען געמוזט פאַר׳ן אָרימען טויטען צונויפמאַכען אויפ׳ן אָרון. אין די ערשטע יאָהרען האָט ער געפיהרט דאָס אויסגעלאַסענסטע לעבען און האָט געוואָרפען ארום זיך מיט הונדערט־טויזענדער, צום סוף אָבער איז ער געקומען אַזוי ווייט, אַז ער האָט געשנאָרעט ביי בעקאַנטע און אונבעקאַנטע עטליכע פראַנקען. אָנ־פאַנגס האָט זיך אַ מענש גערעכענט פאַר אַ זכיה, אַז ער האָט איהם געקאָנט האָבען פאַר אַ שטיקעל בעקאַנטען, דערנאָך אָבער איז ער געקומען ביז צו דער מדרגה, אַז וואו ער האָט אָנגעקלאַפּט, האָט מען געענטפערט: „דער הערר איז אין דערהיים נישטאָ”. עס איז אפשר איינע פון די האַרצרייסענדס־טע טראַגעדיעס פון אַ מענשליך לעבען. דאָס דאָזיגע לעבען האָט מען האָט מען אָבער ביז יעצט, כמעט אַזוי ווי גאַרנישט געקענט, ערשט יעצט, אָט דאָ אין דער אַלערלעצטער צייט, איז מען דערגאַנגען אַלע איינצעלהייטען דערפון. איינער אַ דאָקטאָר מאַקס גילאָר אין פּאַריז, האָט יעצט פערעפענט־ליכט אַ בוך, צונויפגעשטעלט לויט דאָקומענטען פונ׳ם קייזערליכען אַר־כיוו, וואָס גיט אונז אַ פולשטענדיג בילד פונ׳ם דאָזיגען מערקווירדיגען לעבען. עס איז איינס פון די אינטערעסאַנטסטע ביכער, וועלכע איך קען.

דער גרויסער נאַפּאָלעאָן אַלס ווייבער־העלד — דאָס דאָזיגע קאַפּיטעל אין באַוואוסט. ער האָט, בעקאַנטליך, די פרויען נישט געקאָנט זעהן אויף דער ליכטיגער שיין. ער האָט איינפאַך נישט געהאַט קיין געדולד צו זיי און צו זייערע „קליינליכע אינטערעסען”. זיי האָבען קיין ראָליע נישט געשפּיעלט אין זיין לעבען. די קייזערין זשאָזעפין איז פאַר איהם געוועזן אַ געשעפטס־

זאך; ער האט דורך איהר בעקומען די אויבערהערשאפט איבער איטאליען. דורך די קייזערין מאריא לואיז איז ער געווארען דער איידעם פון פראנץ דעם ערשטען, און ער האט זיך אזוי אריינגעכאפט אינ'ם שמאלץ־גרוב פונ'ם הויכען יחוס. זיינע ליעבשאפטען מיט דער שוי־שפיעלערין זשארזש זענען געווען צו א צייט, ווען עס האט זיך איהם נאך גע'חלומ'ט צו מאכען רוימישע טראגעדיען פאר די סצענע און נישט מלחמות צו מאכען. די איינ־ציגע איז אפשר געווען די גרעפין וואלעווסקא, פאר וועלכער ער האט זיך אביסעל מעהר ווי געוועהנליך דערווארעמט, מעגליך איז, אז דאס איז געקו־מען דערפון, וואס די גרעפין איז געווען די איינציגע, וועלכע האט געהאט דעם כוח איהם צו זאגען איהר „ניין". צוליעב דעם ניין פון דלילה, האט אפילו שמשון הגבור אויפגעהערט צו זיין שמשון הגבור. די גרעסטע אב־נייגונג האט נאפאלעאן געהאט צו גייסטרייכע פרויען. ער איז ארוים פון די כלים, ווען די מאדאם דע סטאל האט זיך גענומען צו איהם, אריינצוקריי־גען איהם אין איהרע הענד. ווען זי איז איהם געווארען שוין אביסעל צו זעהר לעסטיג, האט ער זי איינפאך ארויסגעשיקט פון פראנקרייך. עס וואל־טען זיך אפשר אסך מענשען ווינשען צו זיין קייזערס, נאר אום צו קאנען אנווענדען אזא איינפאך מיטעל געגען גייסטרייכע פרויען.

די איינציגע פרוי, וועלכע האט שיער נישט געשפיעלט א זעהר. זעהר גרויסע ראליע אין זיין לעבען — דען דעם זוהן, וואס זי האט איהם געבוי־רען, האט נאפאלעאן א געוויסע צייט גאנץ ערנסטליך געטראכט צו מאכען פאר'ן יורש אויפ'ן טראהן פון פראנקרייך — איז געווען א פרוי מיט'ן נא־מען עלעאנאר דעניעל, וועגען וועלכער עס איז ביז יעצט נאך ווייניג געשרי־בען געווארען. א בלענדענדע שעהנהייט, א הויכע, איידעלע געשטאלט, צו וועלכער מען האט געמוזט ארויפבליקען. זי איז געווען די טאכטער פון א קליינעם געלד־מעקלער, געבוירען אינ'ם יאהר 1786. צו זיבעצעהן־אכצעהן יאהר האט זי חתונה געהאט מיט'ן דראגאנער־אפיציר רעוועל. דער אפיציר האט געוואלט מאכען זיך א מסחר מיט דער זעלטענער שעהנהייט פון זיין יונג ווייב... דאס יונגע ווייב האט איהם געשפיגען אין פנים אריין און האט פון איהם ארויסבעקומען א גט. דורך אנ'אלטער שולע־בעקאנטשאפט איז זי אנגעקומען צו קאראלינא מורא, א שוועסטער נאפאלעאנ'ס, און איז ביי איהר געווארען קאמערדיענערין און דערנאך פארלעזערין. דארט האט זי

נאפאלעאן געזעהן און האט זי איינגעלאדען צו זיך אין פאלאץ אריין. דער בעזוך האט אלעמאל געדויערט נאר א קורצע צייט. נאפאלעאן קוקענדיג אויף א שעהנע פרוי, פלעגט קוקען גלייכציימיג אויף אויפ'ן זייגער. ווי עס ווייזט אויס, איז עס אבער געגוג געווען, אז מאדאם דעניעל־רעוועל זאל דעם 15־טען דעצעמבער 1806 דעם קייזערליכען פריינד געבוירען א זוהן. אין זעלביגען יאהר האט זי דער קייזער התונה געמאכט מיט דעם אפיציר אזשיע; איך יאהר 1814, ווען דער מאן איז איהר געשטארבען, האט זי חתונה געהאט מיט דעם גראף לוקסבורג, און אין יאהר 1868, אלט זייענדיג 82 יאהר, איז זי געשטארבען.

איהר זוהן, נאפאלעאנ'ס זוהן, האט ביים געבוירען ווערען ערהאלטען דעם נאמען לעאן, דען זיין קייזערליכער פאטער האט געזאגט: „לעאן איז די העלפט פון נאפא־לעאן". אזוי ווי די קייזערין זשאזעפין האט קיין קינדער נישט געהאט, האט נאפאלעאן גאנץ ערנסט געטראכט דערפון, איהם צו מאכען פאר'ן קרוין־יורש. אבגעלאזען פון דעם דאזיגען פלאן האט ער ערשט ווען די קייזערין מאריא לואיז האט איהם א זוהן געבוירען. דעם „גראף לעאן" האט ער אבער אויך דאן ליעב געהאט, און ער האט איהם געגעבען א קייזערליכע ערציהונג און האט איהם אפט געלאזט קומען צו זיך אין פאלאץ אריין. ער האט איהם געגעבען א שטאאטס־רענטע פון 12,000 פראנק יעהרליך. א יאהר שפעטער האט ער איהם פערשריבען 100 טויזענד פראנק. אויפ'ן טויטענבעט אין ס"ט העלענא האט ער איהם אין זיין צואה געלאזען 227,000 פראנק.

דער גראף לעאן אבער האט געפיהרט דאס אויסגעלאסענסטע, ווילדעסטע לעבען. שעהן איז ער געווען ווי קיין צווייטער נישט אין פראנקרייך. פון דער מוטער האט ער געהאט דעם הויכען וואוקס און פונ'ם פאטער דאס שטאלצע רוימישע צעזאר־געזיכט. זיין הויפט־בעשעפטיגונג אין דער פרייער צייט איז געווען ספיריטיזם און מאגיע, די עיקר־צייט אבער האט ער אויסגעפילט מיט פרויען און מיט קארטען־שפיעלען ער פלעגט אין איין נאכט פערשפיעלען צעהנדליגער טויזענד פראנק. נאטירליך, דאס לוסטיגע לעבען מיט די פרויען פון די קליינע טעאטערס און דאס קארטען־שפיעלען האט גיך א סוף געמאכט מיט זיין פערמעגען. ער האט אבער דאן ארויסגעוויזען אנ' אמת'ע געניאליטעט אין דער מלאכה פון בארגען. אפשר איז ער געווען דער

גרעסטער געניאַלער חובות־מאַכער פון פראַנקרייך. פון אַ שטיין האָט ער געקאָנט אַרויספּרעסען אַ הלואה. ער האָט אפילו פון דעם בירגער קעניג לואי־פיליפּ, דעם גרעסטען קאַרגען פון זיין צייט, בעוויזען צו בעקומען אַ גמילת־חסד. חוץ דעם, האָט מען מורא געהאַט פאַר איהם; ער האָט ביי יעדער געלעגענהייט זיך געכאַפּט שלאָגען און טאָג־טעגליך האָט ער אַרויסגערופען מענשען אויף אַ דועל און האָט זיי גע'דורס'ט. וועד עס האָט איהם נישט נעגעבען אין גוטען, האָט געמוזט געבען אין בייזען. אין יאָהר 1838 זענען שוין זיינע חובות געווען אַזוי שטאַרק אָנגעוואַקסען, אַז די בעלי־חובות האָבען איהם געמוזט אַריינזעצען אין געפענגניש. צוויי יאָהר אין ער גע־זעסען. נאַטירליך, איז די בעלי־חובות מיאוס געוואָרען צו צאָהלען זייד־געלד, און ער איז דאַן אַרוים פריי.

אַזוי איז ער געגאַנגען באַרג־אַראָב פון יאָהר צו יאָהר מעהר. אַ פּאָ־ליציילינבער דאָקומענט פון יענע יאָהרען זאָגט וועגען איהם: „ער לעבט פון שווינדעל און גנבה. ביי אַ שכנ'טע האָט ער געוואָלט גנב'ענען דעם זיי־גער און דעם שמוק. זיין מוטער האָט ער געוואָלט טהון די טובה, צו פערגיפטען איהר מאַן, דעם גראַף לוקסבורג. די מוטער אַליין האָט ער געוואָלט הרג'ענען, ווייל זי האָט איהם נישט געוואָלט געבען קיין געלד. דערנעהרען האָט ער זיך געלאָזט אַ געוויסע צייט פון אַנ'איינפאַך גאַסען־מיידעל, וועלכע האָט פערדינט איהרע עטליכע פראַנק אַ נאַכט". און דאָס איז געווען אַ זוהן פון נאַפּאָלעאָן דעם גרויסען, וועלכער איז שיער נישט געזעסען אויפ'ן פראַנצויזישען טראָהן!

אין יאָהר 1840 האָט ער געפּרובט זיך צוצוכאַפּען צום פּרינץ נאַפּאָ־לעאָן, דעם שפּעטערען קייזער נאַפּאָלעאָן דעם דריטען, אום צו פּאַקען ביי איהם אַ הלואה. נאַפּאָלעאָן האָט דעם געראַטענעם געשוועסטער־קינד נישט צוגעלאָזען צו זיך. דערויף האָט איהם דער גראַף לעאָן געשריבען אַ בריעף, אין וועלכען עס שטעהען די ווערטער: „ביי די ביינער פון מיין פאָטער, דעם קייזער נאַפּאָלעאָן, שווער איך אַז פאַר אייער בענעהמען זיך געגען מיר וועט איהר ווערען געפּאַטשט פון מיר". נאַטירליך, האָט איהם דאָס נישט גע־שטערט, ער זאָל שפּעטער, ווען פּרינץ נאַפּאָלעאָן איז שוין געוואָרען קייזער, אַרומקריכען אַרום איהם און זאָל אַרום איהם לעקען און שמעקען. נאַפּאָלעאָן האָט איהם אָבער קיינמאָל נישט צוגעלאָזט צו זיך, נאָר אין זיין

גוטסקייט האָט ער איהם געשענקט אַ יעהרליכע מתנה פון 6000 פראַנק. זעלבסט־פערשטענדליך, האָט אזא גאָב פאַר'ן גראַף לעאָן געקלעקט אויף איין צאָהן, און ער האָט געהאַלטען כסדר אין איין שרייבען שנאָרער־בריוולעך צו זיין האַלב־ברודער גראַף וואַלעווסקי און צום הערצאָג פון מאָרני און צום קעניג זשעראָם פון וועסטפאַל. ער האָט געפּרובט שרייבען אַזעלכע בריוולעך אויך צום באַראָן דזשעמס ראָטשילד, און דער באַראָן האָט נישט געפונען פאַר נויטיג איהם אפילו צו ענטפערען. ער האָט זיך דאַן גענומען צו פיעל געשעפטען: ער איז געוואָרען אַ פערזיכערונגס־אַגענט, ער האָט געמאַכט אַ טינט־פאַבריק. ער האָט ערפונדען אַ לאָמפּ, וואָס דרעהט זיך, ער האָט געוואָלט איינפיהרען פאַר'ן מיליטער האמאַקען אַנשטאָט בעטען — און אַלע פּראָיעקטען האָבען זיך יעדעס מאָל אויסגעלאָזען דערמיט, וואָס ער האָט געבעטען דעם הערר, צו וועלכען ער האָט זיך געווענדעט מיט זיי, ער זאָל איהם לייהען אַ גמילת־חסד פון אַ פינף פראַנק. אויף דער עלטער, שוין גאָר צום סוף, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַן'איינפאַכער ארבייטערין, פאַני זשאָנע, וועלכע האָט איהם געבוירען צוויי קינדער און האָט איהם מפרנס געווען בדוחק פון איהר ארבייטס־לויהן. אין יאָהר 1881 איז ער געשטאָרבען, 57 יאָהר אַלט, אין אַ קליין שטעדטעל אין פראַנקרייך, אין נויט און אין דחקות. די שכנים האָבען געמוזט צונויפמאַכען צווישען זיך, אום פאַר איהם צו בעשטעלטען דעם אָרון.

אַ טראַגעדיע פון אַ מענשליך לעבען. אפשר וועט אַ גרויסער פּסיכאָלאָג קאָנען ארויסגעפינען אין זיין כאַראַקטער אַן'עהנליכקייט מיט'ן גרויסען טאַטען. מאַקס נאָרדוי, למשל, ביים בעטראַכטען פון דעם דאָזיגען לעבען, געפינט, אַז ביידע זענען זיך אין תוך אריין גאַנץ ענהליך. דערזעלביגער ווילדער מוט, דיזעלביגע אייביגע תאוה צו שלאָגען זיך, דיזעלביגע קאָבעדיגע פאַנטאַזיע, דיזעלביגע ענערגיע, דערזעלביגער עגאָאיזם, דאָסזעלביגע ניש־וועלען־וויסען פון קיין שום מאָראַל און פון קיין שום ריקזיכט אויף אַ צווייטען מענשען, — בקיצור, אַלע אייגענשאַפטען, פון וועלכע עס זעצט זיך צוזאַמען די גרויסקייט פון נאַפּאָלעאָן. איך, דעם אמת געזאָגט, קאָן דאָס נישט זעהן. איך זעה נאָר דעם נישט־געראָטענעם זוהן פון אַ גרויסען טאַטען. די געוועהנליכע ערשיינונג: דער זוהן האָט נישט דאָס גרויסקייט פונ'ם טאַטען ,און נאָר וויל ער האָט די גוטע געלעגענהייט, נוצט ער

זי אוים צו אַלע קליינינגקייטען און ווערט אַ סקאַנדאַליסט און ווערט אַנ'אויס־געלאַסענער און ווערט אַ ווערטלאָזער מענש. די עהנליכקייט צום טאַטען איז די עהנליכקייט פון אַ קאַץ צו אַ לייב; ביידע רעכענען זיך אין דער זאָאָ־לאָגיע צו איין און דערזעלביגער משפחה, נאָר איינער איז אַ קאַץ און דער אַנדערער אַ לייב. איינער איז נאַפּאָלעאָן דער גרויסער און דער צווייטער איז דער גראַף לעאָן. אַ העלפט פון נאַפּאָלעאָן. נאַפּאָלעאָנ'ס גרויסקייט איז אָבער בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז געוועזן אַ גאַנצער. די טראַגעדיע פונ'ם דאָזיגען לעבען איז — אַז אַ גראַף לעאָן איז אַ זוהן פון נאַפּאָלעאָן.

פאול לאפארג

דעם לעצטען זונטאג איז עס געווען, אין די גאסען פון פאריז. א לויה האט זיך געצויגען איבער די בולווארען, צעהנטויזענדער מענשען מיט רויטע פאהנען אין די הענד זענען נאכגעגאנגען נאכ'ן ארון. די אונצעהליגע רויטע בלומען־קרענץ, געבונדען מיט רויטע לענטעס, זענען געשלעפט געווארען פון א לאנגע רייה וואגענס. אלעס רויט. רויט, רויט, אויף די גאסען איבער'ן גאנצען וועג זענען געשטאנען טויזענדער פאליציי־לייט, אום אפצוהיטען די ארדנונג. ביים קרעמאטאריום אויפ'ן בית־עלמין פער לאשעז, דארט וואו פריידענקענדע מענשען לאזען זיך נאכ'ן טויט פערברענגען, זענען געהאלטען געווארען פלאמענדיגע רעדעס פון די בעריהמטעסטע אנפיהרער פון די פערשידענסטע סאציאליסטישע פארטייען פון גאנץ איראפא — און געווען איז דער געשטארבענער א בעקאנטער מיליאנער.

נאטירליך, חוץ דעם וואס ער איז געווען א מיליאנער, איז ער דרך־אגב געווען דער אנפיהרער פון די פראנצויזישע קאמוניסטען און רעוואלוציאנערען, דען געווען איז דאס פאול לאפארג, דער בעריהמטער איידעם פון דעם נאך בעריהמטערען קארל מארקס. עס איז נאר אזא צופאל, זעלבסטפערשטענדליך, וואס כמעט אלע גרויסע אנפיהרער פון די סאציאליסטישע פארטייען זענען געווען און זענען תמיד מיליאנערען — אבוואהל אמאל מאכט זיך, אז א מענש, ניט קיין איבערגעשפיצטער, שטעלט זיך אב א ווייל בייַ דעם דאזיגען אומשטאנד און, נישט ווילענדיג, פערטראכט ער זיך וועגען אזא מערקווירדיגען צופאל. אדרבא, אפשר איז עס גאר שענער נאך פון אזעלכע פיינע מיליאנערען, אז נישט קוקענדיג אויף זייערע מיליאנען, האבען זיי אזא פיין גאלדען הארץ, מיטצופיהלען מיט יעדען עלענדען, און זיי ארבייטען טאג און נאכט פאר'ן ארימאן, וואס האט נישט וואס צו פרעסען און וואו אוועקצולעגען זיין נארישען קאפ. און זיי זענען זיך מקריב פאר'ן פראלעטאריער, וואס איז אזוי נאריש און לאזט זיך רק עקספלואטירען, און לערנען דעם אויסגעמוטשעטען ארבייטער, וועלכער מיט די

מיליאָנען פאַר אַנדערע, דאָס אייביגע קרעכצען אויפ'ן מיליאָנער און דאָס אייביגע וויינען אויף די אומגערעכטיגקייט פון דעם דאָזיגען, וועלכער האָט אַ מיליאָן. די הויפּטזאַך איז, צו האָבען אַ מיליאָן און צו האַלטען תמיד אין אַזאַ מקריב זיין זיך פאַר'ן אָרימען. אפשר וועט קומען אַ צייט, אַז אונזערע שייבלערס און פּאָזנאַנסקי'ס וועלען נאָך ווערען אַזעלכע אָנפיהרערס אויך! די מיליאָנען דערצו האָבען זיי שוין. נאָר נישט דאָס בין איך אויסען. יעדענפאַלס איז פּאָול לאַפּאַרג געווען איינער פון גאָר די גרויסע, און אפשר איז ער געווען דער גרעסטער אַגיטאַטאָר. וועלכען די דאָזיגע פּאַרטייען האָבען געהאַט אויפצווייזען ביז'ן היינטיגען טאָג. מערקווירקדיגער אָבער פון זיין לעבען איז געווען זיין טויט. דען נישט מיט אַ נאַטירליכען טויט איז ער געשטאָרבען, נאָר אַליין האָט ער זיך גענומען דאָס לעבען, זיך און זיין ווייב אין איין און דעמזעלביגען טאָג. אפשר איז דאָס אויך נאָר געווען אַזאַ מין פאַנטאַזיע פון אַ מיליאָנער. אין דערזעלבער וואָך האָט זיך אויך אַן אַנדערער אַמעריקאַנישער מיליאָנער אין פּאַריז, דניאל וואָלף בישאָף, אַ יונגערמאַן פון 34 יאָהר, גענומען דאָס לעבען, ווייל דאָס לעדיגגעהן איז איהם נמאס געוואָרען. נאַטירליך, פּאָול לאַפּאַרג איז נישט לעדיג געגאַנגען. אדרבא, זיין לעבען איז געווען אַ לעבען פול מיט אַרבייט און געהאַט האָט ער אַ הויכען, הייליגען אידעאַל, דערפאַר טאַקי האָט ער אויך אַסך שענערען און אַסך פילאָזאָפישערען תירוץ זיך אויסגעזוכט פאַר זיין זעלבסט־מאָרד: ער האָט נישט געוואָלט, זאָגט ער, דערוואַרטען זיך, ביז ער וועט אַלט ווערען זיבעציג יאָהר און וועט ווערען קערפּערליך און גייסטיג מאַט און נישט־טויגליך „דערום נעהמט ער זיך דאָס לעבען קנאַפּ איידער ער ווערט זיבעציג יאָהר. ער איז געווען, אַ פנים, אַ זעהר עמפינדליכער מענש, וועלכער האָט נישט געקענט אפילו אין געדאַנקען סובל זיין אַ צייט, ווען דער מאָגען וועט נישט קענען מעהר אַזוי פערטראָגען און דער קאָפּ וועט אַמאָל דערלאַנגען אַ דרעה. און דעריבער האָט ער זיך צוגעאיילט און האָט געמאַכט אַליין דעם שטאַרב. עס איז פאַרהאַן אַ מענש, וואָס קען נישט פערטראָגען דאָס שטאַרבען אויף דער תליה, ווייל ער איז קיצעלדיג, און ווידער איז פאַרהאַן אַ מענש, וואָס קען נישט פערטראָגען דאָס לעבען, ווייל ער וועט אַמאָל מוזען פאָהרען מיט אַ קראַנקען מאָגען קיין קאַרלסבאַד און וועט זיך מוזען אַמאָל צולעגען אַ קאַלטען קאָמפּרעס צום קאָפּ. אוי אוי, די דאָזיגע קאַפּריזען פון די מיליאָ־

נערען! די שריפטשטעלערין זשאָרזש סאַנד האָט אונז אַמאָל געשילדערט אין אַ ראָמאַן אַ העלד, וועלכער האָט מורא פאַר'ן נאָס-ווערען, און דעריבער, ווייל ער האָט געזעהן אויפ'ן הימעל אַ וואָלקען, האָט ער זיך דערוויייל אַריינגעוואָרפען אין טייך. איז דאָס אַ קעמפערנאַטור? טהוט אַזוי אַ מענש, וועלכער האָט אַ הייליגען אידעאַל באמת'דיג און גלויבט אין איהם און וויס, אַז ער האָט די פליכט צו קעמפען פאַר איהם? מוז נישט אַזאַ איינער בלייבען אויפ'ן פּאָסטען אַזוי לאַנג ווי נאָר די פיס טראָגען איהם?

„איך ברענג מיך אום", שרייבט פּאָול לאַפאַרג צו זיין פלימעניק, וועלכען, נאַטירליך, ער האָט איבערגעלאָזט זיין גאַנצען פערמעגען, — „איך ברענג מיך אום, איידער עס וועט קומען די עלטער און וועט רויבען ביי מיר די פערגניגענס און די פריידען פון לעבען און די קראַפט פון מיין גוף און פון מיין גייסט. זינט יאָהרען שוין האָב איך מיר פאָרגענומען, נישט עלטער צו ווערען ווי זיבעציג יאָהר. איך שטאַרב מיט דער העכסטער שמחה. אַז שוין אין דער נאָהנסטער צוקונפט וועט זיעגען אונזער אידעע, וועלכער איך האָב געדיענט פינף און פערציג יאָהר. הויך זאָל לעבען דער קאָמוניזם!" — כ'לעבען, ווען אין דער נאָהנטסטער צוקונפט שוין וועט די דאָזיגע אידעע זיעגען, וואָלט עס האָבען געלוינט פאַר אַזאַ פּאָול לאַפאַרג, אונטערצוּוואַרטען נאָך די עטליכע חדשים אָדער די עטליכע יאָהר און זיך אָנצוקוקען דעם דאָזיגען עסק מיט די אייגענע אויגען. שוין דאָס אַליין, צו זעהען ווי די גולדם און די ראָטשילדס און די שייבלערס און די פּאַזנאַנסקים וועלען זיך טיילען מיט די אָרימע, איז, בנאמנות, אויך ווערט, אַז מען זאָל צוליעב דעם אַ געוויסע צייט מוותר זיין אויף עטליכע פערגניגענס און שמחות און מען זאָל מקבל-באַהבה זיין אַ שטיקעל חוסט און אַביסעל קאָפּוועהטאָג. ווער וויס, אפשר וואָלט אַזאַ לאַפאַרג אַליין נאָך האָבען די זכיה, צו דערלעבען די צייט, אַז זיינע פּראָלעטאַריער וואָלטען זיך לאָזען איינרעדען צוצונעהמען ביי איהם זיינע מיליאָנען און ער וואָלט זיי נישט דאַרפאַר נעבעך אַוועקגעבען ערשט זיין אייגענעם יורש.

לכל הדעות איז פּאָול לאַפאַרג געוועזן אַ געוואַלדיגער אַגיטאַטאָר. ער האָט אַסך געאַרבייט אין זיין לעבען און האָט אויך אָפט געליטען גלות און אַנדערע צרות פאַר זיינע אידעען. מעגליך איז אפשר, אַז דער דענקער אין איהם איז נישט געוועזן אַזוי שטאַרק. ער איז אַלץ נאָך געשטאַנען אויפ'ן

אַלטען שטאַנדפּונקט פון זיין שווער עליו־השלום און אפילו אַלע נייע פּי־רושים צום מאַרקסיזם האָט ער נישט געקענט ליידען. יעדענפאַלס איז ער דער ־דאָזיגער, וועלכער האָט דער וועלט געגעבען די בראָשורע: „דאָס רעכט אויף פויל־זיין”. יעדער מענש האָט דאָס רעכט צו זיין פויל און נישט צו וועלען אַרבייטען. דער גרעסטער פעהלער פון דער דאָזיגער לעהרע איז אפשר די לאָגיק, וואָס פעהלט איהר. אָט, למשל, זענען שוין די מיליאָנערען אַזוי ווייט, אַז זיי נוצען־אויס יענעם רעכט פון פויל־זיין לויט אַלע קרעפטען, און פּאָרט איז מען נאָך נישט צופריעדען מיט זיי. וואָס קענען אַזעלכע אָרימע מענשען נאָך מעהר טהון פאַר דער וועלט׳ס וועגען? נאַטירליך, נישט אַר־בייטען און געהן לעדיג איז אַ זעהר אָנגענעהמע זאַך. אַז „אַרבייט מאַכט דאָס לעבען זיס”, האָבען, זעלבסטפערשטענדליך, אויסגעטראַכט די דאָזיגע, וועל־כע האָבען אַליין נישט געאַרבייט און האָבען געוואָלט, אַז אַנדערע זאָלען אַרבייטען פאַר זיי, פּונקט אַזוי ווי דאָס וואָרט, אַז „גאָראָנים האָבען ליעב צוקער”, האָבען אויסגעטראַכט דוקא די קלוגע, וועלכע האָבען אַליין גע־וואָלט עסען דעם צוקער. דאָס אַלעס איז זעלבסטפערשטענדליך. נעכטען האָט מיינער אַ קאָלעגע מיר דערמאָהנט די בראָשורע. „דאָס רעכט אויף פויל זיין” און האָט זיך דערביי בעלעקט. אודאי, אודאי. איך אַליין וואָלט כ׳לעבען, אויך בעסער וועלען פוילענצען ווי אַרבייטען. וואָס קומט מיר אָבער אַרויס, ווען איך קען דאָס נישט. איך האָב נישט דעם טאַלענט דערצו. צום פוילענצען איז נויטיג פּונקט אַזאַ טאַלענט ווי צו מוזיק און ווי צו אַנדערע זאַכען. איינער קען דאָס, דער צווייטער נישט. פּאָול לאַפאַרג אַליין, דער לעהרער פון דער דאָזיגער ערהאַבענער תורה, האָט עס, דאַכט זיך. דאָך נישט געקענט. ער האָט, נישט קוקענדיג אויף זיין לעהרע, זיין גאַנץ לעבען געאַרבייט.

אוי, די דאָזיגע מיליאָנערען מיט זייערע קאַפּריזען און זייערע פאַנטאַ־זיעס און זייערע לעהרען! — פּאָול לאַפאַרג איז אָבער געווען אַ גוטער אַגי־טאַטאָר.

יוסף פעלדמאַן

די נאַכריכט פון זיין טויט איז שטיל דורכגעגאַנגען דורך די בלעטער: דאָ און דאָרט עטליכע קאַלטע גלייכגילטיגע ווערטער דעם געשטאָרבענעם, דאָ און דאָרט עטליכע ביאָגראַפישע נאָטיצען, עטליכע ערינערונגען וועגען איהם אַלס „געדאַנקענלעזער", עטליכע בעמערקונגען וועגען זיין קונסט אַלס „היפּנאָטיזער" און וועגען דעם ענין פון „היפּנאָז" בכלל — און שטיל איז געוואָרען גאָר גיך. וואָס וויים דער היינטיגער לעזער, וואָס אָסיפ איליטש פעלדמאַן איז געווען אַמאָל? אַ וועלט האָט זיך מיט איהם געשאָקעלט, די געזעלשאַפטליכע וועלט ווי אויך די וויסענשאַפטליכע. נאַטירליך, די „געדאַנקענלעזעריי" אין אַלגעמיין איז היינט אַ רעכט ביסעל וואָכעדיג געוואָרען. זי איז אַראָבגעקומען ביז צו דער מדרגה פון אַ געזעלשאַפטליכער שפּיעלעריי. אין יעדען רעכטען סאַלאָן ביי אַ גלעזעל טהיי, אין יעדען זשור־פיקס נאָך ליסט'ס ראַפּסאָדיע, ווען דער עולם געהנעצט שוין פון לאַנגווייליגקייט, מאַכט זיך באַלד, אַז עפּעס אַ קרוב אָדער אַ נאָהענטער פריינד כאַפּט זיך אַרויס און וויזט עטליכע קונצשטיקלעך אַלס געדאַנקענלעזער. ער לאָזט זיך די אויגען פערבינדען און טרעפט, ווי שפּעט עס איז, ער זעצט זיך אין אַ ווינקעל און זאָגט, ווי די קעכין הייסט, ער לאָזט בעהאַלטען אַ גאָדעל און זוכט זי דאַן אַ צוויי־דריי שעה, ביז ער געפינט זי אָדער ער געפינט זי נישט. אָדער ער זוכט זיך אויס עפּעס אַ געוועזען פאַרשוין אַלס „מעדיום", אום איהם איינצושלעפערען, און גלאָצט איהם אַזוי לאַנג אָן, ביז די אויגען געהען איהם אַליין איבער, און ווען עס גראָט איהם אחרי כל אלה נישט, שטעהט ער פלוצלינג אויף און זאָגט, אַז היינט איז ער עפּעס נישט ריכטיג אויפגעלעגט. דענסמאָל אָבער, פאַר זעקס און צוואַנציג יאָהר, ווען פעלדמאַן איז אויפגעטרעטען, איז די זאַך גאָר אַנדערש געווען. מען איז געשטאַנען פאַר אַ רעטעניש. מען האָט געגלויבט, אַז מען שטעהט פאַר דער ענטדעקונג פון אַ נייער נאַטור־קראַפט. מען האָט גערעדט וועגען אַ צוגעקומענעם זעקסטען חוש. די בערוהמטעסטע פיזיאָלאָגען און פסיכאָלאָגען און מעדיצינער זענען געשטאַנען און האָבען געגלאָצט און האָבען יעדען טאָג נייע טעאָריעס אויפ־

געשטעלט. איינער אַ בעקאַנטער מיינער, אַ דאָקטאָר אין פּעטערבורג, האָט זיין גאַנצע פּראַקטיק געוואָרפען און האָט זיך בעשעפטיגט נאָר מיט דעם ענין פעלדמאַן. אַ וועלט האָט געקאָכט. וואָס אין פּעטערבורג האָט זיך דענס־מאָל, אינ'ם יאָהר 1886, מיט איהם אָבגעטהון, איז כמעט נישט צו גלויבען.

און איך געדענק איהם, ווי עס וואָלט היינט געוועזן: אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר פינף און צוואַנציג, אַ שטאַרקער גוף עפּעס העכער ווי מיטעל־וואוקס, טיעף־שוואַרצע האָר, און דערביי אַ בלאַסקייט אין פּנים, אַ מערק־ווירדיגער קראַנקהאַפטער גלאַנץ אין די אויגען און אַ אומרוהיגקייט אין אַלע זיינע בעוועגונגען — אַז שוין אויפ'ן ערשטען בליק האָט מען געקענט דער־קענען, אַז מיר האָבען דאָ צו טהון מיט אַ נערוועןן־סיסטעם, וואָס איז אונגע־וועהנליך שטאַרק אויסגעבילדעט. און דאַן געדענק איך, ווי ער דערצעהלט אונז פון זיין לעבען. זיין זיידע, דאַכט זיך, איז געוועזן שוחט אין כערסאָן, זיין טאַטע איז געוועזן אַ יוד למדן מיט'ן נאָמען ר' אליהו קאַפּעל, זיין פעטער ר' אברהם איז געוועזן רב; ער אָבער איז געוועזן אַנ'אומרוהיגער גייסט און ער האָט איהם געטריבען פון אָרט צו אָרט און ער האָט אַליין נישט גע־וואוסט פאַרוואָס. אין טיפליס איז ער געוועזן אין גימנאַזיום, און דאַן האָט ער געזאָלט מיט די ערשטע עמיגראַנטען נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אַרויס קיין אַמעריקאַ, און פּלוצלינג איז ער געוועזן אין ברעסלוי און איז געגאַנגען אויף די לעקציעס פון פּראָפעסאָר היידענהיים און דאָרט האָט ער געזעהן צום ערשטען מאָל דעם בעוואוסטען היפּנאָטיזער האַנזען — און ער האָט געפּרובט איהם נאָכמאַכען...

און הויפּטזעכליך געדענק איך איהם פון אַ „סעאַנס", וועלכען ער האָט געגעבען אין „דייטשען קלוב" אין פּעטערבורג. דאָס היפּנאָטיזירען אויף עפענטליכע סעאַנסען האָט איהם דער דעמאָלסדיגער גראַדאָנאַטשאַלניק גרעסער פערבאָטען, ווייל עס האָט געשמעקט מיט סכנה, און דעריבער האָט ער זיך געמוזט בעגניגענען מיט געדאַנקענלעזעריי. אָבער די דאָזיגע געדאַנ־קענלעזעריי וועל איך קיינמאָל נישט מעהר פערגעסען! אויף דער בימה, אַלס וויסענשאַפטליכע קאָנטראָלערען און אַלס מעדיומס, זענען געזעסען ד"ר קאַצענעלסאָן און ד"ר רעשעטניקאָוו און פיעל אַנדערע געלעהרטע און

עטליכע מיינע באַקאַנטע דאַמען. איינער האָט אויפגעשריבן אויף אַ פּאַ־פּיער, אַז פעלדמאַן זאָל געהן צום בופעט לינקס, זאָל צוגעהן צום טיש, וואו עס שטעהען נעבען דעם פערשידענעם עסענוואַרג אויך עטליכע ליכט, זאָל אויסלעשען איין ליכט, זאָל אַרויסנעהמען פונ'ם אונטערשטען עק פונ'ם ליכט אַ נאָדעל, וועלכע איינער פון די קאָנטראָלערען האָט דאָרט אַריינגע־שטעקט בידיעה פון די אַלע אַנדערע מענשען, וועלכע געפינען זיך אויף דער ביהנע, ער זאָל די נאָדעל ברענגען אויף דער ביהנע ; אויף דער ביהנע ליעגען צוויי טאַליעס קאָרטען, איינע אַ רויטע און איינע אַ בלויע, זאָל ער פון דער בלויער אַרויסנעהמען די מלכה צלם און זאָל זי זיך מיט דער נאָ־דעל אָנשטעקען צו זיין פראַק — און פעלדמאַן האָט דאָס אַלעס מיט אַ אונגלויבליכער געשווינדיגקייט אין לויף פון עטליכע מינוטען אויסגעפיהרט. און דאַן : פעלדמאַן זאָל אַרויסנעהמען אַ נאָדעל, וועלכע איז פערשטעקט אין אַ פאָרהאַנג אין אַ לאָזשע, ער זאָל זי ברענגען אויף דער ביהנע, וואו עס ליעגט אויף אַ טישעל אַ יאָהרגאַנג „וויעסטניק יעוורעפּי", און זאָל זי אויף דער זייט 173, וואו עס שטעהט אַ געדיכט פון א. פעט, אַריינשטעקען אין דעם אות A פון דעם דיכטער'ס אונטערשריפט — און פעלדמאַן, וועלכער איז נישט געוועזן דערביי, ווען דער דאָזיגער בעפעהל איז געוואָרען אויפ־געשריבען, האָט דאָס אַלעס פּינקטליך דערפילט. און דאַן. פעלדמאַן זאָל צוגעהן צום שוואַרצען ברעט, וואָס איז אויף דער ביהנע, און זאָל נעהמען דאָס שטיק קרייד, וועלכעס ליעגט דאָרט, און זאָל דערמיט אויפ'ן שוואַרצען ברעט אָנשרייבען אַ מגן־דוד און אין דער מיט פונ'ם מגן־דוד זאָל ער אָנש־רייבען מיט געכתיבה'טע אותיות דעם שם — יהוה און פעלדמאַן האָט די דאָזיגע אַלע געדאַנקען געטראָפען און האָט אַלעס גענוי און פּינקטליך גע־טהון. פּראָפעסאָרען און געלעהרטע האָבען געשטוינט, דאָס פּובליקום איז געזעסען ווי פערשטיינערט.

און דאַן געדענק איך איהם פון סעאַנסען אין פּריוואַט־הייזער, וואו ער האָט איינגעשלעפערט און היפּנאָטיזירט, געזונד געמאַכט און קראַנק געמאַכט, וואונדער געטהון און מופתים געוויזען. מען האָט אָנגעהויבען צו גלויבען, אַז ער קען מחיה־מתים זיין. עס איז אונהיימליך געוועזן אין זיינע ד' אמות צו זיין...

זיין נערווענסיסטעם — האָט מען „וויסענשאַפטליך" ערקלערט — איז

אַזוי, אַז מען קען אויף איהם עלעקטריש איינווירקען. לעג איך אַרויף אויף איהם מיין האַנד, ווערען אונזערע ביידע קערפּערם איין קערפּער, און מיין געדאַנק ווירקט אויף איהם ווי אַנ'עלעקטרישער שטראָם און איז דאַן אַזוי, ווי ער וואָלט זיין זיין אייגענער געדאַנק...

איז ער אפשר אויך אַ שטיקעל שאַרלאַטאַן?

דענסמאָל, אין אָנפאַנג פון זיין קאַריערע, איז ער עס בעשטימט נישט געווען. מיר האָבען דאַן, אַ גאַנצע חברה, לעקציעס ביי איהם גענומען, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער איז נאָר געווען דער בעזיצער פון אַ „קראַפט״; וואָס אָבער די דאָזיגע קראַפט איז און ווי זי איז וויסענשאַפט־ליך צו ערקלערען, האָט ער אַליין נישט געוואוסט.

ער האָט דענסמאָל געהאַט די אַבזיכט צו פאָהרען קיין פאַריז צום פּראָפעסאָר שאַרקאָ און צו לערנען. ביסלעכוויז אָבער איז זיין געדאַנקענ־לעזעריי און זיין היפּנאָטישע מאַכט אַ געשעפט געוואָרען. ער איז אַרומגע־פאָהרען איבער די שטעדט און האָט נסים בעוויזען. ער האָט קראַנקע גע־היילט און האָט קונצען געמאַכט...

און דאַן איז ער ביסלעכוויז פערגעסען געוואָרען. און יעצט, ווען ער איז געשטאָרבען, אַ מאַן אין די בעסטע יאָהרען, האָט איהם כמעט קיינער נישט מעהר געקענט. עטליכע גלייכגילטיגע ווערטער אין די צייטונגען, עטליכע ביאָגראַפישע נאָטיצען, עטליכע ערינערונגען — און שטיל איז געוואָרען גאָר גיך.

פּעני וואַדי-עפּשטיין

נאָר אַ שוישפּיעלערין, אַ יודישע שוישפּיעלערין. פּויל און טרייסט־לאָז איז געגאַנגען דער שטילער רעגען פון׳ם טריבען הימעל. דאָס הייפעל פערעהרער איז נאָכגעגאַנגען נאָכ׳ן שווארצען וואָגען. און געפיהרט האָט דער וואָגען, דער רייכער, פון אַ וויטען שפּיטאָל, וואו די אָרימסטע איז פערלאָזען און פערגעסען געלעגען, דעם אָרימען רעשט פון אַנ׳אָרים לעבען. און בלומען־קרענץ זענען פּלוצלינג געוואָרען, און אַ כאָר האָט געזונגען. און דאַן איז אַלעס געווען אויס. דער לעצטער שויפעל ערד איז געפאַלען. דאָס טעאַטער־שטיק, דאָס גרעסטע פון אַלע, האָט זיך געענדיגט, דער פאָר־האַנג איז געפאַלען, דער לעצטער. קיין אַפּלאָדיסמענט, קיין אַרויסרוף, קיין „בים״ מעהר...

נאָר אַ שוישפּיעלערין. ווען מען גערט אָן אַ שוישפּיעלערין? וואָס מאַכט אויס דאָס לעבען פון אַ שוישפּיעלערין? אויך ביי פעלקער, וועלכע זענען פיעל קולטורעלער ווי מיר, איז נאָך גאָרנישט לאַנג די צייט, וואָס דער שויש־פּיעלער איז געווען דאָס פעראַכטעסטע וועזען אין דער געזעלשאַפט. אַנ׳ אויסגעשטויסענער צווישען די מיוחסים, אַ מין נעגער צווישען די ווייסע. מען האָט איהם צום סאַלאָן נישט צוגעלאָזען. און אפשר גאָר האָט די מורה־מורנו־דיגע געזעלשאַפט אינסטינקטיוו נישט אמאָל פאַלש געאורטיילט. דאָס דאָפּעלטע לעבען, וואָס דער קינסטלער פיהרט, איין לעבען אויף דער ביהנע, וואו ער בעשאַפט פערשידענע געשטאַלטען, און איין לעבען, אין זיין פּריוואַטען אומגאַנג, וואו ער איז ער אַליין, האָט דאָס נאַאיווע פּובליקום איבער־געשרעקט. עס האָט אַלעמאָל מורא געהאַט, אַז אויך אין פּריוואַטען לעבען שפּיעלט ער איהם עפּעס פאָר און גיט נישט זיך, נאָר אַ ראָלע, ער לעבט נישט, נאָר ער מאַכט קאָמעדיע. און ווען דאָס איז אַזוי דער פאַל געווען ביי אַלע אַנדערע פעלקער, אום וויפיעל מעהר ביי אונז, וואו דער שוישפּיעלער־שטאַנד אינגאַנצען איז נאָך גאָר אַזוי יונג. מען האָט געזעהן, און מען זעהט נאָך, אינ׳ם שוישפּיעלער נאָר דעם קאָמעדיאַנט, דעם בדחן, דעם פּורים־

שפּיעלער. ווער וויס, ווער ער איז דאָרט, דער יונג? ווער וויס, ווער זי איז דאָרט, די מויד, און פון וואַנען זי האָט זיך גענומען און פון וואו זי קומט? אַז טאַלענט אַן און פאַר זיך איז אַ גרויסע זאַך און מוז געאַכטעט ווערען אין יעדער פאָרם און אין יעדער געשטאַלט, צו דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט האָט זיך אַ פּובליקום נאָך נישט דערהויבען. נאַטירליך איז דער יודישער שוי־שפּיעלער דורך זיין האַלטען זיך שולדיג אין דעם אפשר מעהר ווי דאָס פּו־בליקום. ביז ער וועט ווערען „סאַלאָן־פעהיג", וועלען נאָך אַסך וואַסערען אַבלויפען.

און ווען עס איז צווישען די יודישע שוישפּיעלער געווען עמיצער, וואָס האָט דורך זיין פּערזענליכקייט אַליין פיעל מיטגעהאָלפען דאָס אַלטע פאָר־אורטייל געגען דעם דאָזיגען שטאַנד צו צעשטערען, דאַן איז דאָס געווען פעני וואַדי־עפּשטיין, זי האָט ביי מיר אַליין טוזענד פאָראורטיילען אין דער דאָזיגער ריכטונג צעשטערט. אפשר איז זי געווען דער אינטערעסאַנסטער מענש, וועלכען איך האָב פון אייביג אָן צווישען יודישע שוישפּיעלער גע־פונען. איך וויל עס באַלד אין קורצען אַרויסזאָגען: ווי זעהר בעדייטענד זי זאָל נישט זיין געווען אַלס שוישפּיעלערין, איז זי געווען טויזענדמאָל בעדייטענדער אַלס מענש, אַלס פּראַכט־עקזעמפּלאַר פון אַ מענש. אינערליך שטאָלץ אויף איהר מענשליכקייט, און אין דרויסען אַ בעשיידענהייט אין אַלעם, וואָס בעטרעפט איהר קונסט און איהר קענען, גאָרנישט ווי ביי אַנדערע יודישע שוישפּיעלער. און האָט זי גערעדט פון איהר קונסט, האָט זי עס גערעדט ווי אַ נאַאיווו קענד: מלא־שמחה ווי אַ קינד אָדער בעטריבט ווי אַ קינד. און מערקווירדיג: די דאָזיגע פרוי, וואָס איז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצען שמוץ פון'ם לעבען, דאָס נידעריגסטע און אָבשטויסענדסטע, איז געווען ריין אין איהר נשמה ווי אַ קוואַל־וואַסער. עס האָט פראָסט דערקוויקט, ווען מען האָט זיך צוגעקוקט צו איהר. אַ ליעבליכקייט און אַ רייץ איז אויסגעגאַנגען פון איהר פּערזענליכקייט, וואָס האָט בעצויבערט יעדען, וועלכער האָט זיך דערנעהנטערט צו איהר. עפּעס פיינעס, איך וואָלט זאָגען פרומעס, האָט אַרויסגעבליקט פון איהרע אויגען און האָט זיך אַרויסגעהערט פון איהר מיעדען געלעכטערל. און איז עס אמת, אַז איהר אָבשטאַמונג איז אַ נידערידע און איהר וועג האָט זי געפיהרט דורך אַלע נון שערי בלאָטע פון'ם לעבען, דאַן איז זי אַליין דער בעוויז, אַז אָפט האָבען מיר צו זו־

כען די אמת'ע דאָמע דוקא דאָרט אין דער נידער. ביז צו דער ריינער נשמה אינווענינ גרייכט קיינמאָל נישט דער שמוץ. ווי אָפט, ווען איך בין געזעסען נעבען איהר און האָב זי געהערט פּלוידערען, האָב איך מיר געטראַכט: וואָס פאַר אַ מענש איז דאָ צו־גרונד געגאַנגען! וואָס פאַר אַ פּראַכט־מענש וואָלט דאָ אַרויסגעקומען, ווען איהר לעבען וואָלט זי האָבען געפיהרט דורך אַנדערע גאַסען!

פון דער פרעמד איז זי געקומען צו אונז. איהרע ערשטע אויפטריטען אויף אונזער היגער יודישער ביהנע האָב איך פערזוימט. האַלב צופעליג, האַלב אַבזיכטליך. די רעקלאַמע, וואָס מען האָט געטריבען מיט איהר, האָט מיך געהאַט אַנגעעקעלט. און דאַן אויך די רעצענזיעס. מען האָט גערעדט פון אַ „קלאַסיש" שפּיעלען, פון גריכישע זשעסטען", פון „יאַניש" און „פריגיש" און ווייס גאָט ווי דער דאָזיגער טעאַטער־זשאַרגאָן און רעצענזענטען־עברי הייסט נאָך אַלץ. נאַטירליך האָט מיך דאָס געררייצט און ווען איך האָב זי צום ערשטען מאָל געזעהן שפּיעלען און גראָד אין אַ שטיק, וואָס איז פאַר איהרעטוועגען גאָרנישט צוגעפּאַסט, האָב איך עטליכע ביטערע ווערטער איבער איהר געשריבען. זי האָט דענסמאָל אין אַ צייטונגס־אַרטיקעל געענטפערט. און דער ענטפער איז געווען אָהן פרעטענזיעס, בע'חנ'ט און נישט אָהן הומאָר. איך האָב געלייענט און געשטוינט. איך בין איבערצייגט געווען, אַז אימיצער האָט דאָס פאַר איהרעטוועגען אָנגעשריבען. ווי דען, ווען נישט אַזוי, קומט צו אַ יודישער שוישפּיעלערין אַזאַ פיין סטיליזירטער געשמאַק? ווי אָבער איך האָב זי דאַן פערזענליך קענען געלערענט און האָב זי צום ערשטען מאָל געהערט רעדען, האָב איך מיין טעות איינגעזעהן. יענץ בריוועלע האָט צוגעפּאַסט מיט יעדען וואָרט צו איהר גאַנצען מענשען.

אין אַ קליינער געזעלשאַפט איז עס געווען. זי איז צוגעקומען צו מיר לאַבעדיג און לייכט און איהר ערשט וואָרט איז געווען: „איהר זענט דאָס מיין שונא?" — עפּעס ציטערדיגעס איז געלעגען אינ'ם טאָן, וואָס האָט מיך טיעף גערירהרט. גאָרנישט שוישפּיעלערישעס, נאָר ריין מענשליכעס. און דאַן באַלד דאָס צווייטען וואָרט: „און ווען איך בין שוין גאָר קיין שוישפּיעלערין נישט, קען איך דאָך אויך נאָך זיין עפּעס אַ שטיקעל מענש!" און ווידער האָט עס געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק, אַז נישט אַ שוישפּיעלער, נאָר אַ מענש רעדט...

זי איז אָבער אויך אַ פּאַרציגליכע שווישפּיעלערין געווען. אפשר איינע פון די בעסטע. עס איז גענוג, ווען איך וועל דערמאָהנען איהר „חאַשע די יתומה" אינ'ם ערשטען אַקט. אַנ'אמת קאַבינעט־שטיקעל. און דאַן נאָך צוואַנציג אַנדערע ראָלען. ווען נישט קלאַסיש און גריכישע זשעסטען — אָבער אַ פיינע פיגור איז זי געווען און געשמאַק האָט זי געהאַט. דאָס דאָזיגע, וואָס מען געפינט נישט צו אָפט אויף דער יודישער ביהנע.

טויזענדמאָל אינטערעסאַנטער אָבער איז געווען דער מענש אין איהר. און האָט זי ערצעהלט פון איהרע וויטע רייזען, פון פרעמדע פעלקער און פרעמדע לענדער, האָט מען געשפּירט, אַז זי האָט פיעל געזעהן און האָט דאָס געזעהענע געפיהלט. איז עס געווען די לעבנסלוסט אין איהר, וואָס האָט זי געדרענגט אַלעמאָל ארוים און ביז צו דעם שמוציגען אָבגרונד? — אַ גאַנצער לעגענדען־קרייז האָט זיך געבילדעט ארום איהר לעבען. עפּעס אַ טאַטאַרען פירשט האָט זי פון דער היים פערפיהרט און זי מיטגענומען קיין אינדיען. פון דער פשוט'ער פאַני איז געוואָרען דאָס ענגלישע פעני און דערצו איז צוגעקומען „וואַדי", דער נאָמען פון דעם טאַטארישען מאַן. נאַטירליך איז איהר דער טאַטאַר מיט דער גאַנצער פירשטליכקייט לעסטיג געוואָרען נאָך אַ געוויסער צייט און זי איז אַוועק ווידער אין די וועלט אריין. זי איז געגאַנגען מדחי אל דחי. דער פירשט האָט איהר געצאָלהט אַ לעבענס־רענטע פינף טויזענד רובעל יעהרליך. די דאָזיגע לעבענסלענגליכע רענטע האָט זי פערקויפט לייכטזיניג פאַר אַנ'איינמאָליגע סומע פון 16 טויזענד רובעל. נאַטירליך האָט די דאָזיגע סומע נישט לאַנג ביי איהר געדויערט. דער איינציגער אויסוועג איז דאַן געווען דאָס טעאַטער. אַ קורצע צייט האָט זי נאָך געלעבט אין גלאַנץ. שעהנע טואַלעטען און עלעגאַנטע האָטעלען. דאַן האָט אויך דאָס אויפגעהערט. מיעד און מאַט און טויט־קראַנק איז זי געלעגען, פערלאָזען און פערגעסען, אין אַ ענג שטיבעל ביי אַנ'אָרימען קרוב. און דאַן דער לעצטער אַקט: עטליכע טעג פאַר'ן טויט האָט זי איהר לעצט בעט געהאַט צווישען די גאָלע ווענד פונ'ם יודישען שפּיטאָל.

און ווידער איז עס אַ כאַראַקטעריסטישער צוג פון איהר. זי האָט נאָר געדאַרפט עטליכע ווערטער שרייבען צו איינעם פון איהרע נאָהנטסטע אין לאָנדאָן, אום גענוג געלד צו האָבען, כדי אויפגעריכט צו ווערען און זיך צו

קענען היילען. איהר שטאָלץ און עפּעס שטילעס אין איהר האָבען איהר דאָס נישט ערלויבט.

זי איז נאָר אַ שוישפּיעלערין געווען, אַ יודישע שוישפּיעלערין. איהר אייגענע לעבענס־דראַמע איז אפשר טויזענדמאָל אינטערעסאַנטער ווי אַלע דראַמען, וועלכע זי האָט געשפּיעלט.

און אַ פּוילער רעגען האָט געטריפט, און דער עלעגאַנטער וואָגען איז געגאַנגען. און קרענץ האָט מען געבראַכט, און דער כאָר האָט געזונגען — און דער לעצטער אַקט האָט זיך געענדיגט.

ווער וועט געדענקען אין עטליכע יאָהר אַרום פעני וואַדי־עפּשטיין?

מאַדאַם לאָבעל

דאָס שטיק, אין וועלכען זי האָט זיך בעוויזען דעם וואַרשעווער פּובליקום — „מאַדאַם איקס״ — איז קיין צעבראָכענעם שילינג נישט ווערט: אַ נאַרישער אינהאַלט, אונמעגליכע סיטואַציעס, סצענעס, וואָס צופּען ביי די נערוועז אַזש ביז צו אַנ׳עקעל־געפיהל, און אַ קאָמפּאָזיציע, ווי זי קען שוין ערגער נישט זיין. נעבען־סצענעס ווערען הויפּט־סצענעס, האַנדלונגען, וועלכע האָבען געקענט אָבגעטהון ווערען הינטער דער סצענע, ווערען געטהון עפענטליך און רעדעס ווערען געהאַלטען פון 20 סצענעס, דאָך געהער דאָס שטיק צום וועלט רעפּערטואַר. יעדע גרויסע קינסטלערין, ווען זי האָט נאָר מיט עפּעס זיך צו ווייזען, פּרובט־אויס דערין איהרע קרעפּטען. זינט די דריי־פיער יאָהר, ווי דאָס שטיק איז געשריבען איז עס געשפּיעלט געוואָרען אויף אַלע בעדייטענדע ביהנעס. פון וואַנען דאָס קומט? איינפאַך: דאָס שטיק געהער צו יענע פּיעסען, וועלכע זענען לכתחלה געמאַכט געוואָרען נישט פאַר׳ן פּובליקומס וועגען, נאָר פאַר׳ן אַקטיאָר, אַ בעדייטענדער אַקטיאָר זאָל האָבען אַ בעדייטענדע ראָלע. און דעריבער ווערט אַזאַ שטיק, טראָץ אַלע זיינע פעהלער, צוגעכאַפּט ווי אַ אבן־טוב פון די אַרטיסטען און די אַרטיסטקעס אַליין, און יעדער אַקטיאָר און יעדע אַקטריסע, ווען זיי האָבען צו ווייזען שוישפּיעלערישע קונסט־שטיקלעך, אונגעוועהנליכע טעכניק, איבערראַשענדע פּראָבען פון גרים אָדער שטים־מאָדולאַציע אָדער מינען־שפּיעל, ווענדען זיי אָן אַלע זייערע כוחות נאָר אום צו קענען אויפטרעטען אין אַזאַ שטיק — איבערהויפּט ווען זיי ווילען זיך ווייזען אַ פרעמדען פּובליקום. על־פּי־רוב האָט אַזאַ שטיק נישט מעהר ווי איין ראָלע, די דאָזיגע פונ׳ם אַקטיאָר, פאַר וועלכען עס איז געוואָרען לכתחלה אָנגעשריבען, דען אויסצייכענען זאָל זיך דערין נאָר איין אַקטיאָר און נישט די אַלע איבעריגע. אַזוי איז עס מיט „קין״ פון אַלעקסאַנדער דיומאָ, מיט „וואַהנזין און איילינקייט״ פון עטשעגאַרע, מיט דעם „פאָטער״ פון סטרינדבערג און מיט נאָך אַ טוץ אַזעלכע פּיעסען, און אַזוי איז עס אויך מיט „מאַדאַם איקס״ פון אַלעקסאַנדער ביסאָן. אַלעקסאַנדער ביסאָן האָט געהאַט

געשריבען זיין „מאַדאַם" פאַר זיינע אַ פריינדין, די שוישפּיעלערין מאַדאַם זשאַן האַדינג, וועלכע האָט זיך געוואָלט ווייזען פאַר'ן פּובליקום אין דער ראָלע פון אַ אַלקאָהאָליסטקע: אַ פיינע דאַמע, וואָס איז אַראָבגעקומען ביז אויף די נידריגסטע מדרגה און איז געוואָרען אַ טרינקערין פון גרויס אומגליק — אַלעם אַנדערע איז נעבען־זאַך — און די שוישפּיעלערין האָט מיט דער דאָזיגער ראָלע געמאַכט דאָס געוואָלדיגסטע אויפזעהן אין דער פּאַריזער טעאַטער־וועלט. זינט דעמאָלט איז נישט פאַרהאַן קיין איינציגע גרויסע קינסטלערין, ווען זי בעזיצט נאָר די מיטעל פון ווייזען קונסט־שטיק אויף דער ביהנע, וועלכע זאָל זיך נישט האָבען געפּרובט אין דער דאָזיגער ראָלע.

אַז אויך אַ קינסטלערין אויף דער יודישער ביהנע זאָל זיין אימשטאַנד זיך צו ווייזען ,און מיט ערפאָלג, אין דער דאָזיגער ראָלע. האָט זיך מיר נישט געגלויבט. וואָס זאָל מען זיך דאָ נאַרען? אונזערע גרויסע קינסטלערינס בעזיצען אפשר, פיעל אָדער ווייניג, אַביסעל קינסטלערישען טעמפּעראַמענט און ליידענשאַפט, זיי בעזיצען אפשר יענעם אינערליכע פייערעל, וואָס מען רופט טאַלענט, זיי האָבען אפשר אויך אַביסעל פּאָעזיע אין זיך און אַביסעל שמערץ, אפשר קען מען געפינען ביי זיי אויך אַביסעל איינגעבוירענע אינטעליגענץ און דאָס פערשטענדניש פאַר איינלעבען זיך אין אַ כאַראַקטער — אָבער יענע אויסערליכע צוויי הויפּט־מיטלען, מיט וועלכע דער קינסטלער מוז אַרבייטען: דאָס קענען בייטען די שטימע און קענען ענדערען דאָס געזיכט־אויסזעהן און די גאַנצע פיגור, — דאָס פעהלט זיי כמעט אינגאַנצען. זיי האָבען אַלעמאָל און אין אַלע גרימען כמעט איין פּנים און איין טאָן. זיי שפּיעלען נישט. פערשטעהט זיך אַז איך רעד נישט פון גוט אָדער פון שלעכט שפּיעלען, איך רעד נאָר פון שפּיעלען אַן און פאַר זיך און אָט קומט „דער גרעסטער אַמעריקאַנער סטאַר, די בעסטע אַרטיסטין פון ניו־יאָרקער קעסלער־טעאַטער", ווי עס שטעהט אין די אַנאָנסען, און צו איהר דעביוט וועהלט זי זיך אָט דאָס דאָזיגע שטיק, די „מאַדאַם איקס", צו וועלכען עס געהער אין דער ערשטער ליניע די גרויסע קונסט פון קליינמאָלעריי דוקא. מילא דער גרויסער אָדער דער גרעסטער סטאַר, איך בין שוין לאַנג אַרויס פון די יאָהרען, ווען מען גלויבט מיט צו־שטאַרקער אמונה אין די אַנאָנסען. ווער איז שוין ביי אונז נישט געווען דער גרעסטער סטאַר? ווער איז שוין נישט געווען דער קעניג פון אַלע טענצער? דער טענאָר פון

אַלע טענאָרען? דער איינציגער, וועלט־בעריהמטער האַמלעט? איך בין זיכער, ווען די לעצטע סטאַטיסטין וועט אַרויספּאָהרען אויף די מדינה, וועט זי זיך אַנאָנסירען אַלס יודישער וואָלטער אָדער דוזע. ביליגער קען זי נישט. לעצטענס האָט זיך זאָגאר איינער אַנאָנסירט אַלס „גרעסטער העלדען־טענאָר און איינציגער אָקאָסטאַ". וואָס אַ גרעסטער העלדען־טענאָר האָט צו טהון מיט אָקאָסטאַ, דאָס איז נישט מיין זאַך, נאָר ווי די מעשה איז, אונגלויביג בין איך געגאַנגען אין טעאַטער אריין צו דער ערשטער פאָרשטעלונג פונ'ם אַמעריקאַנער גאַסט. ווער וויים, וואָס פאַר אַ שלאַק עס וועט זיך דאָרט ווייזען.

און אָט האָט זיך אויפגעהויבען דער פאָרהאַנג. אום עס באַלד צו זאָגען בקיצור: מאַדאַם לאָבעל איז אפשר די ערשטע, אמת'ע שוישפּיעלערין, וועלכע איך האָב געזעהן אויף אַ יודישע ביהנע. אפשר איז זי אויך די איינציגע. נאַטירליך מיין איך דאָס נאָר אינ'ם זין פון קענען שפּיעלען און נישט אינ'ם זין פון קינסטלערישען טאַלענט אין אַלגעמיין. אויב זי בעזיצט צו איהרע שוישפּיעלערישע מיטלען אויך דאָס אינערליכע קינסטלערישע עמפּינדען, דערצו האָב איך זי לײדער נישט געזעהן אין דעם רעכטען שטיק, וואָס זאָל געבען אַ געלעגענהייט דעריבער צו אורטיילען.

באַלד אינ'ם פּראָלאָג (דער פראַנצויזישער אָריגינאַל גיט דעם ערשטען אַקט אַלס פּראָלאָג), דאָ ווי זי טרעט־אויף אַלס סאַלאָן־דאַמע, זעהט מען, אַז מען האָט דאָ צו טהון מיט אַ שוישפּיעלערין, וואָס בעזיצט אַ אונגעוועהנליך קענען. אפשר האָט דער דאָזיגער אַקט געדאַרפט געשפּיעלט ווערען עטוואָס פיינער, אפשר וואָלט אַנ'אַנדערע בעדייטענדע קינסטלערין געפינען עטליכע הארץ־טענער, די מוטער־ליעבע עטוואָס פיינער און ניט אַזוי אונטערגעשטריכען צו מאַרקירען, אפשר איז אויך די סצענע מיט'ן קניען פאַר'ן מאַן נישט אַזוי קינסטלעריש פיין און דאַדורך, ווען זי וואָלט אַרויסשטויסען די זאַצען פונ'ם מויל מעהר אָבגעהאַקט און צעשטרייט, וואָלט זי אפשר געקענט ערציעלען מעהר קינסטלערישע עפעקטען. דער דאָזיגער פּראָלאָג אָבער איז פאַר דער מאַדאַם לאָבעל בעשיינפּערליך נאָר עפּעס נעבענזאַכליכעס. איהר הויפּט שפּיעלען הויבט זיך ערשט אָן אינ'ם צווייטען אַקט, דאָ ווי זי קומט אַרוים אין דער ראָלע פון דער אַלקאָהאָליסטקע. עס איז אַ ראָלע — אַנ'אמת'דיג מייסטער־שטיק פון קליין־קונסט. טויזענדער און אָבער טוי־

זענדער דעטאַילס, דורכגעדאַכט ביז אין דאָס קלענסטע און טיעפסטע. א שוידער געהט אריבער איבער די ביינער. מען זיצט און מען קוקט. זי איז העכער א שעה צייט און מען קען דאָס אויג פון איהר נישט אראָבנעהמען. אין זאַל ווערט פון מינוט צו מינוט שטילער, צום סוף הערשט א טויט־שטיל־קייט און אַלעס קוקט און האָרכט מיט א פערכאַפּטען אָטעם. איך האָב קיינמאָל נישט געזעהן עפּעס עהנליכעס אין א יודישען טעאַטער.

עס הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג און זי קומט אויף די ביהנע מען וויים א פּאָר מינוט נישט, אויב זי איז עס אָדער נישט. עפּעס איז איהר געשטאַלט א גאַנץ אַנדערע געוואָרען. אפשר העכער, אפשר נידעריגער, מען וויים עס אַליין נישט — נאָר יעדענפאַלס א גאַנץ אַנדערע. אפּט זענען די הענד אין א קראַמף צודריקעדרעהט און דער רוקען קומט עפּעס אויס אויסגעהוילט. מינוטענווייז איז די שטימע טרוקען און הויהל, און פּלוצלינג קומט א וואַרעמער שטראַהל, וואָס ווירקט דורך דעם אונטערוואַרטעטען איבערגאַנג נאָך אונהיימליכער. און דאַן דאָס אָפּיזם־טרינקען און דער הויהלער פּייף ביים פערבאַפען דעם אָטעם. דאָס אונהיימליכע לאַכען און דאָס אידיאָטישע וויינען, די גוססדיגע אויגען און די רויט־אָנגעפּזילטע נאָז — סימנים פון א שרעקליכער קראַנקהייט. עס איז אין דעם אַלעס א שוידערהאַפטע רעאַליסטיק, הויפּזעכליך אין דער סצענע ביים קאָרטען־וואַרפען: דער פּלוצלינגער זוארעמער טאָן ביים דערמאָהנען זיך אָן א ווייטער פערגאַנגענהייט און דאָס אָבהאַקען דערפון און ווילד ווערען. און דאַן די פיין געשפּיעלטע סצענע מיט איהר איצטיגען צוהעלטער און די כאַראַקטעריסטישע, ביז צום עקעל איבערגע׳חזר׳טע אויסרופונגען אין אַלע טאָן־אַרטען: „איך וועל נישט געבען, איך זועל נישט געבען, איך וועל נישט געבען!” — וויפיעל בעאָבאַכטונגס־פעהיגקייט מוז בעזיצען א קינסטלערין, אום דאָס אַלעס צו האָבען געזעהן! וויפיעל פליים און זויפיעל שטודיום איז נויטיג דערצו, אום אַזעלכע טויזענד פּרטים ביז אין דאָס קלענסטע אריין צו האָבען געלערענט!

נעבען דעם דאָזיגען אַקט איז אַלעס איבעריגע שוין א נעב די סצענע אין געריכט און די שטאַרב־סצענע. איהר שטאַרקס דאָס לאָבעל בעוויזען אינ׳ם צווייטען אַקט.

זאָל די דאָזיגע שוישפּיעלערין נעבען איהר שאַרפער בעאָבאַכטונגס־פעהיגקייט און איהר אינטעליגענץ און איהרע געוואַלדיגע טעכנישע מיט־לען בעזיצען אויך דאָס ביסעל פּאָעזיע, דאָס דיכטערישע עמפּינדען, די פרייד און דאָס לייד, בקיצור דאָס יעניגע, וואָס מיר רופען קינסטלער־נאַטור, דאַן איז זי איינע פון אונזערע בעדייטענדסטע קינסטלערינען.

עס איז אַ גרויסער שאָד, וואָס זי האָט אונז נישט געגעבען די געלע־גענהייט, זי צו זעהן אויך אין אַנדערע ראָלען.

ח. נ. ביאַליק

וועגען ביאַליקען זאָל איך שרייבען. ביטע, נישטאָ עפּיס גרינגערס
ווי דאָס. איך וואָלט עס קענען זאָגען אין דריי ווערטער: ביאַליק איז אונזער
בעדייטענדסטער איצטיגער דיכטער. אָבער ווי אַזוי איז ער עס? פאַר וואָס
איז ער עס? דאָס, נאַטירליך, איז שוין עפּיס אַנדערש. נישטאָ עפּיס שווע-
רערס ווי דאָס; ווענינגסטענס פאַר מיינעטוועגען. עס וואָלט מיר זיין גרינ־
גער צו שרייבען וועגען אַ טוץ אַנדערע קליינע, און פאַר וואָס זיי זענען אַזוי
קליין, כאָטש זיי זענען דאָך ביי אונז אַזוי בעריהמט און גרויס, איידער
צו שרייבען פאַר וואָס ביאַליק איז גרעסער פאַר זיי מיט הונדערט קעפּ.
איבריגענס איז דאָס שווער ביים ערקלערען פון אַ דיכטער בכלל. גיה כאַפּ
אַ זומער-פויגעלע אין האַנד אַריין און מאַך דערויף דיינע ל״ב פּירושים,
בעת זיין עיקר שעהנקייט ווייזט זיך דאָך גראָד אין דעם, ווען עס פלאַטערט
און צאַפּעלט אַרום און דו האַלסט עס נישט אין האַנד. כאַפּ מיט די פינגער
אַ שיינדעל פון דער זון און ערקלער אַ וועלט מיט ווערטער פון אַ ווערטער
בוך אַרויס ווי דאָס איז און וואָס דאָס איז, און ווי עס שפּרינגט אַזוי אַ
מאָל אַהין און אַ מאָל אַהער און ווי עס טוקט זיך אַזוי אַמאָל אַרויף און אַ
מאָל אַראָב און עס איז זיך אַ שיינדעל פון אַ זון. הויפּטזעכליך אָבער ליעגט
דאָס מאָל די שווירינקייט נישט דערין, נאָר זי ליעגט אין דעם, וואָס איבער
ביאַליקען האָט מען שוין אַזוי פיעל אָנגעטינטעלט. עס האָט איינער עפּיס
אַרויסגערעדט אַ וואָרט וועגען איהם, און באַלד איז עס געוואָרען אַ שטעהנ־
דיגע פראַזע און באַלד האָבען פערציג אַנדערע דאָס זעלביגע וואָרט געדאַנ־
קענלאָז נאָכגעפּלאַפּעלט — און דער דיכטער האָט דערווייל אויסגעפּיעט צו
קריגען אַנ׳עטיקעט מיט אַ בעשטימטער לויף־נומער. אום וועגען ביאַליקען
צו שרייבען, וואָלט מען ערשט מוזען אַראָבבריסען די אַלע פּאַפּיערענע שמאַ־
טעס, אין וועלכע זיי האָבען איהם איינגעוויקעלט. איך וואָלט מוזען קודם
כל שרייבען, וואָס ביאַליק איז נישט — אַ רעכט ביסעל זאַכען איז אונזער
ביאַליק נישט.

קודם־כל איז ער נישט דער נביא, צו וועלכען זיי האָבען איהם געמאַכט. און ווי זעהר זיי האָבען דאָס געמאַכט, ווייסט איהר דאָך. פרעגט דעם לעצ־טען יונגעל. וועלכער לייענט העברעאיש און אינטערעסירט זיך מיט א שיר און האָט געלייענט א צוויי־דריי קריטיקען, פרעגט איהם: וואָס איז ביאַליק? און איך בין זיכער, אַז ער וועט ענטפערן: „ביאַליק?! — אַה, דער דאָזיגער ביאַליק! דאָס איז דאָך, דער נביא'שער דיכטער!", דען אַזוי שטעהט אָנגעשריבען אין דער מעטריקע, וועלכע אונזער ליטעראַטור־פּאָליציי האָט אַהים אַרויסגעגעבען, און אַזוי איז דער נוסח אויפ'ן בלעטעל מיט'ן נומער, וואָס זיי האָבען איהם אָנגעהאָנגען אויפ'ן האַלז. ביאַליק אָבער איז גיכער אַלעס אַנדערע פון דער וועלט, נאָר נישט קיין נביא. אדרבא, ער איז גיכער דער פאָלקאָמענסטער היפך פון א נביא: ער איז קינסטלער — אפשר דער ערשטער קינסטלער אין גרעסערן סטיל, צו וועלכען דאָס העברעאישע גע־דיכט האָט זוכה געוועזן. און א קינסטלער, איך מיין, דער דאָזיגער וואָס דער הויפּט־סימן פון זיין פּאָעזיע איז די קונסט־פאָרם, איז שוין לכתחלה, דער גרעסטער היפך פון א נביא, וואָס זיין הויפּט־סימן איז די קונסטלאָזיגקייט.

אַזוי אויך איז ביאַליק נישט דער צער־און צאָרן־דיכטער, צו וועלכען דאָס שלאַג־וואָרט האָט איהם אָבגעשטעמפּעלט. און ווי זעהר ער איז בעקאַנט אונטער דער דאָזיגער פירמע, ווייסט איהר דאָך. פּרובט פרעגט א יונגעל ביי זיין חומש־סעודה: יונגעלע, יונגעלע! ווער איז דאָס דער צער־ און צאָרן דיכטער? און עס וועט אייך ענטפערן: ביאַליק! — און פאַרט איז עס דאָך דער דאָזיגער ביאַליק כלל וכלל נישט. צער — אפשר יאָ נאָך ווי עס איז; יעדער יוד איז בחזקת צער. אָבער צאָרן? ביאַליק און — צאָרן? דער דאָ־זיגער זיסער דיכטער מיט די צאַרטע קולות און האַלב קולות, דער ווייי־בינקער מיט דער דאָזיגער ווייכקייט פון א זעפיר־ווינדטעל, דער בע'חנ'טער מיט די דאָזיגע שמייכעלדיגע חנ'דלעך פון א ליעב מכשפה'לע דער שפּראַך־קונצען־מאַכער מיט דער דאָזיגער זיסער קאָקעטעריע פון א שוואַרץ־חנ'־עוודיג מיידעל און מיט דער דאָזיגער אָנגעבווירענער גראַציע אויף שריט און טריט פון א פאַריזערין, בקיצור א דיכטער, וואָס אַמאָל פּאַקט ער אונז מיט איין איבערראַשענד בליצענדיג וואָרט און א מאָל מיט א פלוצלונגען גראַציאָזען מאַך מיט דער האַנד און א מאָל מיט א גלאָקען־זילבערנעם הויי־כען געלאַך און א מאָל א מיט א בעצויבערנדען בליק מיט'ן אויג, און דער —

אַ צאָרן־מענש! נאַ דיר גאָר אַ צאָרניגער מענש! מען מוז נאָר האָבען געזעהן ביאַליקען איין מאָל, דעם מענשען מיט דעם בלאָנד־ווייכען געזיכט און מיט דער גוט־מוטיגער שווער־פעליגקייט, און ווי ער שאָקעלט זיך פאַר לאַכען ביי'ם מינדסטען נאַרישען חכמה'לע, כדי צו בעגרייפען דעם גאַנצען אַבסורד פון אַזאַ בלבול. ניין! זאָגט שוין וואָס איהר ווילט: אַ נביא איז אַזאַ יוד נישט, און אַ צאָרן־מענש ערשט רעכט נישט. גיכער איז דאָס דער עביגער טיפּ פון דער ווייכער פערשוואָומענער מאָדערנער נשמה, מיט דעם עביגען בענקעניש אין הארצען און מיט דער אויסגעשפּראָכענסטער נייגונג, קינסטלעריש צו פאָרמען — אייגענטליך אָבער קאָן דאָך דער דאָזיגער צאָרניגער גבור נישט אפילו אַ פליעג דערצערנען.

און אויך איז דאָס נישט דער נאַציאָנאַל־דיכטער, דער משורר לאומי, פאַר וועלכען זיי האָבען איהם אויסגעפּויקט. צום נאַציאָנאַל־שרייבער פעהלט איהם דאָס פּאַטהעטישע, דאָס דעקלאַמאַטאָרישע, צום נאַציאָנאַל־דיכטער — די פּראָזע. די פּאָזע, דער זשעסט. ער איז נאַציאָנאַל ווי יעדער פון אונז, ווי איך, ווי איהר, ווי הונדערט אַנדערע; אייגענטליך ווי יעדער פיהלענדער יוד מוז זיין. דאָס פאָלקס־יודישע מאָטיוו איז איהם צופאַל ווי ביי יעדען פון אונז, ווי ביי מיר, ביי איך, ביי הונדערט אַנדערע; ער איז אויסגעוואַקסען און ער לעבט אין דער דאָזיגער אַטמאָספּערע, וועלכע רינגעלט אונז אַרום אין אונזער וואַכען און אין אונזער שלאָפען, און ער ליידט ווי איך. ווי איהר ווי הונדערט אַנדערע; און וויל ער איז דיכטער, איז איהם דאָס יודישע אומגליק — שטאָף, ווי עס איז איהם שטאָף דער ווינטער צו זיינע הערליכע ווינטער־ליעדער און די זון צו זיינע עבינע ליכטליעדער און ווי עס איז איהם שטאָף דער זומער, דער וואַלד, דער טייך, דאָס ליידען און דאָס ליעבען — נישט מעהר און נישט ווייניגער. אָבער אַ נאַציאָנאַל־דיכטער? נאַציאָנאַל אינ'ם זין, ווי מען בעגרייפט דאָס ביי אַנדערע פעלקער? נאַציאָנאַל ווי למשל אַ שענקענדאָרף, אַנ'אַרנדט, אַ דערולער?...

און נאָך הונדערט אַנדערעס איז ביאַליק נישט, איך וויל אָבער שווייגען פון קלייניגקייטען.

איך מוז מיך, איידער וואָס, אומקעהרען צו דעם בלבול מיט דער נביאות. עס איז אפילו געווען איינער, וועלכער איז אַזוי וויים פערקראָכען און האָט

אונז געזאָגט דעם שעהנעם אַפאָריזם, אַז ווען ער וואָלט געווען געפונען אין דער ביבעל צווישען די בעסטע שטעלען פון די בעסטע נביאים אַ בלעטעל פון ביאַליקען, וואָלט ער זיך נישט אָבגעשטעלט דערויף און וואָלט פּראָסט אָנגענומען, אַז דאָס דאָזיגע בלעטעל איז אויך אַ שטיק פון דער ביבעל ארויס — אַזוי זעהר פּאַסט עס אַהין, אַ שעהן וואָרט, שטאַרק וואָרט, אַ גערודער־מאַכעדיג וואָרט, נאָר נישט קיין אמת וואָרט. נישטאָ קיין גרעסערער חלול-השם, נישט פאַר אַ מאָדערנעם דיכטער פון איין זייט און נישט פאַר דער ביבעל פון דער אַנדערע זייט, ווי אַזעלכעס! ניין, מיינע האַרציגע! איך מוז שוין זאָגען עפּים אַנדערש. ווען עס וואָלט זיין אומגעקעהרט דער פאַל און איך וואָלט געווען געפינען צווישען ביאַליקס שירים אַ בלעטעל פון דער ביבעל — און אַ ביבעל וואָלט איך צופעליג נאָך קיינמאָל נישט האָבען געזעהן (אין היינטיגע צייטען איז אַלעס מעגליך!) — איך שווער אייך: יענץ בלעטעל וואָלט איך אָבער פאָרט דערקענען אויפ'ן ערשטען בליק. איך וואָלט עס דערקענען אין זיין אור־אור־נאַטירליכקייט, אין זיין אור־אור־נישט־געקינסטעלט־זיין, אין זיין עלעמענטאַרען און ווילדען אויסברוכס-כאַראַקטער אין טאָן און פאָרם, אין זיין אומעטום פּרימיטיווען נאַטור־שטייגער, און אין זיין פאָר־קולטורעלען טיפּ. און ווען ווידער עס זאָל זיך מאַכען דער אַנדערער פאַל, און איך וואָלט געווען געפינען דאָס בלעטעל ביאַליק צווישען די ביבעל־בלעטער: בנאמנות, איך וואָלט עס געווען דערקענען בזו הרגע. איך וואָלט עס דערקענען אין זיין העכסט־קינסטלערישע אָבאַרבייטונג, אין דעם געשליפען־זיין פון יעדען אבן־טוב בעזונדער, אין דעם אָבגעטאָקט־זיין פון יעדען וואָרט, יעדען בוכשטאַב, יעדער נקודה, אין דער דרעקסלער אַרבייט פון יעדען פערז, אין דער ציזעליער־מלאכה פון יעדער סטראָפע, אין דער שניצעריי־קונסט ביי יעדער צוזאַמענזעצונג פון ווערטער און שורות און סטראָפען, בקיצור איך וואָלט עס דערקענען אין דער קונסט — אַלזאָ אין אַלעם יענעם, וועלכעס איז אַ פּראָדוקט פון דער ערשט שפּעטערע צייט פון אַ ליטעראַטור־קולטור.

עס איז צו בעוואונדערן, ווי וועניג עס האָבען מענשען דרך־ארץ פון איין זייט פאַר דער גרויס־מעכטיגער ביבעל און פון דער אַנדערע זייט פאַר די וואונדער. פון אַ קונסט, ווען זיי קאָנען קומען און אַזוי פּערפּלאָנטען כל-

אחר-יד בעגריפען) די ביבעל — ווי אָפט האָב איך מיר שוין דעריבער צעבראָכען מיין אָרעמען קאָפּ, צו דערגעהן דעם סוד פונ׳ם כישוף, וועלכער שטעקט דאָרט, און נאָך אַלץ שטעה איך פאַר דעם גרויסען סוד, עס איז עפּים דאָרט איין עלעמענטאַרער ווילדער קראַפט-אויסברוך, אייך עקסטאַטי־שע געוואַלטיגקייט, אַ נאַטור-אונמיטעלבאַרקייט, איין אונגעשליפענהייט און פּלוצליכקייט, איין איבערמענשליך־אונבערעכענבאַרעס, איין אונבעוואוסט־גרויסעס. שטעקט עס אינ׳ם וואָרט? שטעקט עס אינ׳ם צוזאַמענזעצען פון די ווערטער? שטעקט עס צווישען די שורות? — איך וויים עס נישט, ווי אַזוי דאָס ווערט אַזוי, פערשטעה איך נישט, און וועל איך פּרובען און נאָכ־מאַכען, וועט עס זיין קונסט, אַ מאָל אפשר גאָר אַ גרויסע קונסט, אָבער בי־בעל וועט עס נישט זיין. איך וויל שוין נישט רעדען פונ׳ם גרעסטען טהייל קאַפּיטלעך אין ישעיה, פון דעם אור-אור-וועלטליכען קראַפט אויסדרוק אין איוב פון דעם געוואַלטס־טאָן און געוואַלטס־בילד אין אַ גרויסען טייל קאַ־פּיטלעך אין ירמיה, פון ווילדע עלעמענטאַר־שטעלען אין יחזקאל און תרי־עשר, פון אַ העריץ-ערשיטערנדען נאַטור־טאָן אין מאַנכע קאַפּיטלעך אין תהלים, און זעהט איהר, אויך דער דאָזיגער עפּישער טאָן, יענער אומעטיגער ווייכער וועלט־פערלאָרענער טאָן, האַלב מעלאָדיע און האַלב חלום, שטיל און זים און ווי עפּים אין אַ מערכענהאַפטען גאָט־פערגעסענעם וואַלד. און דאָס אַלעס גראָד אין דער איינפאַכסטער שפּראַך פון דער וועלט און אָהן ביל־דער! אויך דער דאָזיגער עפּישער טאָן האָט זיין גלייכען נישט אין דער גאַנצער וועלט-ליטעראַטור, און ווי הויך די קונסט זאָל נישט קומען, יענעם טאָן וועט זי נישט נאָכמאַכען, וועט עס זיין קונסט, אָבער „דברים" וועט עס נישט זיין. און זעהט איהר, אַ מאָל ווען איך פערטראַכט מיך אַזוי וועגען דער ביבעל, קומען מיר אין זין אריין, וויים גאָט, וואָס פאַר אַ געדאַנקען. למשל אונגעפעהר אַזוי. מען זאָגט, עס איז פאַרהאַן אַ נאַכט, אַז די הימלען שפּאַלטען זיך, און דענסמאָל, ווען אַ מענש ווינשט עפּים, ווערט עס באַלד מקוים. אָט אין אַזאַ נאַכט, זעהט איהר, ווען עס זאָל זיך מיר פערגלוסטען צו ווערען ווערען אַ גרויסער דיכטער, אַ היינע למשל, טאָ וואָלט איך עס געקאָנט אויגענבליקליך ווערען. איהר גלויבט מיר נישט? וואָס אַרט עס אייך! דער הימעל וואָלט זיך נאָר געדאַרפט שפּאַלטען און איך וואָלט נאָר געדאַרפט זאָגען: ליעבער הימעל! גיעב מיר אַזוי און אַזוי פיעל גייסט,

אַזוי אין אַזוי פיעל שעהנהייטס-זין, אַזוי און אַזוי פיעל שפּראַך־און קונסט־זין, אַזוי פיעל און אַזוי פיעל וויץ, אַזוי און אַזוי פיעל געפיהלט-שטאַרקייט, אַזוי און אַזוי פיעל וויסען, אַזוי און אַזוי פיעל פאָרם־זין, אַזוי און אַזוי פיעל נאַטור־פערשטענדניס א. ז. וו. א. ז. וו. און איך וואָלט אויגענבליקליך גע־קאָנט ווערען אַ פערטיגער היינע. דאָס הייסט: איך ווייס און קען גענוי די יסודות, פון וועלכע אַזאַ היינע פאַבריצירט זיך, און ווען איך וואָלט נאָר האָבען די דאָזיגע יסודות, ווי ער האָט זיי, מהיכא-תיתי, פאַר וואָס זאָל איך דאָס נישט קענען זיין ווי ער? ווען איך וואָלט אָבער וועלען ווערען איינער פון די ביבעל־לייט, אַ ישעיה למשל, און דער הימעל וואָלט זיך טויזענד מאָל שפּאַלטען פאַר מיינע אויגען: איך וואָלט שטעהן מיט איין אָפענעם מויל און עס וואָלט מיר גאָר נישט נוצען. איך וואָלט נישט וויסען וואָס מיר צו ווינשען, דען איך ווייס נישט און קען נישט די יסודות, וועלכע מען בעדאַרף צו אַזאַ זאַך, און ווייס נישט, וואו שטעקט דער סוד פון זייער כישוף און אין וואָס שטעקט ער. עפּיס איז עס אַ זאַך צווישען די שורות. דאָס וואָרט אַליין איז עס נישט, דער געדאַנק אַליין איז עס נישט. די שורה אַליין איז עס נישט — און וואָס עס איז פערשטעה איך נישט. אַזוי איז עס מיר גע־גאַנגען נאָר נאָך מיט אַ גרויסען טייל שעקספּיר און טיילווייז מיט די ניבע־לונגען און הויפּטזעכליך מיט דעם האָמער, כאָטש דער דאָזיגער האָמער האָט שוין אַ געוויסע קונסט־פאָרם: ער האָט דעם העקסאַמענער. ביי שעקספּיר נעמליך האָב איך שוין ווידער נישט געוואוסט, וואו די קראַפט שטעקט. אינ'ם איינצעלנעם וואָרט שטעקט זי נישט און אינ'ם זאַץ אויך נישט, און אין דעם אינהאַלט אויך נישט, און נאָר עפּיס אינ'ם גאַנצען. איך ווייס שוין ביי איהם ווייטער נישט, וואו דער כישוף פונ'ם זשעניע ליעגט. אַזוי עפּיס גע־פינען מיר אין דער היינטיגער צייט אפשר נאָר נאָך אין מאַנכע שטעלען ביי איבסען און אין איינצעלנע ערטער ביי ניעטצשע — דאָרט נעמליך, וואו ער פערליערט זיך און ער פערגעסט קונסט פאָרם און אָרט און צייט אין דאָס קלאָרע בעוואוסטזיין, און עס רעדט פון איהם אַרויס. אָבער בכלל איז דאָס גאַנצע כמעט איין אונמעגליכע ערשיינונג אין אַ מאָדערנער צייט. און דער־צו נאָך מוז מען אָננעהמען, אַז אינ'ם געשריבענעם וואָרט, דאָ איז שוין אַזאַ נביא אייגענטליך פערהעלטניסמעסיג זעהר מילד און זאַנפט, און אַז אינ'ם טעגליכען לעבען איז ער וואַהרשיינליך געווען נאָך פיעל ווילדער, פיעל

פרימיטיווער. דאָס מוז זיין אַ געוואַלט־מענש, אַ גרויס אָנגעלעגטע אונגע־וועהנליכע נאַטור, אַ ריעז. אויך וואָלט אַזאַ מענש, ווען ער וואָלט געקאָנט זיין אין אַ היינטיגער צייט, אפשר גאָר נישט זיין קיין מעלה פאַר אַ איצטיגע מענשהייט, נאָר גיכער אַ חסרון. די מאָדערנע צייט האָט נישט מעהר — און זי ברויכט אויך נישט מעהר — דעם נביא אין יענעם זין פון'ם וואָרט; זי האָט — און זי ברויכט — דעם קינסטלער, דאָס פּראָדוקט פון אַ קולטור־פּעריאָד. דאָס איז דער פּאָרטשטריט. מען מאַכט נישט מעהר קיין איינדרוק אויף אַ היינטיגע מענשהייט מיט אונמיטעלבאַרקייט, מיט פּרימיטיווער נאַ־טור־געוואַלט; מען מוז דערצו האָבען דאָס מיטעלבאַרסטע: די קונסט. די כאַפּסט זי, די דאָזיגע היינטיגע מענשהייט, אַ מאָל נאָר נאָך דורך געמיטהס־שפּיעלערייען און געפיהלס־עמאָציאָנען. דורך בעוואוסטע און בערעכענטע אָנרעגונג און בעוועגונג, דורך זעעלען־און געמיטהס־איינדרוקען. מיר האָ־בען היינט פאַר איהרעטוועגען דעם קינסטלער.

און דאָ קומען זיי צו געהן און ווילען דאָס אַלעס נישט פערשטעהן און זיי נעהמען אַ קינסטלער ווי ביאַליק און מאַכען איהם פאַר אַ נביא. אַ נביא איז אַ געוואַלט־מענש, אַן'אונגעוועהנליכע, אַ גרויס־אָנגעלעגטע נאַ־טור, אַ ריעזען-ערשיינונג אין זיין פּריוואַטען און אַ ריעזען־ערשיינונג אין זיין עפענטליכען לעבען, און ער האָט דערום אמת'ע נביאות און אמת'ן צאָרן און אמת'ע נאַציאָנאַלע עקשנות — און אַ קינסטלער איז צאַרט און ווייך, אַ פּראָדוקט פון אַ צאַרטער ווייכער צייט. און דאָס ערגסטע איז, וואָס אַ היינטיגער מענש איז שוואַך און לייכט און גלויבט באַלד אַלעמען, און דער דיכטער אַליין איז שוואַך און לייכט און גלויבט אַלעמען, און ער גלויבט אייך, ווען מען זאָגט איהם, אַז ער איז נביאיש און צאָרניג און נאַציאָנאַל־פערביסען, און ער זעצט זיך אַוועק און „ווערט" צאָרניג און שרייבט אונז נביאיש, לויטער נביאיש. ביאַליק האָט אונז אין דער לעצטער צייט אַ ביסעל צו פיעל אָנגע'נבאי'עט, און וואָס אַ מאָל מעהר, ווערען אַלץ זיינע נביא־פּאָראָדיען שוואַכער און שוואַכער, און דערוויל פערנאַכלעסיגט ער אַ רעכט ביסעל זיין פּאָעזיע־קונסט. גאָט זאָל זיי און איהם מוחל זיין די גרויסע זינד!

און מערקווירדיג איז, ווי דוקא דאָס שוואַכסטע אין ביאַליק, דאָס גע־מאַכטע, איז זיי בעסער געפעלען ווי זיין אמת'ע שעהנע, זיסע און צאַרטע

פּאָעזיע. און מערקווירדיג איז, ווי עס געפעלט זיי דוקא די „נביאות" און דער „צאָרן", און זיי האָבען נישט קיין אויגען פאַר די טויזענד וואַריאַציעס פון ליכט־עפעקטען און פאַר דעם מערקווירדיגען נאַטור־פערשטענדניס און פאַר דעם פערשטענדניס פון טויזענד שטילע לופט־רעגונגען און פאַר דעם שטילען לירישען געמיטה אין ביאַליקס פּאָעזיע. ביאַליק איז אָבער נישט קיין געוואַלט ערשיינונג, נישט אין זיין פּריוואַט־און נישט אין זיין עפענטליכען לעבען, און דערום איז ער עס אויך נישט אין זיינע ליטעראַרישע פּראָדוקציאָנען; און ווייל ער איז נישט געוואַלטיג דערום איז ער ניש נביאיש, און ווייל ער איז נישט נביאיש, דערום איז ער נישט צאָרניג. און ער איז עס אויך נישט „נאַציאָנאַל" אין דעם דאָזיגען זין. ביאַליק, זעהט איהר, איז נישט קיין נביא, און העכסטענס האָט ער, נעבען פיעל אַנדערעס, אונז געשריבען פּאַראָדיען אויף נביאים מיט צאָרן און גרים, און ווייל זיי זענען פּאַראָדיען, דערום לאָזען זיי אונז קאַלט. עס האָבען שוין פיעל אַנדערע פאַר איהם געשריבען פּאַראָדיען אויף נביאים; איך וויל נאָר דערמאָהנען די צוויי גרעסטע פון דער וועלט: דאָס נייע טעסטאַמענט און דעם קאָראַן — און אויך זיי לאָזען מיך קאַלט. מיר בעוואונדערן ביי ביאַליק די שפּראַך ־קונסט, מיר בעוואונדערן, ווי וויט דער שרייבער איז אריינגעדרונגען איז דעם גייסט פון דער שפּראַך און אין דעם נביאים־סטיל, מיר בעוואונדערען די פּאַראָדיען פון צאָרן, וועלכער איז שיער נישט כמו שנדפס —אָבער מען פערגעסט דאָס אַלעס נאָך דעם לייענען. איך הויב אָן און לייען: „את-רצפת האש מעל מזבחך זרה הלאה, הנביא, ונטשתה לנבלים" (דבר); איך לייען: „אכן גם זה מוסר אלהים ותוכחה רבה — אשר תתכוחשו ללבבכם" (אכן גם זה מוסר אלהים); איך דעקלאַמיער: „קראו לנחשים ויעבירו זעמכם עד קצה הארץ. כי חנה הוטלתם אל-מדבר" (קראו לנחשים) — און איך ווער אַ מינוט נתפעל פון דער שעהנקייט און פון דער גלידערונג פון דער שפּראַך, הגם זי איז אַ ביסעל צו גלאַט און צו שפּראַכליך־ריכטיג פאַר אַ ביבעל־שפּראַך, און באַלד אָבער מערק איך, אז דאָס איז דער סגנון פון נביאים (סגנון אין יאָהר 1907!) און ווייל איך מערק די כונה, מאַכט מיך דאָס פערשטומט, און איך האָב נישט קיין פערגינגען מעהר, און איך בעקלאָג דעם בעסערן „ביאַליק", דאָ וואו ער מאַכט נישט נאָך, נאָר וואו ער איז ער, און איך הויב אָן צו בענקען נאָך דעם דיכטער, דעם

בעסערן. צו וואס זאל ער זיין דער לעצטער אין א פרעמדער שטאדט, ווען ער קען זיין דער ערשטער אין זיין אייגען דארף? צו וואס פאלשע מיליאנען, ווען מען קען זיין אליין א סאלידער גביר מיט איין אייגען היבש ביסעל פערמעגען?

דאס געפעהרליכע אבער פון דעם גאנצען איז, וואס דאס דאזיגע שלעכטע האט שוין אנגעהויבען צו טראגען אויך פירות: ביאליק האט שוין בעוויזען צו מאכען שולע. א רייהע פון יונגע, נייע, פרישע דיכטער ביי אונז האבען זיך שוין פערקוקט אויף איהם, און דאס דאזיגע איז ביי זיי שוין געווארען מאניערע. יעדער פון זיי מיינט, אז ער וועט חס ושלום נישט יוצא זיין, ביז ער וועט אונז נישט אנשרייבען עפיס „שטארקעס", עפיס א „קראפט-געדיכט", עפיס אלא „נביא". עס געהט איצט די סדרה „שטארק", דערפאר זענען זיי דאך שוואכינקע מענשען, און קיין כח המעצור איז נישטא. עס איז גענוג, ווען איך וועל דערמאהנען אונזער ליעבען שניאור. ער בעגניגט זיך שוין נישט מיט זיינע קליינע, פרישע, לעבעדיגע, גרין-זאפטיגע, הערליכע געדיכטעלעך, און ער געפינט זיך שוין מחויב אונז צו שרייבען א „מעשי בראשית"; ביאליק האט דאך געשריבען א „מגלת האש". ביאליק זינדיגט און מאכט זינדיגען!

אלעס וואס איז געמאכט, לאזט קאלט. עס איז מערקווירדיג, ווי דוקא די גרויסע, די שטארקע, די ברייטע קראפט-געדיכטע ביאליקס לאזען מיך אזוי קאלט. עס לאזען מיך קאלט די „דבר'ס" און די „מוסר אלהים'ס" און אפילו די „מתי מדבר'ס" און הויפטזעכליך די „מגלת האש'ם", און זאגאר דער גרעסטער טייל פון א „משא נעמירוב". איך בין א פראסטער בן-אדם און איך ברויך נישט קיין גראדוסניק ביי א ביסעל ספירט; איך נעהם איהם אין מויל אריין, וויים איך. מאנכע פון יענע געדיכטע וועט דער אמת'ער ליעב-האבער פון ביאליק נישט קענען ענדיגען אין איין זיץ און עפיס וועט איהם לאנגווייליען און ער וועט אויפהערען אין דער מיט, און נאר ווייל עס איז ביאליק, וועט ער זיך אנשטרענגען און וועט לייענען ווייטער.

דאגעגען אבער לאזען מיך נישט קאלט די אמת'ע געדיכטע ביאליקס, דארט וואו ביאליק איז נשט דער קליינער גרויס-נאכמאכער, נאר דער גרעסטער קליין-דיכטער.

I

ווער און וואָס איז אַ שריפטשטעלער

מיט אַ קליין הייפעל מענשען בין איך איינמאָל געגאַנגען נאָך דער מטה פון אַ געשטאָרבענעם אידישען מחבר, וועלכער האָט איבערגעלאָזט ווייב און קינדער אָהן מיטעל, ווי דער שטייגער איז. ביי דער דאָזיגער טרויעריגער געלעגענהייט איז אויפגעוואָרפען געוואָרען די פראַגע, ווייסט גאָט צום וויעפיעלטען מאָל שוין: פאַר וואָס מען זאָל נישט זעהן צו גרינדען עפּיס אַ פאָנד פאַר אָרעמע שריפטשטעלער אָדער גלאַט אַזוי אַ ליטעראַטור־קאַסע אָדער כדומה עפּיס אַזאַ זאַך? איך האָב מיך פערטראַכט. מיין קאָפּ האָט אָנגעהויבען בעשעפטיגען אַ פראַגע, וועלכע האָט איהם שוין אַזוי אָפט בעשעפטיגט, און אויף וועלכע איך ווייס נאָך אַלץ נישט קיין תשובה! וואָס איז אייגענטליך אַ שריפטשטעלער? ווער איז אייגענטליך אַ שריפטשטעלער? קען זיין אַ „חברה" פון שריפטשטעלער — פון שריפטשטעלער סתם — אַזוי ווי עס איז דאָ חברה פון שניידער, שוסטער, בעקער, בעלי־עגלות און דערגלייכען? איז דאָ איין אָנהויב און אַ סוף פון אַ לעהרצייט, וועלכע גיט איינעם דאָס רעכט צו זאָגען, אַז נעכטען האָט ער געלערענט און היינט איז ער אַ געזעל און מאָרגען איז ער אַ מייסטער? ביי אַ יונגעל, וועלכער לערנט זיך ביי אַ פאַבריק־מאַכער, זעה איך די דאָזיגע פאַזען; קען איך זיי אויך זעהן ביי דעם דאָזיגען פאַך, וועלכע הייסט שריפטשטעלעריי? איז דאָ אַ גרענעץ צווישען דעם, וועלכעס בערעכטיגט איינעם, זיך אָנצורופען שריפטשטעלער, און צווישען דעם, וועלכעס גיט נישט דאָס דאָזיגע רעכט? — די פראַגע, זעהט איהר, איז אַ רעכט ביסעל פערדרעהט, און איך גלויב נישט, ס'זאָל זיין אַ תשובה, וועלכע זאָל קענען בעפריעדיגען נאָך אַלע זייטען. שוין שאָפענהויער האָט זיך בעשעפטיגט גענוג מיט דער דאָזיגער פראַגע. איך געדענק: דענסמאָל ווען די סטרייקען זענען געוועזען שטאַרק אין דער מאָדע און יעדער בעל מלוכה האָט פלוצלינג דערפיהלט, אַז ס'איז פראָסט זיין פליכט צו שרייען,

דאָס מען עקספּלואַטירט אים, און אויך די שריפטשטעלער בתוכם, און דעריבער מוז יעדער זיך זעהן צו אָרגאַניזירען און מוז געהערען צו זיין פּראָפעסיאָנעלען פעראיין, וועלכער זאָל זיך אָננעהמען פאַר זיינע אינטערעסען — נאָך דענסמאָל האָט איינער פון די בונדלייט געפּרובט רעדען מיט מיר אַ מאָל וועגען אַ פּראָפעסיאָנעלען פעראיין פון שריפטשטעלער, און איז געקומען צום שלום, אַז די זאַך איז אין גאַנצען נישט מעגליך, ווייל ס'איז נישט דאָ יענע גרענעץ, וועלכע זאָל בעשטימען גענוי, וואָס און ווער עס איז אַ שריפטשטעלער.

וואָס איז אַ שריפטשטעלער? עס זענען פאַרהאַן פיעל מענשען, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט גייסטיגער אַרבייט, און די רעזולטאַטען פון דער דאָזיגער גייסטיגער אַרבייט רעדען זיי אַרויס שריפטליך. אויבעגאָן פון דעם דאָזיגען מין שטעהען די העלדען פון דער טאַגעס־פּרעסע. זיי בעשעפטיגען זיך מיט אַלעם וואָס טהוט זיך אָב אים עפענטליכען לעבען, מיט אַלע פּאָליטישע,ווירטשאַפטליכע, וויסענשאַפטליכע און קינסטלערישע ערשיינונגען פון דער געגענוואַרט, אַ מאָל נאָר אַלס בעריכט־ערשטאַטער און אַ מאָל אויך קריטיש, יעדער פון דעם שטאַנד־פּונקט פון זיין פּאַרטיי, ענטוועדער פאַר די זאַך אָדער געגען איהר. אייגענטליך זיינען זיי ווי די רעדנערס אין אַלטערטהום וועלכע פלעגען שטעהן פאַר דעם פאָלק און פלעגען בעהאַנדלען די ערשיינונגען פון יעדען טאָג, מיט דעם חילוק, וואָס יענע האָבען זיך בענוצט מיט דער שטימע און זיי דאָ בענוצען זיך מיט דער פּעדער, זיי וואַרטען נישט מיט זייער שרייבען ביז זיי וועלען קריעגען רוח הקודש; זיי שטעהען און האָרעווען ווי די בעלי מלחמות אויפ'ן שלאַכטפעלד, אַלע מאָל נאָר צוגעפּאַסט צו דער מינוט און צו דעם, וואָס איז גראָד דאָס נייטיגסטע. זענען די דאָזיגע — שריפטשטעלער? אודאי! אָפּט האָבען זיי אין זייער לעבען אָנגעשריבען מעהר בויגען, ווי איין אמת'ער גרויסער דיכטער האָט אָנגעשריבען אותיות. מילא, זענען עס שריפטשטעלער אָהן אַ רוח הקודש! . . .

ווידער זענען פאַרהאַן פיעל מענשען, וועלכע האָרעווען גייסטיג זעהר פיעל; דאָס זענען פאַכמענער און געלעהרטע פון אַלע מינים, וועלכע טראַכטען אייגענטליך גאָר נישט וועגען דער עפענטליכקייט און וועלכע וואָלטען זיין די אייגענע גרויסע פאַכמענער און געלעהרטע אפילו ווען זיי וואָלטען

בעהאַלטען פאַר זיך אַליין די רעזולטאַטען פון אַלע זייערע פאָרשונגען. אַ קאָפּערניק למשל האָט זעהר פיעל אויסגעטראַכט און האָט יעדעס מאָל עפּיס געשריבען וועגען זיינע ערפינדונגען. איין עדיסאָן האָט זעהר פיעל און וויכטיגע ענטדעקונגען געמאַכט און האָט אויך געשריבען, וועגען דעם וואָס ער האָט ענטדעקט, דאַרווין האָט די רעזולטאַטען פון זיינע פאָרשונגען אויפ־געשריעבען. ער וואָלט אָבער זיין דער אייגענער וויכטיגער דאַרווין, ווען ער וואָלט יענע פאָרשונגען מוסר געווען דער וועלט בעל פּה. איז אַלזאָ עדיסאָן אַ שריפטשטעלער? זענען קאָפּערניק און דאַרווין געווען שריפטשטעלער? — ביי די דאָזיגע לייט איז די שריפטשטעלעריי נאָר אַ נעבען־ערשיינונג פון זייער פאַך.

און ווידער זענען פאַרהאַן מענשען פון גאָטעס גנאָד, וועלכע האָבען אין גליקליכע מינוטען אַרויסגערעדט ווערטער, וואָס אַנדערע האָבען גע־מוזט פאַר זיי אויפשרייבען, און פאַרט זענען עס ווערטער, וועלכע האָבען גאַנצע וועלטען איבערגעאַנדערשט. למשל: משה רבינו, סאָקראַט און נאָך אַזעלכע. עס איז שווערליך זיי אָנצורופען שריפטשטעלער. עס וועט למשל נישט אַזוי שעהן קלינגען, ווען מען וועט זאָגען, אַז דער הערר משה רבינו איז דער מחבר פון דעם שעהנעם געדיכט „האזינו השמים ואדברה", אָדער דער הערר סאָקראַט פון דער שטאָדט אַטהען איז דער שריפטשטעלער פון דער און דער וועלט־חכמה. — עס זענען פאַרהאַן דיכטער, וועלכע האָבען אין אַ מינוט פון רוח הקודש אָנגעשריבען אונשטערבליכע זאַכען; אָפט נאָר האָט זיך דאָס געטראָפען ביי זיי נאָר איין איינציג מאָל אין זייער לעבען, און נישט מעהר, קען מען מען זיי רעכענען פאַר שריפטשטעלער?

איז שרייבען אַ קונסט אָדער אַ וויסענשאַפט? — שרייבען שרייבט יעדער ראובן און יעדער שמעון. יעדער געשעפטס־בריעף, יעדע „סאָאָבשט־שעניע" פון פאָליצמייסטער. יעדע רעכנונג פון שוסטער האָט צו טהון מיט דעם מין, וועלכער הייסט שרייבען. זענען די דאָזיגע „שריפטען" אויסגע־שלאָסען פון דער שריפטשטעלעריי, ווייל זייער שטאָף איז אַזאַ ניעדריגער? אָט ווידער לייען איך אַ צואה פון שכיב מרע, איך לייען אַ ליעבעס־בריוועל פון אַ יונג מיידעל; אמת יעדע שורה איז פול פון גראַמאַטיקאַלישע און אָרטאָגראַפישע פעהלער, דער שטאָף איז אָבער אַזוי עדעל און ערהאַבען, אַז יעדעס וואָרט ריהרט מיך ביז אויף טרעהרען. געהען די דאָזיגע שרייבער־

צען אריין אין דעם סוג פון שריפטשטעלעריי ווייל זייער שטאָף בערעכטיגט זיי דערצו?

האָט דער ווערטה פון אַ שטאָף, וועגען וועלכען מען שרייבט, עפּיס צו טהון מיט דעם ווערטה פון דעם שריפטשטעלער, וועלכער שרייבט? עס זענען פאַרהאַן ביכער און אַרטיקלען וועגען אַלע חכמות שבעולם: וועגען געאָגראַפיע און היסטאָריע, פילאָזאָפיע און מעדיצין, און די דאָזיגע זענען אָנגעשריבען אין אַ שפּראַך, איבער וועלכע מען מעג זיך קורע זיין, און פּאַרט זענען עס אויסגעצייכענטע ביכער און אַרטיקלען. און ווידער זענען פאַרהאַן ביכער און אַרטיקלען וועגען סקאַטשקעס און קאַרטענשפּיעלען, וועגען געזעלשאַפטס־פּערוויילונגען און פאַמיליען-סקאַנדאַלען, בקיצור אַזעלכע, וועלכע זענען צוליעב זייער שטאָף נישט ווערטה אַ קאָפּיקע, און נאָר האָבען זיי אַ שפּראַכע, וועלכע פינקעלט פון וויץ און פון שעהנקייט. זענען די ערשטע דעריבער שריפטשטעלערישע ווערק, ווייל זייער שטאָף בערעכטיגט זיי דערצו, און די צווייטע דעריבער, ווייל זייער פאָרם ערלויבט עס?

וואו הויבט זיך אָן די שריפטשטעלעריי און וואו ענדיגט זי? מיר רופען אָן ניעטצשע אַ שריפטשטעלער, מיר רופען אָבער אויך אָן אַ צייטונגס־אַרבייטער שריפטשטעלער. דער דיכטער, וועלכער האָט געשריעבען דאָס וואונדערבאַרע קאַפּיטעל תהלים „עוטה אור בשלמה, נוטה שמים כיריעה", און דער דאָזיגער, וועלכער שרייבט אין „טאַגעבלאַט" די מודעה, אַז „בכאן איז צו בעקומען יין כשר על חג הפסח" — ביידע האָבען זיי געשריבען עפּיס, וואָס זיי ווילען, אַז די וועלט זאָל עס וויסען. די עשרת הדברות אין דער תורה און די צעהן שורות „אויפזאַץ" וועלכען מיין זוהן מאַכט פאַר'ן לעהרער אין דעם קלאַס! איז דער עגול (קרייז) פון דער שריפטשטעלעריי באמת אַזוי גרויס, אַז ער קען אַלע די דאָזיגע קאַטעגאָריען פון שרייבערייען אין דאָס גאַנצע מענשליכע געשלעכט; די חיות אין וועלדער און מדבריות זענען נישט קיין שריפטשטעלער, יעדער מענש אָבער איז אַ שריפטשטעלער!

אָדער זאָלען מיר זאָגען, אַז דאָס איז נישט קיין עגול, נאָר דאָס איז אַ לייטער מיט אומצעהליגע שטופען פון אויבען ביז אונטען, און אויבען אויף דער ערשטער שטופע זיצען די ערשטע, די גרעסטע, ווי למשל: יוליוס צעזאַר, שעקספּיר, געטהע, פּושקין און ניעטשע.. וויפיעל־זשע מיליאָנען

שטופּען מוז אזא ליטער האָבען, ביז מיר קומען אַראָב צו יענעם אײנגעל וועלכער שרייבט איין „אויפזאַץ" פאַר'ן לעהרער, אָדער ביז צום סקאַנדאַל־שרייבער, וואָס שרייבט פאַר עטליכע גראָשען אַלצדינג, וואָס איז נייטיג צום עסק? געהערען דאַן די דאָזיגע ניט צו דער ליטעראַטור ווי שעקספּיר און לערמאָנטאָוו?

ווען נישט — וואו איז די גרענעץ? הענגט אַלצדינג אָב נאָר פון דער עהרליכער און אמת'ער איבערצייגונג פון שריפטשטעלער? איז נאָר דער אַ שריפטשטעלער, וועלכער רעדט עהרליך און אמת? — ווער אָבער קען עהר־ליכקייט און אמת קאָנטראָלירען? אַט קומט אַ קריטיקער און זאָגט איינעם שבחים ביז אין הימעל אריין, און מאָרגען, ווייל דאָס טרינקגעלד איז נישט געגעבען געוואָרען, הויבט ער אָן דעמזעלבען צו שענדען ביז אין שאול תחתיה! זאָל איך געהן און זאָגען אזא מין בעשעפעניש, אַז ער איז דער געמיינסטער, ניעדערטרעכטיגסטער מענש פון דער וועלט? מי יודע! אזא מין בעשעפעניש קען מיר אָנהויבען צו דרעהען מיט די אויגען און רעדען מיט גאָט און מיר זאָגען, אַז אמת, ער האָט געהאַט איצט איצט יענע און יענע מיינונג, נאָר איצט אָבער זענען איהם די אויגען אויפגעגאַנגען און ער האָט בעקומען אַ נייע איבערציינונג. און דו געה, טהו איהם עפּיס! חוץ דעם אָבער האָב איך נאָך אַ קשיא: ווי איז ווען דער בעטרעפענער שריפטשטעלער רעדט שוין לויט זיין עהרליכע און אמת'ער איבערצייגונג, נאָר אָבער איז דאָס, וואָס ער זאָגט, לויטער נאַרישקייט. פּראָסט אויף אַ גאָפּעל אויפצו־שטעכען? גיט איהם דאָס דאָזיגע דאָס רעכט, זיך צו שטעלען נעבען די, וועלכע האָבען געגעבען אַ וועלט לויטער נייע, גרויסע און עפּאָכע־מאַכענדע אידעען?

מילא, איך בין שוין מוחל אויך דאָס. איך וויל שוין אָננעהמען, עס זע־נען דאָ גוטע און שלעכטע שריפטשטעלער, ובכן געהערען יענע צו די גוטע און די — צו די שלעכטע. איך בין זאָגאַר נישט מחויב צו זאָגען, אַז אפילו די, וועלכע שרייבען גאַנץ ריכטיג און אָהנע גראַמאַטיקאַלישע פעהלער, דער־פאַר אָבער שרייבען זיי נאַרישקייטען, געהערען צו די גוטע שריפטשטעלער. די פאָרם אַליין מאַכט נישט דעם שרייבער פאַר אַ שריפטשטעלער; פאַר אַ גוטען שריפטשטעלער שוין אודאי ובודאי נישט.

ווען אַזוי אָבער — ווען די פאָרם און דער אינהאַלט זענען נאָר סימ־

נים לויט וועלכע עס אונטערשיידען זיך די שריפטשטעלער צווישען זיך, די גוטע פון די שלעכטע, וועלכע זשע זענען די סימנים, לויט וועלכע עס אונ־טערשיידען זיך די שריפטשטעלער פון די נישט־שריפטשטעלער בכלל? הייסט אפשר נאר דער א שריפטשטעלער, וועלכער לעבט פון דער פעדער און האט זיך דאס שרייבען געמאכט פאר א פרנסה? ווען אזוי, דאן אך און וועה! דען באופן זה וועלען מיר מוזען מודה זיין, אז די בעסטע זאכען זענען געווארען געשריעבען פון אזעלכע, וועלכע זענען נישט געוועזען קיין שריפטשטעלער. למשל די שענסטע קאפיטלעך תהלים זענען געשריבען גע־ווארען פון אזעלכע נישט־שריפטשטעלער. באופן זה וועלען מיר מוזען אויס־שטרייכען פון דער ליסטע פון שריפטשטעלער אזעלכע מענשען ווי יוליוס־צעזאר, פרידריך דעם גרויסען, ביסמארק'ען מיט זיינע „זכרונות", בי־קאנספעלד'ען מיט זיין „טאנקרעד" און „עמדימיאן", און אפילו דעם רמב'ם מיט זיין „מורה נבובים" און מאפו מיט זיין „אהבת ציון", ווייל זיי אלע האבען נישט געלעבט פון דער פעדער. אדרבא, עס זענען פארהאן אזעלכע, נישט נאר זיי האבען נישט געלעבט פון דער פעדער, נאר זיי זענען גאר געשטארבען, צוליעב איהר, ווי למשל דזשארדאנא ברונא. חוץ דעם, ווי־פיעל וייסען מיר פון אזעלכע. וועלכע האבען געשריעבען טאג ווי נאכט און האבען קיינמאל נישט געהאט זיך זאט צו עסען און זענען צום סוף געשטארבען פאר הונגער.

ווי מיר זעהען, איז שוין שווער גענוג צו פערבינדען דעם בעגריף שריפטשטעלעריי מיט דעם בעגריף פרנסה; פערבינדען אבער דעם בעגריף פרנסה מיט דעם בעגריף „דיכטער", דאס איז שוין כלל וכלל נישט מעגליך. די דיכטונג אלס א בעלהב'תיש פאך! ווערען א דיכטער, ווי מען ווערט א דאקטאר אדער א בעקער אדער א מוזיקאנט! און פארט קומען אלע מאל נאך די בחורים'לעך צו געהן און ברענגען מיט אין די קעשענעס גאנצע פעק מיט „ליריק" און מיט פינף־אקטיגע דראמעס און פרעגען נאך א מאל: אויב זיי מעגען זיך נעהמען צו דער דאזיגער פרנסה פון דער שריפטשטעלע־ריי, פון דער דיכטונג? און זאגסט דו זיי „ניין", הערען זיי דיך ווי דעם פאראיאהריגען שנעע, און פאהרען אוועק קיין שווייצאריע, אום זיך „מכין" צו זיין, און שטודירען פילאזאפיע און עסטהעטיק. רבונו של עולם! ווי ווען טויזענד עסטהעטיקע'ס פון דער וועלט וואלטען זיין אים שטאנד צו נוצען

איינעם אָנצושרייבען אפילו נאָר אזא : „אונטער יאָסעלע׳ס וויגעלע שטעהט א גאָלדען ציעגעלע”.

נאָר דאָס קאפּיטעל „דיכטער אלס פּאכמאַן” איז אַ קאפּיטעל פאַר זיך, וועגען וועלכעם עס לויהנט זיך אין אַ בעזונדערען ארטיקעל צו רעדען. דער־ווייל האָב איך נאָר געוואָלט די פראַגע בעריהרען : וואָס איז אייגענטליך א שריפטשטעלער ?

איז שרייבען א קונסט אָדער אַ וויסענשאפט ? וואו איז די גרענעץ ? וואו הויבט זיך אָן די שריפטשטעלעריי און וואו ענדיגט זי ? ווער האָט דאָס רעכט זיך צו רופען שריפטשטעלער און ווער נישט ? וועט נאָך קומען א צייט, אז מען וועט דרוקען אויף זיין וויזיטען קארטע, דאָס וואָרט „שריפט־שטעלער”, אזוי ווי מען דרוקט „שניידערמייסטער”, און מען וועט דערביי נישט רויט ווערען ?

II

ווי און וואָס איז שריפטשטעלעריי ?

אין פאָריגען קאַפּיטעל האָב איך בעריהרט דאָס טהעמאַ : „ווער און וואָס איז אַ שריפטשטעלער ?" און האָב געזאָגט. אַז דאָס קאַפּיטעל „דיכטער אַלס פאַכמאַן" (דאָס הייסט : שריפטשטעלעריי אַלס פּרנסה) איז אַ קאַפּיטעל פאַר זיך, וועגען וועלכעס עס לויהנט אין אַ בעזונדערען אַרטיקעל צו רעדען. איך וויל פּרובען אין דעם אַרטיקעל רעדען וועגען דעם.

שריפטשטעלעריי אַלס פאַך, אַלס פּרנסה, אַלס ברויט — זעהט איהר, מעגליך איז דאָך אַלעס, און אויך דאָס איז מעגליך. אָבער ריכטיג גענומען, האַלט עס דאָס שטאַרקסטע דיכטונגס-פערד (פּעגאַז) גאַנצען טאָג, פון דער פריה ביז אין דער נאַכט אַריין. אפילו אַ גלאַט פערד האַלט אַזעלכעס נישט אויס. און דעריבער איז געווען פון תמיד אָן אַ מנהג, אַז דער שריפטשטעלער האָט געהאַט פּריוואַטע בעשעפטיגונג, פון וועלכער ער פלעגט לעבען. איינער איז געווען דאָקטאָר, און האָט נעבענביי זיך געשריבען אַ „מורה נבוכים" מיט אַ „יד החזקה" ; איינער איז געווען דיאַמאַנטען-שלייפער, און האָט מן הצד דערווייל אונז אָבגעאַרבייט איין „עטהיקאַ" און אַ „פּאָליטיש-טהעאָלאָ-גישען טראַקטאַט" ; איינער איז געווען מיניסטער (יעדענפאַלס אויך אַ פּרנסה !), און אין פרייע שטונדען פאַרטיג געמאַכט אַ „טאַנקרעד" און אַ „דוד אלראי". און אַזוי אייגענטליך פיהרט עס זיך ביז אויפ'ן היינטיגען טאָג. איינער פאָהרט אין טהעע-געשעפטען — און פילאָזאָפירט אונז זיינע פילאָזאָפיעס ; איינער דיענט ביי דער קהלה — און שרייבט אונז זיינע פאָלקסטימליכע מעשה'לעך ; איינער שרייבט קאָרעספּאָנדענציעס פאַר אַ צייטונג — און ווען ער האָט צייט, שרייבט ער אַמאָל עפּיס אַ שריפטשטעלעריישע זאַך אויך. אָבער לעבען פון דער פּאָעזיע ? . . . שאָפּענהויער זאָגט : „אַ מענש, וואָס אונטערנעמט זיך צו לעבען פון די מוזעס, קומט מיר ביסעל פאָר ווי אַ מיידעל, וועלכע האָט פּרנסה פון איהר שעהנקייט". — מאַכט זיך

אַמאָל מענש, וואָס האָט ביי זיך אַ קוואַל פאַנטאַזיע, וועלכער שעפּט זיך קיינמאָל נישט אויס, און איז ער זיכער, אַז זיין שטראָם וועט זיך קיינמאָל נישט פערלויפען און פערליערען און׳ם זאַמד — מהיכא תיתי, זאָל אַזאַ מענש פּרובען און זאָל ער מצליח זיין. אויסנאַהמען זענען דאָ אויף יעדען געביעט. אָבער לכתחלה אַלס יונגער מאַן, ביים זוכען אַ פּרנסה־פאַך, זאָל מען רעכענען אויף אַזאַ קוואַל, דאָס ער וועט זיך קיינמאָל נישט פערלויפען און פערליערען, דאָס איז עפּיס אַזוי ווי איינער געהט התונה האָבען און בויען אַ הויז אויף דעם סמך, אַז ער וועט געווינען אין דער לאָטעריע.

וואָס איז שריפטשטעלעריי ? וואָס איז דיכטונג ? — נאַטירליך, ווען דאָס זאָל זיין אַ מלאכה אַליין, דאַן איז רעכט אַלצדינג. אין אמת גערעדט, איז עס דאָך אָבער אַנדערש. דער דיכטער, האָט איז דער מענש אַליין. וואָס מעהר אונגעוועהנליך דער מענש איז, וואָס מעהר אונגעוועהנליך איז אויך זיין פּאָע־זיע. דעם דאָזיגען אונגעוועהנליכען מענשען אָבער שטעהט על פּי רוב דער געוועהנליכער, דער מענש פון אַ גאַנץ יאָהר, אַלס שונא געגענאיבער — און דאָ וויל מען, אַז ער זאָל פערשטעהן דעם דאָזיגען און זאָל איהם נאָך צו־צאָהלען פאַר זיינע "זידלערייען און בעליידיגונגען" ! דען וויסען מוז מען, אַז דער דיכטער, דער אמת׳ער, ליידט, על פּי רוב אונטער די פויסטען פון די געוועהנליכע אויף דער טאָרטור פונם לעבען, און אָפט, ווען די שרויבען קוועטשען אַביסעל צו זעהר און דאָס אייזען אונטער די פיס גליהט אַ ביסעל צו שטאַרק, דאַן ווערדט דער דיכטער, דער אמת׳ער, ווילד און לאָזט־אויס זיין כעס און זיינע שמערצען צו אַלע וואָס שטעהען איהם ענטקעגען און ער „זידעלט" און ער „בעליידיגט" — קען מען פערלאַנגען, אַז דערפאַר זאָל ער זיך לאָזען בעצאָהלען און דערפאַר זאָלען זיי איהם צאָהלען ? — דער דאָזיגער, וועלכער שרייבט און דיכטעט, ווייל ער קען נישט אַנדערש, דער דיכטער לשמה, דער ווייס עס גאַנץ קלאָר, אַז אויף דער טהיר פון דער פּאָע־זיע שטעהט אָנגעשריעבען ווי אויף דאַנטע׳ס טהיר פון׳ם גיהנם : „לאָז אין דרויסען אַלע דיינע האָפנונגען !" און ווען ער געהט דאָרט אַריין, טראַכט ער נישט מעהר וועגען פאַך און פּרנסה און ברויט . . . און דאָרט אַריינגעהן האָט ער געמוזט !

און וואָס איך זאָג דאָ וועגען דער פּאָעזיע בפרט, וועלכע איז די עדעלס־טע פאָרם פון ליטעראַטור, דאָס אייגענטליך איז צו זאָגען אויך וועגען דער

שריפטשטעלעריי בכלל. אייגענטליך האָט קיינער נישט געטאָרט נעהמען אַ פעדער אין האַנד אַריין, ווען נישט עס ליעגט איהם אַ געדאַנקען אויף דער נשמה, וועלכער טרייבט איהם מיט געוואַלט, אַז ער זאָל עפענטליך אַרויסגעזאָגט ווערען. ווען אָבער אַ שריפטשטעלער מוז ערשט אַרומגראַבלען און אַרומזוכען: „וועגען וואָס זאָל איך דאָס היינט שרייבען, כדי מיין היינטיגען פעליעטאָן אויסצופילען און ממלא צו זיין דאַדורך די הכנסה פון דער היינטיגער וואָך?“, דאַן נאַטירליך איז טויזענד מאָל בעסער, ווען ער זאָל גאָר נישט שרייבען. בעסער אַז ער זאָל איבערהויפּט נישט „זיין“ אַ שרייבער. דען וואָס עפּטער אַזוי איינער מוז זוכען אַ שטאָף, ווערדט אַלץ מעהר און מעהר די שרייבעריי ביי איהם אַ מלאכה, ביז צום סוף וועט דאָס דאָזיגע האַנדווערק נישט שטעהן העכער ווי זעמעל־באַקען, אָדער אפילו אַזוי הויך אויך נישט. זעמעל־באַקען איז ווענינגסטענס אַ גוטע, אַ נעטהיגע זאַך, אָבער איין אַרטיקעל שרייבען נאָר מכח די דריי גראָשען אַ שורה איז אַ שלעכטע, אַ נישט נעטהיגע זאַך! עס איז אַ געפעלשטע גייסטעס־נאַהרונג, און איז אייגענטליך מעהר שעדליך ווי ברויט, וואָס איז געבאַקען פון פערשימעלטע און געפעלשטע מעהל.

און פּאָרט איז עס ליידער אַזוי ווייט געקומען, אַז אונטער הונדערט שריפטשטעלער געפינען מיר נייניאונניינציג בעלי־מלאכות! און אפילו דאָס זענען זיי אויך נישט — דען דאָס ביסעל שרייבען קומט זיי אָן מיט שוויים און אַנגסט. איך קען אַזעלכע, וואָס געהערען צו פאַך און לעבען מישטיינסגעזאָגט פון ליטעראַטור, און פּאָרט קוועהלט זיי תמיד דער איינציגער געדאַנקען: „טאַטע פאָטער! וואָס זאָל איך שרייבען?“. איך קען איינעם, וועלכער איז גאָר שוין אַ רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג אויך געוואָרען, און עס איז פּאָרט אַ צער בעל החיים צוצוקוקען זיך און צוהערען תמיד זיינע זיפצען און קרעכצען און צוזעהן זיינע שטענדיגע קלאָפּאָטען וועגען צו „קריעגען אַ טהעמאַ“ צום שרייבען קריעגען אַ טהעמאַ? אייגענטליך זעהט איהר, איז דאָך דאָס אַ ביסעל וואונדערליך און ווילד, האָסט דו נישט וואָס צו שרייבען, איז דאָס איינפאַכסטע, דו שרייבסט גאָר נישט. אַ שרייבער וואָס זיין מוח איז נישט אַ קוואַל פון אַלע מאָל נייע געדאַנקען און זיין האַרץ איז נישט אַ קוואַל פון אַלע מאָל נייע געפיהלען און זיין חוש איז נישט אַ קוואַל פון אַלע מאָל נייע שעהנקייטען — ברויכסט דו אַ בעסערן בעוויז, אַז אַזוי איינער

איז גאָר קיין שרייבער נישט ? אדרבא, דער געבוירענער שרייבער האָט אזאַ'ן אָנגעפילטען שפּייכלער מיט שטאָף, אַז אפילו ווען ער וועט לעבען צוויי מאָל זיבעציג יאָהר, וועט ער נישט בעוויזען אָבצושרייבען אַלעס וואָס בעשעפטיגט זיין גייסט — און אָט זענען פאַרהאַן מענשען, וועלכע קלאָגען זיך, אַז זיי האָבען נישט, וואָס צו שרייבען ! און נאָך מעהר : די דאָזיגע זענען שריפטשטעלער פון פאַך !

און אָט זענען די דאָזיגע די קלאָגען פון די אמת'ע, און ביי דעם פאַר־בליקום און ביי זיך אַליין זענען זיי שריפטשטעלער ! פאַר וואָס ? וואָס פאַר אַ מחותן איז אַזוי איינער מיט יענע ? און ווען אַזאַ „שריפטשטעלער" טויג דאָן אפילו צו דער דאָזיגער עלענדער שונד־ארבייט אויך שוין נישט און בלייבט צום סוף שטעקען אין מיסט, זאָגט, האָבען מיר די פליכט צו מאַכען שריפטשטעלער-קאַסעס און שריפטשטעלער־פעראיינען, כדי איהם צו העלפען אין דער נויט ?

איהר זאָלט מיך נאָר ריכטיג פערשטעהן : איך בין נישט קעגען אַ דבר טוב און קעגען נדבות און אונטערשטיצונגען. דער שכור, וועלכער וואַלגערט זיך אין רינשטאָק און ראַנגעלט זיך מיט זיינע צרות און פורעניות, ער מעג זיין נאָך אַזוי געפאַלען, וועלען מיר זיך נישט אָבזאָגען פון רחמ־נות אויף איהם און פון אַ נדבה פאַר זיינעטוועגען ; און אונזער רחמנות וועט וואַקסען, ווען מיר וועלען הערען, אַז דאָס איז אַ מאָל געווען אַ שריפט־שטעלער, איינער מיט שטאָלצע פּלענער, און דאָן איז ער פאַר דער צייט גע־פאַלען און איז דורך אומגליקליכע פערהעלטניסע אריין אין דעם שמוץ. מיר האָבען אָבער אויך גאָר אַנדערע צווישען זיך ; אין אונזער משפחה און אונטער אונזער פירמאַ, די פירמאַ פון שריפטשטעלעריי, ארבייטען אויך גאַנץ אַנדערע מענשעלעך. און ווען מיר וועלען אַמאָל הערען, אַז דאָס איז איינער, אַ געמיינער יונג, וואָס האָט מיט זיין פעדער געלייגט און געמסר'ט, גאָט געלעסטערט און דאָס מיסט געלויבט פאַר אַ פאָר קאָפּיקעס, ביז ער איז צום סוף אפילו פאַר די דאָזיגע געמיינע זאַכען שוין געווען צו געמיין — וועט איהם אויך דאַן זיין „שריפטשטעלעריי" געבען אַ רעכט אויף אונז ? איך מיין : אים געגענטהייל ! אים געגענטהייל !

ווי און וואָס איז שריפטשטעלעריי ? — כ'לעבען, עס איז נישט דאָס בלויזע שרייבען, סיי עס קומט אָן לייכט, סיי עס קומט אָן מיט אַנגסט און

שוויס, עס איז נאך גאנץ עפּיס אנדערש! שרייבען אליין. אן און פאר זיך, דאס איז גאר נישט; אנהויבען הויבט זיך אן די שריפטשטעלעריי ערשט דער־מיט, וואס דער שרייבער איז אפּערזענליכקייט. און ווייל ער איז א פּערזענ־ליכקייט! און ווייל ער האט עפּיס אויף דער נשמה, און ווייל דאס דאזיגע, וואס ער האט אויף דער נשמה, דרענגט איהם און קוועהלט איהם און לאזט איהם נישט צו רוה ביז ער וועט עס נישט האבען ארויסגעזאגט, דעריבער איז ער א שריפטשטעלער. געוועהנליך איז עס דער עדעלסטער און ריינסטער מענש — אבוואהל לויט דער ביליגער עטהיק פון א געוועהנליכען מענשען קען גאר אויסקומען, אז דאס איז א רויהער און געמיינער, א נישט־מאראלישער און גע־פעהרליכער מענש. מיר קענען נישט פערלאנגען, אז דער געוועהנליכער מענש פון גאס זאל האבען איין אויער פאר פיינערע מוזיק. יעדענפאלס אבער מוז דער שריפטשטעלער זיין נישט נאר איינער וואס קען איינטונקען א פעדער אין א מינטער און דערמיט מאכען אויף׳ן פּאפּיער, נאר ער מוז זיין איין עפּיס, א בעזונדערס, א נישט געוועהנליכס, א פּערזענליכקייט — און דאס שרייבען איז דאן נאר דאס נויטווענדיגע מיטעל, אום אל די דאזיגע זאכען דערמיט אויסצודריקען. דאס שרייבען איז אייגענטליך נאר די נעבען-ערשיינונג און איז איינס פון די הונדערט אופנים דורך וועלכע א פּערזענליכקייט גיט זיך צו ערקענען.

רבונו של עולם! ווער אבער קריכט נישט אלץ אונטער דער דאזיגער פירמא און ווערט נישט געצעהלט צו דער דאזיגער משפּחה? נעבען איין עכטען זענען אלע מאל ניין־און־ניינציג געמאכטע.

און אלע זענען קאלעגען, און אלע הייסען שריפטשטעלער, און אלע זאלען זיי געהערען צו איין צעך און זאלען האבען איין פעראיין! עוזר בלאה־שטיין און עמיל זאלא —ביידע האבען זיי דאך געארבייט מיט איין און דיזעלבע מיטלען: מיט א פעדער פאר א גראשען און מיט טינט און פּאַ־פּיער!

גוט, איך בין זעהר פאר א שריפטשטעלער-פעראיין — נאר וואלט איך וועלען, אז ביי דער טהיר זאל עפּיס זיצען א מלאך, ווי לחבדיל אין הימעל און זאל אבשיקען די גוטע אין גן-עדן און די שלעכטע אין גיהנם אריין.

אנדערש ווייס איך מיר קיין עצה נישט צו געבען. אָדער זאָל מען גאָר נישט קוקען אויף שריפטשטעלער און נישט־שריפטשטעלער, און נאָר זאָל מען שטיצען און העלפען ווער עס ברויכט שטיצע און הילף. אויך די זון לחבדיל איז זיך דאָך אזוי נוהג: זי גיסט אויס איהרע שטראַהלען אויף אַלעמען צוגלייך, אויף גוטע און שלעכטע, אויף שריפטשטעלער און נישט־שריפטשטעלער. בעזונדערע שטראַהלען פאַר דעם וואָס איז אַ טאַלאַנט האָט זי נישט.

אינהאַלט:

פרישמאַנס אויטאָביאָגראַפיע	זייט	5
טעאָדאָר הערצל	"	11
מאַקס נאָרדוי	"	27
דוד וואָלפסאָן	"	32
עמנואל מאַנדעלשטאַם	"	37
ד"ר שלמה רובין	"	42
משה ליב ליליענבלום	"	46
יהל"ל	"	50
ד"ר. י. ל. קאַנטאָר	"	54
בן־יהודה	"	58
„רבי קרוב"	"	63
שמעון שמואל פרוג	"	69
יעקב דינעזאָהן	"	75
שלום־עליכם	"	80
מענדעלע מוכר־ספרים	"	86
ד"ר י. ל. קאַצענעלסאָהן	"	143
באַרטאָלדי	"	147
ראָטשילד	"	153
קאָלעגע ראָטשילד	"	157
דוד גינצבורג	"	162
מנשה מרגלית	"	166
טאָלסטאָי	"	170
עליזא אָרזשעשקא	"	174
מאַריא קאָנאָפּניצקא	"	178
סובאָרין	"	181
ווילהעלם II	"	185
צוויי מאַנועלס	"	192
אַ זוהן נאַפּאָלעאָן	"	195
פּאַול לאַפּאַרג	"	201
יוסף פּעלדמאַן	"	205
פּעני וואַדי־עפּשטיין	"	209
מאַדאַם לאָבעל	"	214

רשימה פון אַבאָנענטן אויף דוד פרישמאַנס ווערק אין אידיש

דולצין לעאָן
שימאַנאָוויטש גרונם
סולקעס ש.
קראָנהיים ס.
האָלץ סאַלאָמאָן
בעקער מאַקס
פעלדמאַן מ.
בוראַקאָוו ג.
קאָראָנאַ מרדכי
פיינקובען יצחק
קעסעל ג.
בראָנשטיין לייב
באָרענשטיין פעליפע
ווינער אברהם
ראָזנטאַל גבריאל
לאַנדוי שלמה
גאָלדבערג אברהם
ביאַלאָסטאָצקי לעאָן
קראַוזע ישעיהו
פוטיאַנסקי לעאָן
דאָראָטינסקי י. מ.
האָרוויץ נ.
טשערניצקי מ.
ראָזענבערג משה
קאָוונער און טשעסקעס
האַנס יעקב
קרומהאָלץ עמיליא
האַנס וואָלף
לוסטפּאַדאָר ענריקע
קוריאַן מאַוריסיאָ
קראַוס לואיס
דרשן און ווינער
קראַסער לואיס
אַקסעלראָד ראָזע
שאַפּיראָ שמואל
אידישע שולע „יבנה"
שיפער מישא
טשערניצקי אידל
ראָסטענבערג יעקב
רובינשטיין הערש
קינג מאַקס
לאָנדאָן מאיר
סיגאַל באָרים
דריכאַנסקי יצחק
פּיטעלסאָן י.
שנייוויים עדואַרדאָ

גאָלאָמב אברהם
גאָלדשמידט מרדכי
זאַק אליהו
גיטלין ירוחם
סטאַווטשאַנסקי יעקב
יידישע שול אין מעקסיקע
פיין יוסף
קראַכמאַלניק יצחק
קראַכמאַלניק מאַרקאָס
יאַנאָווסקי שמעון
פרענקעל מענדל
פונסקי אברהם
שוועבער אברהם
פרידמאַן מאַנועל
באַקאַל נחמן
נאַנעס אברהם
דר' יאַוונזאָן יעקב
שלעכטער ישעיהו
ראַזאָווסקי יצחק
ניקאָלאַיעווסקי אביגדור
אַלבין משה
פראַוודאַ י.
קאַפּטשינסקי שמחה
מאַריינע מ.
מעלצער שלום
שאַפּיראָ זעליג
קאָנשטאַדט דוד
באָדאַקעוויטש יוסף
בעק יודל
ראַדאַש מאַרקוס
אַלטשולער יחיאל
רייזבוים א.

גרינשטיין הערש
וויניעצקי יוסף
קרומהאָלץ יעקב
ראַבטשינסקי אברהם
קאַפּלאַן יצחק
לאַכמאַן אהרן
שנייוויים משה
סאַרנאָוו חנה
קלעצעל עקיבא
גיערמאַן אלחנן
רוזשאַנסקי יוסף
קושניער אהרן
שניידערמאַן משה
לעוויט מאַקס
וויסבאָרד פייוול
פּאָלישוק משה
מאַרגולעס מאיר
דורשט מנשה
דאַנטום חיים
פלאַסטער הערש
לוסטפּאַדאָר יוסף
בעקמאַן דוד
בלאַכמאַן משה
גאָלדבערג מאַקס
צימערמאַן אברהם
גרינבערג זעליג
גאָלאָמבעק חיים
סטעמפּאַ יוסף
וואָלאָווסקי דוד
מאַרקוס משה
עלטערמאַן יחיאל

ריטער שכנא
לופא יעקב
פאגאוויטש צבי
בעלמינסקי דוד
גאטליב דב
שימאנאוויטש משה
אויגוסטאווסקי דב
גום יעקב
קרעמערמאן משה
בראנזעלער יוסף
מארגאלים אברהם
גאלדבערג משה
עפעלשטיין מאקס
ליווראנט כאצקל
ראפאפארט חיים
וויינגארטן משה
גאראדאווסקי אדאלפא
בלאנק חנה
פערעצמאן חיים
גורוויטש שמואל
שלאם חיים
ביעלאק ז.
קאלטעניוק אהרן
ליסקער פסח
קופער מערל
מאריינע דוד
זאלץ וואלף
זאלץ פאול
ליטוואק אברהם
וייסבארד יצחק
גערוויץ לעאן
רעזניקאוו טוביה

לאנדאן יעקב
פריידבערג ש.
וואלאוויטש א.
ביאליק לעאן
אלפערשטיין יצחק
יונגסטער הערש
גוטמאן משה
אלטער מאקס
לאנדוי קלמן
מילווער אהרן
ניקאליאיעווסקי ש.
שטערן לואיס
מאשינסקי ישראל
שבת שמשון
גוטוערג אברהם
ווינטשעסטער יוסף
אלקאן הערש
טעמין ישראל
קרעמער וואלף
זאנדאוויטש אניטא
פארטנאי רבקה
פרומין יעקב
שוואדסקי גרעגאריא
פארטנאי ליזער
עפשטיין שאול
שוואדסקי סאכאריאש
בערנשטיין ע.
עקשטיין שמואל
גארדענבערג ראובן
גערזאן אברהם
זעליקסאן מאקס
ווישניעוויטש ירחמיאל

פאנאָוויטש שמואל
דולצין שמערל
עלפמאַן אברהם
רובינשטיין דוד
טייפעלד ברוך
דינער יוסף
זיידענוועבער נ.
גרי אברהם
קלינקאָווטשטיין עזר״א
קליין און שיין
פופקא משה
שול „תרבות״
טיקטין אברהם
גאַראָדעצקי דוד
יאַנאָווסקי אברהם
פאָדגאַיעץ חיים
פרייער יוסף
טאַמען איזידאָר
ברוסי י.
רייך ישראל
זינגער בעניטאָ
סוראַסקי אליהו
ליינער שמחה
לערנער נח
פעפער יעקב
דאַנטום לעאָן
קראָהאַם אַלעקס

גליך משה
עדער מענדל
מדרש משה
קורטשאַנסקי מאיר
ברוידע שמשון
קאַראַסיק צבי
מאַגירין שמואל
קושניר אבא
אהרן שטיין

פועבלאַ, פוע.

עליאַמין שמואל
וואָלפסאָן צביה
קוריאַן שמואל
ביעלאַס חיים
לאַדאָשינסקי יצחק
קאַהאַן שלום
קאַהאַן אַדאָלפאָ
פאָלטאָליאַרעק בערטאַ
מאַרגאָלין נחום
לובעצקי מרדכי
וואַסערמאַן צבי

קוערנאַוואַקאַ, מאָר.

קאָהן אשר

טאַמפּיקאָ, טאַמס.

לאָן זיסל

ווייטערדיקע נעמען וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן אין צווייטן באַנד.